חומר קריאה
לתשעה באב

מוסף מיוחד
ל'גליון עונג שבת

עונג שבת
ליקוט מבחר הגליונות לפ'

תשעה באב - תשע"ח - גליון עונג שבת

כל זכויות שמורות להמו"ל

אז תתענג

דברי תורה וחסידות, סיפורי צדיקים וענייני מוסר,
מלוקטים מספרי רבותינו הקדושים מאורי הדורות זי"ע

לע"נ אאמו"ר הרה"ח **אברהם** ב"ר **משה זאב** ז"ל (ראזענבערג) - נלב"ע ב' מנחם אב תשע"ה

[redacted]

בעזהשי"ת

וויל נישט אוועקגיין פון זיין טיפן קעלער

דער ירושלימער רב הרה"ק ר' יוסף חיים זאנענפעלד זי"ע האט געוואוינט אין זייער א קליינע הייזקע וועלכע האט זיך געפינען טיף אראפ אין דער ערד, ס'איז קוים געווען דארט א פענסטער, ס'איז נישט געווען אויסגערישט ווי א דירה.

כאטש ס'האט נישט געפאַסט אז אזא גרויסער גאון און צדיק זאל וואוינען אין אזא ארימקייט, האט אבער דער ירושלימער רב בשום אופן נישט געוואלט וואוינען אין א באקוועמערע הויז צוליב דעם צער פון די שכינה וועלכע איז אין גלות.

אין יענע צייטן האבן די ענגלענדער געהערשט אין ירושלים, איינמאל האט דער ענגלישער הערשער - וועלכער האט געשעאמט פון אידן - געוואלט באזוכן דעם ירושלימער רב, האבן די מקורבים געבעטן דעם רב, אז ער זאל אויפנעמען דעם חשוב'ן פערזענליכקייט אין א שענערע דירה, אבער דער רב האט בשום אופן נישט געוואלט הערן דערפון, נאר האט געזאגט אז דא אינעם טיפן קעלער וועל איך אויפנעמען דעם הערשער.

ווען דער הערשער איז אנגעקומען צום הויז פונעם ירושלימער רב, האט ער געפרעגט, מ'האט נישט געקענט טרעפן א הויז וואס איז אביסל טיפער אין דער ערד, מיינענדיג צו פרעגן פארוואס דער רב וואוינט אין אזא ענגע דירה.

האט דער רב געענפערט דעם פירהאנג פונעם איינציגסטן פענסטער וועלכע איז דארט געווען און האט געוויזן פאר'ן הערשער דעם מקום המקדש, און מיט הייסע טרערן האט ער געזאגט, גיב א קוק, דארט איז דאס הייליגסטע פלאץ פון די וועלט, און אויפ'ן זעלבן פלאץ געפינט זיך יעצט אן אראבישער תיפלה, און דו פרעגסט מיך פארוואס איך וואוין אזוי, קוק ווי אזוי הקב"ה וואוינט, אויב דער באשעפער וואוינט אזוי, זאל איך וואוינען אין א בעסערע פלאץ.

דאס איז א מורא'דיגן מוסר השכל, ווען מ'לעבט אין אזא באקוועמע וועלט, זאל מען פרובירן אוועקצוגעבן עפעס פון די באקוועמליכקייטן כדי אביסל מיטצושפירן דעם צער השכינה וועלכע איז פארטריבן געווארן פון זיין הייליגן הויז אין ירושלים עיר הקודש.

דער חתם סופר זי"ע, האט יעדעס יאר ביים סעודה המפסקת אויסגערעכנט וויפיל יאר, ס'איז שוין אריבער פונעם חורבן בית המקדש, אזוי ווי ס'שטייט אין מדרש איכה אז דער נביא זאגט צו כלל ישראל, אויב איר וואלט זוכה געווען וואלט איר געציילט וויפיל יאר ס'איז פון איר אויפבויען, אבער יעצט אז איר האט נישט זוכה געווען, ציילט מען וויפיל יאר ס'איז פונעם חורבן, דאס יאר (תשפ"ד) איז 1956 יאר פונעם חורבן פון צווייטן בית המקדש (44 יאר וויניגער ווי צוויי טויזנט).

בית המקדש	געבויט געווארן דורך	חרוב געווארן דורך	אין יאר	צוליב די עבירות
די ערשטע	שלמה המלך	נבוכדנצר	ג' אלפים של"ח - 3338	ע"ז ג"ע שפיכות דמים
די צווייטע	עזרא ונחמיה	טיטוס	ג' אלפים תתכ"ח - 3828	שנאת חנם

השתלשלות פונעם ערשטן בית המקדש און דעם חורבן

גלגל - שילה - נוב - גבעון

די ערשטע זיבן יאר ווען די אידן זענען אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, האבן זיי איינגענומען די פעלקער, און זיבן יאר נאכדעם האבן זיי איינגעטיילט ארץ ישראל פאר די שבטים, סך הכל איז דאס פערצן יאר, במשך די פערצן יאר האבן די אידן אויפגעשטעלט דעם משכן אין גלגל, נעבן ירדן, ס'איז געווען ממש דער זעלבער משכן ווי אין מדבר, די קרשים און די יריעות. נאך די פערצן יאר אין גלגל זענען זיי געגאנגען קיין שילה, וואו זיי האבן דארטן אויפגעשטעלט א נייע משכן, וועלכע מ'האט אנגערופן משכן שילה, די ווענט זענען געווען פון שטיינער, אבער די דאַך איז געווען די זעלבע יריעות ווי אין מדבר, דער משכן שילה איז געשטאנען דריי הונדערט ניין און זעכציג (369) יאר, ביז די פלשתים האבן דאס חרוב געמאכט.

דערנאך איז מען געגאנגען צום שטאט נוב עיר הכהנים וואו מ'האט נאכאמאל אויפגעשטעלט דעם זעלבן משכן וואס די אידן האבן געהאט אין מדבר, די קרשים און די יריעות, און ס'איז געשטאנען דרייצן (13) יאר, נאכדעם האט מען אויפגעשטעלט דעם משכן אין די שטאט גבעון וואו מ'איז געווען פיר און פערציג (44) יאר, זייענדיג אין די שטאט גבעון איז דוד המלך געזאלבט געווארן אלס קעניג דורך שמואל הנביא.

בנין בית המקדש

דוד המלך האט זייער געוואלט בויען דעם בית המקדש, און האט זיך מוסר נפש געווען דערויף, אבער למעשה האט דאס זיין זון שלמה המלך געבויעט, סך הכל פון ווען די אידן זענען אריין אין ארץ ישראל ביז ווען מ'האט אנגעהויבן צו בויען דעם ערשטן בית המקדש איז געווען פיר הונדערט און פערציג (440) יאר, (14 אין גלגל, 369 אין שילה, 57 נוב און גבעון) דאס בויען דעם בית המקדש האט געדויערט זיבן יאר, יענע יארן האבן די אידן געדינט הקב"ה, און ס'איז געווען פון די שענסטע צייטן ביי כלל ישראל.

מלכי יהודה - מלכי ישראל

נאכדעם וואס שלמה המלך איז נפטר געווארן, איז זיין קעניגרייך צוטיילט געווארן אויף צוויי, מלכי יהודה, און מלכי ישראל, רחבעם דער זון פון שלמה המלך איז געווען דער קעניג פון מלכי יהודה וועלכער האט געקעניגט אויף שבט יהודה און בנימין, און דער אנדערער קעניג איז געווען ירבעם בן נבט, וועלכער האט געקעניגט איבער די אנדערע צען שבטים, ער איז ליידער נישט געווען קיין ערליכער.

פאר ירבעם בן נבט דער קעניג פון מלכי ישראל האט זייער געשטערט די הלכה, אז נאר א קעניג פון מלכות בית דוד מעג זיצן אין די עזרה, ווייל ער האט מורא געהאט אז ווען די אידן וועלן גיין עולה רגל זיין קיין ירושלים און וועלן זען אז רחבעם מלך יהודה זיצט, און ירבעם מלך ישראל שטייט, וועט יעדער זאגן אז דער קעניג פון יהודה איז דער ריכטיגער קעניג פון כלל ישראל, און זיי וועלן פסק'ענען אז ער איז א מורד במלכות.

נישט געלאזט גיין עולה רגל זיין

דעריבער האט ירבעם בן נבט באשלאסן אז ער וועט קיינעם נישט לאזן גיין עולה רגל זיין קיין ירושלים, און האט געשטעלט שומרים וועלכע זאלן אכטונג געבן דערויף, און האט געשטעלט צוויי גאלדענע קעלבער, איינס אין בית אֵל און איינס אין דָן, און האט געלאזט אויסרופן פאר יעדן, אז פאר די באקוועמליכקייט פונעם פאלק, האט ער געשטעלט די צוויי גאלדענע קעלבער, און פון היינט און ווייטער וועט מען שוין נישט דארפן פאָרן ביז ירושלים, נאר מ'וועט דא קענען מקריב זיין קרבנות פאר הקב"ה. ער האט אויך געטוישט די שבתים און די ימים טובים לויט זיינע אייגענע חשבונות, כדי די אידן זאלן נישט דינען הקב"ה, אזוי האט ליידער אנגעהאלטן במשך פון מערערע דורות ווען אידן האבן געזינדיגט און געדינט די קעלבלעך און ווידערגעשפעניגט אין הקב"ה.

גלות עשרת השבטים

יעדן טאג האט הקב"ה געשיקט פיר נביאים, צוויי צופרי און צוויי ביינאכט, צו ווארענען די אידן אז זיי זאלן תשובה טאן און היטן די תורה און די מצוות, אבער די אידן האבן ליידער נישט תשובה געטאן, דעריבער האט הקב"ה געשיקט סנחריב דער קעניג פון אשור אויף די אידן, און האט פארטריבן די עשרת שבטים, דאס איז געווען הונדערט און דרייסיג יאר (130) יאר פאר'ן חורבן בית המקדש, מיט דעם האט זיך געענדיגט די מלוכה פון הושע בן אלה, דער לעצטער פון די מלכי ישראל.

פאר יום טוב פסח איז סנחריב נאכאמאל געקומען מיט א מיליטער פון הונדערטער טויזנטער סאלדאטן וועלענדיג ארויסטרייבן אויך שבט יהודה און בנימין, אבער וויבאלד זיי

האבן געהאט אן ערליכע קעניג, חזקיהו המלך, און די מענטשן זענען געווען ערליך, האט הקב"ה אויסגע'הרג'עט אלע זיינע סאלדאטן פסח ביינאכט, נאר אכט מענטשן זענען געבליבן לעבן, צווישן זיי, דער קעניג סנחריב מיט זיין אייניקל נבוכדנאצר, ווען די צוויי זון פון סנחריב אדרמלך און שראצר האבן געהערט אז זייער טאטע סנחריב מאכט א נדר, אז אויב ער וועט געווינען די מלחמה וועט ער מקריב זיין זיינע זין פאר די עבודה זרה, האבן זיי גע'הרג'עט זייער אייגענעם טאטן סנחריב.

מנשה המלך

ווען חזקיהו מלך יהודה איז נפטר געווארן, איז זיין זון מנשה געווארן קעניג, ער איז געווען א גרויסער רשע, ער האט אריינגעברענגט א צלם אין היכל, און ער האט צוריק אויפגעשטעלט די מזבחות פאר די עבודה זרה וואס זיין טאטע האט צובראכן, די נביאים פלעגן אים כסדר מוסר'ן אז ער זאל תשובה טאן, אבער ער האט זיך נישט וואוסענדיג געמאכט פון זיי. שפעטער האבן די מיליטער פון אשור געפאנגען מנשה, און אים געקייטלט און געפירט קיין בבל, די שרעקליכע יסורים וואס ער האט געליטן, האבן אסאך מער גענוצט ווי די מוסר וואס זיין טאטע מיט די נביאים האבן אים געזאגט, און ער האט טאקע תשובה געטאן, און במשך 33 יאר איז ער געווען ערליך, ער האט אוועקגעווארפן אלע עבודה זרה'ס, און גע'מוסר'ט די אידן אז זיי זאלן דינען הקב"ה.

אמון - יאשיהו

נאך אים האט געקעניגט זיין זון אמון, ער איז אויך נישט געווען קיין ערליכער, נאך אים האט געקעניגט זיין זון יאשיהו וועלכער איז יא געווען א צדיק, אבער די אידן זענען נישט געווען ערליך, און דער צדיק יאשיהו האט נישט געוואוסט אז די אידן דינען עבודה זרה באהאלטענערהייט.

אין זיינע צייטן האבן די כהנים געזוכט משה רבינו'ס באהאלטענע ספר תורה [וועלכע ס'פלעגט ליגן אין די זייט פונעם ארון ביז ווען אחז המלך האט פארברענט א ספר תורה און די כהנים האבן מורא געהאט אז ער וועט אויך פארברענען דעם ספר תורה פון משה רבינו, דעריבער האבן זיי דאס באהאלטן], און זיי האבן דאס בשום אופן נישט געפינען, ביז ווען מ'האט פאראכטן דעם בית המקדש האט חלקיהו הכהן דאס געטראפן, און ס'איז געווען אויפגעמישט צום פסוק פון פרשת כי תבוא וואו ס'שטייט יולך ה' אותך וגו', אז הקב"ה וועט דיך פירן צוזאמען מיט דיין קעניג צו א פאלק וואס דו קענסט נישט, האט יאשיהו פארשטאנען אז דאס ווייזט אז עס קומט שווערע צייטן, ער האט צוריסן זיינע בגדים און געשיקט פרעגן חולדה הנביאה אויב זי ווייסט וואס דאס מיינט.

האט חולדה אים געזאגט, אז די אידן וועלן חלילה פארטריבן ווערן אין גלות, אבער וויבאלד דער קעניג איז יא ערליך, וועט דאס הערשט זיין נאכדעם וואס דער קעניג וועט שוין נישט לעבן, כדי ער זאל נישט זען די צרות, ווען יאשיהו האט דאס געהערט, האט ער אויסגעלערנט די אידן ווי אזוי צו דינען הקב"ה, און האט אוועקגעווארפן אלע עבודה זרה'ס, און ער האט דעמאלט באהאלטן דעם ארון מיט די לוחות, און די שמן המשחה, און דאס צנצנת המן, דאס פלעשל מָן וואס איז געווען אין קדשי קדשים, כדי מ'זאל זיי נישט פארטרייבן אין גלות.

דער טעם פארוואס יאשיהו האט געפרעגט חולדה, און נישט ירמיה, איז ווייל ירמיה איז פונקט דעמאלט געגאנגען צוריקברענגען די עשרת השבטים.

ער האט געמיינט אז די אידן זענען געגוג ערליך

אין די צייטן פון יאשיהו המלך, האט דער קעניג פון מצרים, פרעה נְכֹה געוואלט מלחמה האלטן מיט אן אנדערע לאנד, און כדי אהין אנצוקומען האט ער געדארפט אדורכגיין ארץ ישראל, אבער דער קעניג יאשיהו האט אים נישט געלאזט דורכגיין, מיינענדיג אז די אידן זענען ערליך, און ס'שטייט דאך אין פרשת בחוקותי, וחרב לא תעבור בארצכם, אז נישט נאר מ'וועט נישט מלחמה האלטן מיט די אידן, נאר מ'וועט אפילו נישט דורכגיין זייער לאנד, דעריבער האט יאשיהו המלך געוואלט מלחמה האלטן מיט אים, אבער ירמיה הנביא האט אים געזאגט, אז ער זאל דאס נישט טאן, אבער יאשיהו האט געטראכט אז ער וועט זיכער געווינען די מלחמה, אבער צוליב די עבירות פון די אידן, האבן זיי נישט געהאט די זכיה אז יאשיהו המלך זאל בלייבן לעבן, און ער איז גע'הרג'עט געווארן ביי די מלחמה, און ירמיה הנביא האט אים שטארק באוויינט.

יהואחז - יהויקים

נאך יאשיהו האט געקעניגט זיין זון יהואחז, ער האט נאר געקעניגט דריי חדשים, און וויבאלד די אידן האבן נאך אלץ נישט תשובה געטאן, איז ער אויך גע'הרג'עט געווארן ביי א מלחמה מיט מצרים. נאך אים האט געקעניגט זיין ברודער יהויקים, וועלכער איז געווען א רשע, אין זיינע צייטן האט הקב"ה באפוילן פאר ירמיה הנביא, אז ער זאל אנטאן אויף זיך א יאך און זאל דאס לייגן אויף זיין האלז, צו ווייזן אז מ'טוט זיך אונטערטעניגן פאר'ן קעניג, און זאל אזוי ער ארומגיין צווישן די אידן, און זאגן נבואה אז זיי זאלן תשובה טאן, און אויב זיי וועלן נישט תשובה טאן, וועט דער בית המקדש חרוב ווערן.

מגילת איכה

ס'שטייט אין מדרש, אז ניינצן יאר פאר'ן חורבן, האט הקב"ה יעדן טאג געשיקט די נביאים צו דערמאנען די אידן אז זיי זאלן תשובה טאן, ווייל אויב נישט וועט דער בית המקדש חרוב ווערן. אינעם פערטן יאר פון די קעניגרייך פון יהויקים, האט הקב"ה באפוילן ירמיה הנביא, אז ער זאל נעמען א מגילה און אפשרייבן די קינות פון איכה און דאס פארליינען פאר די אידן, אפשר וועט דאס דערוועקן די אידן צו תשובה,

ירמיה הנביא וועלכער איז דעמאלט געווען אין תפיסה - וואו דער קעניג יהויקים האט אים איינגעשפארט כדי ער זאל נישט זאגן מוסר פאר די אידן - האט באפוילן פאר זיין תלמיד ברוך בן נריה אז ער זאל אראפשרייבן דאס וואס ער וועט אים זאגן, דערנאך האט ער אים געזאגט אז ער זאל פאררופן א יום תענית, און זאל פארליינען די מגילת איכה, כדי צו ערוועקן די אידן צו תשובה. ברוך בן נריה האט אזוי געטאן, ער האט גוזר געווען א תענית, און האט צוזאמגערופן אלע אידן קיין ירושלים, און האט זיי פארגעליינט די מגילה אין די עזרה פון בית המקדש, די אידן זענען דערציטערט געווארן ווען זיי האבן דאס געהערט.

ווען דער קעניג יהויקים האט געהערט דערוועגן, האט דער קעניג געזאגט פאר זיינע שרים אז זיי זאלן ברענגען ברוך בן נריה אין זיין פאלאץ, כדי ער זאל פארליינען די מגילה פאר זיי און זיי זאלן אים זאגן וואס ס'שטייט דארט, ברוך האט אזוי געטאן און האט פארגעליינט די מגילה פאר די שרים.

ווען די שרים האבן געהערט די שרעקליכע נביאות, האבן זיי זיך זייער דערשראקן, און האבן באשלאסן צווישן זיך, אז מ'מוז דאס דערציילן פאר'ן קעניג, זיי האבן געפרעגט ברוך ווער עס האט אים באפוילן צו שרייבן די מגילה, האט ער זיי געענטפערט, אז זיין רבי ירמיה הנביא האט אים דאס באפוילן צו שרייבן, די שרים האבן גע'עצה'ט פאר ברוך בן נריה, אז ער מיט זיין רבי זאלן זיך באהאלטן כדי דער קעניג זאל זיי נישט הרג'ענען. ווען מ'האט דערציילט פאר'ן קעניג וואס ס'שטייט אויף די מגילה, האט ער באפוילן אז מ'זאל דאס ברענגען צו אים, מ'האט אים דאס געברענגט און פארגעליינט.

יהוקים האט פארברענט די מגילה

ס'איז געווען דעמאלט חודש כסלו, ווען דער קעניג איז געזיצן ביי זיך אין שטוב און זיך געווארעמט ביים ברענענדיגן אויוון, ווען מ'האט אים פארגעליינט די ערשטע פסוקים, איכה ישבה בדד, בכה תבכה, גלתה יהודה, האט דאס אים בכלל נישט באריערט, ער האט געזאגט, כאטש די אידן וועלן באשטראפט ווערן, וועל איך נאך אלץ בלייבן קעניג אויף די איבריגע פאלק, דאס אז די אידן וועלן באקומען אן עונש, האט אים בכלל נישט אינטערסירט. אבער ווען מ'איז אנגעקומען צום פסוק היו צריה לראש, אז אירע פייניגער וועלן ווערן אירע הערשער, האט ער געזאגט, דאס מיינט אז איך וועל ווערן אויס קעניג, די גוים וועלכע וועלן פייניגן די אידן וועלן גרויס ווערן, דעריבער האט ער באפוילן אז מ'זאל צושניידן די מגילה מיט א שווערד און דאס פארברענען אינעם פייער וואס האט געברענט נעבן אים.

זיינע שרים האבן אים געבעטן אז ער זאל דאס נישט טאן, אבער ער האט זיך נישט צוגעהערט צו זיי, און האט פארברענט די מגילה, דערנאך האט ער באפוילן אז מ'זאל הרג'ענען ירמיה הנביא מיט זיין תלמיד ברוך בן נריה, די שרים האבן אים זיי אויפגעזוכט, און ס'איז געשען א נס אז מ'האט זיי נישט געטראפן.

זיין גוף וועט זיך וואלגערן אין די גאסן

הקב"ה האט באפוילן פאר ירמיה הנביא, ער זאל נאכאמאל שרייבן די מגילה און ער זאל זאגן פאר'ן קעניג יהויקים, ווייל דו האסט פארברענט די מגילה, וועט דיין טויטער קערפער זיך וואלגערן אויפ'ן גאס ווי א נבילה פון אן אייזל, בייטאג וועט דאס זיין אונטער די זון, און ביינאכט אין די קעלט, דו וועסט נישט קומען צו קבורה, נאר די הונט פון די גאס וועלן דיך אויפעסן, מ'וועט דיך נישט מספיד זיין, און אפילו דיינע אייגענע קרובים וועלן נישט וויינען אויף דיר, דיין זון וועט נישט לאנג זיצן אויפ'ן קעניגליכן שטול, און איך וועל ברענגען אויף ענק די אלע שטראפן וועלכע זענען אויסגערעכנט אין די מגילה, ירמיה האט נאכאמאל איבערגעשריבן די מגילה, צולייגענדיג דעם קאפיטל אני הגבר.

דריי יאר האט יהויקים געדינט נבוכדנאצר, און דערנאך ווידערגעשפעניגט קעגן אים, און אינעם עלפ'טן יאר פון יהויקים'ס קעניגרייך, איז נבוכדנאצר דער קעניג פון בבל געקומען קיין ירושלים, די סנהדרין זענען אים אנטקעגן געגאנגען און אים געפרעגט, אויב ער קומט חרוב מאכן דעם בית המקדש, האט ער געענטפערט אז ניין, ער וויל זיך נאר נוקם זיין אין יהויקים וועלכע האט ווידערגעשפעניגט אין מיר, גיבט מיר אים איבער אין מיינע הענט און איך גיי צוריק קיין בבל. די סנהדרין האבן געקייטלט יהויקים, און אים אראפגעלאזט דורכ'ן מויער צו נבוכדנאצר ער זאל אים נעמען קיין בבל, און לויט איין שיטה אין מדרש איז ער גלייך געשטארבן, וויבאלד ער איז געווען א מפונק, און האט נישט געקענט ליידן וואס מ'האט אים געטאן, איז ער געשטארבן ווען מ'האט אים נאך געהאלטן אין די הענט, נבוכדנאצר האט צושניטן זיין קערפער אויף קליינע שטיקער און ארומגעשיקט צו אלע אידישע שטעט און עס געווארפן צו די הונט, אזוי ווי ירמיה הנביא האט פאראויס געזאגט.

ס'לוינט זיך נישט צו נעמען פון די משפחה

נבוכדנאצר האט דעמאלט געמאכט יהויכין - דער זון פון יהויקים - אלס א קעניג איבער גאנץ ארץ ישראל, מ'האט אים אנגערופן יכניה, ער איז אויך נישט געווען קיין ערליכער קעניג, נאך א קורצע צייט האבן די עצה געבערס פון נבוכדנאצר אים געזאגט, דו האסט נישט געטאן ריכטיג מיט דעם וואס דו האסט געמאכט יהויכין דער זון פון יהויקים אלס קעניג, ווייל ער וועט אויך ווידערשפעניגן אין דיר פונקט ווי זיין טאטע האט געטאן, ווילאנג ס'וועלן קעניגן אין ירושלים פון די משפחה וועלכע שטאמען פון יהודה, וועסטו נישט קענען געוועלטיגן אויף ירושלים, דעריבער איז אונזער עצה, אז זאלסט נאכאמאל פָארן קיין ירושלים, און איינשפאַרן יהויכין מיט די אידישע שרים אין תפיסה.

איבערגעגנומען די שליסלען

ווען יכניה איז געוואויר געווארן אז נבוכדנאצר קומט אים פאנגען, האט ער גענומען אלע שליסלען פון בית המקדש, און ער האט מתפלל געווען א הקב"ה זאל צוריקנעמען די

שליסלער, נאכ'ן ענדיגן מתפלל זיין איז אראפגעקומען א פייערדיגע האנט פון הימל און גענומען די שליסלער

גלות יכניה

נבוכדנאצר האט זיך צוגעהערט צו זיינע עצה געבערס, און דריי חדשים נאכדעם וואס יהויכין איז געווארן קעניג, איז נבוכדנאצר צוריק געפארן קיין ירושלים, און האט געברענגט קיין בבל יהויכין מיט נאך צען טויזענט חשוב'ע מענטשן, צווישן זיי די סנהדרין, תלמידי חכמים, מרדכי הצדיק, און יחזקאל הנביא, ער האט אויך מיטגענומען אסאך כלים פון בית המקדש, און אוצרות פונעם קעניג, ער האט אויך מיטגענומען מיט זיך קלוגע און שיינע קינדער, צווישן זיי די קינדער פון מלכות בית דוד און דניאל, חנניה, מישאל, און עזריה.

אין יעדע צרה איז באהאלטן גוטס, פון דעם איז למעשה ארויסגעקומען א טובה פאר אידן, ווייל די תלמידי חכמים האבן אוועקגעשטעלט די אידישקייט אין גלות, און האבן געלערנט מיט תורה די אידן און זיי געשטארקט אין אידישקייט, און אזוי ארום מיט עלף יאר שפעטער ביי גלות צדקיהו איז די תורה נישט פארגעסן געווארן פון די אידן.

צדקיהו מלך יהודה

דעמאלט האט נבוכדנאצר געמאכט קעניגן אויף ירושלים דעם לעצטן קעניג מתניה דער זון פון יאשיהו, און האט אים באשווארן מיט א ספר תורה אז ער זאל נישט ווידערשפעניגן אין אים, און דעריבער האט ער געטוישט זיין נאמען אויף "צדקיהו", מיינעדיג צו זאגן אז דער איבערשטער וועט בארעכטיגן זיין משפט אויף אים, אויב ער וועט נישט איינהאלטן די שבועה. ווען צדקיהו האט איבערגענומען די מלוכה, האט ער שוין געזען אז די שלעכטס וואס מ'האט פאראויס געזאגט, הייבט אן מקויים צו ווערן, צדקיהו אליינס איז געווען א צדיק גמור, ער האט ארויסגענומען ירמיה פון תפיסה, די מענטשן פון זיין דור זענען אבער געווען רשעים, און צדקיהו האט זיי נישט מחזיר בתשובה געווען, דעמאלט האט הקב"ה נאכאמאל געשיקט ירמיה הנביא צו צדקיהו אים צו ווארענען וועגן די שרעקליכע אומגליקן וואס וועלן קומען אויף אידן.

חנניה בן עזור, דער נביא שקר

הקב"ה האט געזאגט צו ירמיה, ער זאל גיין צום קעניג צדקיהו און אים זאגן, אז ער זאל זיך אונטערווארפן אונטער'ן יאָך פונעם קעניגרייך פון בבל, און זאל אים דינען, אבער דעמאלט איז אויפגעשטאנען קעגן ירמיה הנביא איינער מיט'ן נאמען חנניה בן עזור הגבעוני, וועלכער איז געווען א נביא שקר, און האט געזאגט פאלטשע נבואות, צווישן אנדערע האט ער געזאגט, אזוי האט הקב"ה דער באשעפער פון די אידן געזאגט, איך האב צובראכן דעם יאָך פונעם קעניג פון בבל, נאך צוויי יאר וועל איך צוריקברענגען אלע כלים פון בית המקדש וואס נבוכדנאצר האט געטראגן מיט זיך קיין בבל,

און יכניה בן יהויקים דער קעניג פון יהודה צוזאמען מיט אלע וועלכע זענען פארטריבן געווארן קיין בבל, וועלן צוריקקומען קיין ירושלים.

ווען ירמיה האט געהערט די ווערטער פון חנניה בן עזור דער נביא שקר, האט ירמיה אויסגערופן הויעך פאר די כהנים און דעם גאנצן פאלק, אמן אזוי זאל הקב"ה טאקע טאן, ער זאל ערפולן דיינע רייד, הלואי זאל ערפילט ווערן די אלע גוטע זאכן וואס דו זאגסט, איך וועל מיך זייער שטארק פרייען דערצו, הלואי זאלן ענדערש מקויים ווערן דיינע רייד און נישט מיינע רייד, אבער עס טוט מיר זייער וויי, אז די אידן זינדיגן און דערצערענען הקב"ה און זיי שפירן נישט אז דער חורבן פון ירושלים קומט שוין אן, און דו פארנארסט זיי מיט דיינע פאלשע נביאות.

חנניה בן עזור האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט פון ירמיה, און האט צוריסן די קייטן וואס ירמיה האט געהאט אויף זיין האלז, זאגענדיג אזוי האט הקב"ה געזאגט, אזוי וועל איך איבעררייסן דעם יאָך פון נבוכדנאצר דער קעניג פון בבל, און האט געזאגט פאר ירמיה, אויב ס'איז אמת וואס דו זאגסט וועגן חורבן בית המקדש, גיב אונז א צייכן אז מיר זאלן וויסן אז דו רעדסט אין נאמען פון הקב"ה. האט אים ירמיה געענטפערט, ווען איך וואלט געזאגט נביאות אויף די גוטס פון ירושלים אזוי ווי דו זאגסט, וואלט איך געקענט געבן דערויף א צייכן, ווייל הקב"ה ציט נישט צוריק פון קיין גוטס, אבער אויף שלעכטס וואס הקב"ה וועט טאן, קען איך נישט געבן קיין צייכן, ווייל השי"ת'ס חסד איז זייער גרויס, ער איז מוחל אויב מ'טוט תשובה מיט'ן גאנצן הארץ, דעריבער קען נאך זיין אז הקב"ה וועט צוריקציען פונעם שלעכטס.

ער וועט שטארבן ערב ראש השנה

אבער דער נביא שקר חנניה בן עזור האט נישט נאכגעלאזט און האט געפאדערט פון ירמיה א צייכן אז די שלעכטע נבואה וואס ער זאגט איז אמת, האט אים ירמיה געזאגט, דער צייכן וועט זיין, אז דו וועסט שטארבן ערב ראש השנה, דער נביא שקר חנניה איז טאקע געשטארבן אזוי ווי ירמיה הנביא האט אים פאראויס געזאגט, אבער איידער ער איז געשטארבן, האט ער געהייסן זיין זון שלמיה זאל נקמה נעמען אין ירמיה.

צדקיהו האט ווידערגעשפעניגט אין נבוכדנצר

די אידן מיט'ן קעניג צדקיהו האבן ווייטער פארגעזעצט זייערע שלעכטע מעשים, זיי האבן זיך נישט דערשראקן פון וואס ירמיה הנביא האט געזאגט, זיי האבן נאך אלס געגלייבט אז זיי וועלן זיך קענען ראטעווען פונעם קעניג פון בבל, אבער ירמיה האט נישט אויפגעגעבן, יעדן טאג איז ער געגאנגען צו די אידן און זיי געווארענט אז זיי זאלן תשובה טאן, ווייל אויב נישט וועט הקב"ה צערענען אויף ענק, און עטץ וועטס פארטריבן ווערן פון ענקער לאנד.

מענטשן האבן זיך נישט וואוסענדיג געמאכט פון ירמיה, און האבן נישט תשובה געטאן, דער קעניג צדקיהו האט אויך

נישט צוגעהערט צו ירמיה, זיין שטאלץ און זעלבסזיכערקייט איז געשטיגן, ביז ער האט זיך געוואַגט און האט מתיר געווען דורך א בית דין די שבועה וואס נבוכדנאצר האט אים באשוואוירן, און האט ווידערגעשפעניגט קעגן נבוכדנאצר,

צדקיהו האט מתיר געווען די שבועה

די גמרא דערציילט (נדרים ס"ה.), אז צדקיהו המלך איז אמאל אריינגעקומען צו נבוכדנצר הרשע אין זיין פאלאץ - האבענדיג רשות אריינצוקומען ווען ער וויל - און האט געזען ווי ער רייסט שטיקער פון א לעבעדיגע האָזל (ארנבת) און עסט דאס.

דאס איז נישט געווען ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו עסן, ער האט דאך פארמאגט פון אלעם גוטן, נאר ווייל ער האט געוואלט אריינברענגען אין זיך די מדה פון אכזריות כדי צו קענען פירן מלחמות אן קיין רחמנות.

באשוואוירן צדקיהו

דער רשע נבוכדנצר האט זיך זייער פארשעמט און האט מורא געהאט אז צדקיהו וועט דאס דערציילן פאר אנדערע, דעריבער האט ער באשוואוירן צדקיהו אז ער זאל דאס בשום אופן נישט דערציילן פאר קיינעם, צדקיהו האט נישט געהאט קיין ברירה און האט געשוואוירן, אבער דערנאך האט ער זיך מתיר נדר געווען ביי א חכם און האט דאס יא דערציילט.

צדקיהו המלך האט דעמאלט געוועלטיגט אויף פינף גוי'אישע קעניגן, זיי האבן אבער געזוכט אלע מיטלן אראפצעווארפן פון זיך דעם עול פון צדקיהו, נישט וועלנדיג האבן איבער זיך א געוועלטיגער א איד, דעריבער איז זיי איינגעפאלן אז ווען זיי וועלן זיצן מיט צדקיהו וועלן זיי ליצנות מאכן פון נבוכדנצר און אזוי ארום וועט ער אויך שפעטן פון נבוכדנצר און דערנאך וועלן זיי אים פאר'מסר'ן פאר נבוכדנצר און מ'וועט אים הרג'ענען.

זיי האבן אזוי געטאן, און ביי א קומענדיגן זיצונג האבן זיי געזאגט פאר צדקיהו, אז עס פאַסט נישט אז נבוכדנצר זאל זיין דיין קעניג, ענדערש וואלט געפאַסט אז דו זאלסט זיין דער גרעסטער קעניג ווייל דו שטאמסט דאך פון דוד המלך, און האבן געמאכט ליצנות פון נבוכדנצר.

ווען צדקיהו האט דאס געהערט, האט ער זיך אויך גענומען שפעטן פון נבוכדנצר און האט אויסגעזאגט דעם סוד אז ער האט אים אליינס געטראפן עסן א לעבעדיגע האזל.

די קעניגן האבן פאר'מסר'ט צדקיהו

די פינף קעניגן זענען גלייך געגאנגען צו נבוכדנצר און האבן אים פאר'מסר'ט צדקיהו, זאגענדיג אז דער קעניג צדקיהו וועמען דער קעניג לאזט אריין צו זיך אין פאלאץ ווען ער וויל, באַרעדט דעם קעניג באהאלטענערהייט און דערציילט אויף אים שלעכטס, און האבן געזאגט אז צדקיהו האט אויסגעזאגט אז זיי האבן אים געטראפן עסן א לעבעדיגע האזל.

מ'זאל אים פארלערנען די תורה

ווען נבוכדנצר האט דאס געהערט איז ער געווארן אין כעס, און האט באשלאסן זיך נוקם צו זיין אין צדקיהו, נבוכדנצר איז אריבערגעפארן צום לאנד אנטוכיא און האט געלאזט רופן די סנהדרין, ווען זיי זענען אנגעקומען האט ער זיי באפוילן אז זיי זאלן זיך זעצן אויף שיינע שטילן און זאלן אים פארלערנען די הייליגע תורה, זיי האבן אים געמוזט פאלגן און פארגעלערנט.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו פרשת מטות, די פרשה פון הפרת נדרים וואו ס'שטייט אז מ'קען מתיר זיין א נדר אדער א שבועה, האט ער זיי געפרעגט, אויב איינער שווערט צי ער קען ער חרטה האבן דערפון, האבן אים די סנהדרין געענטפערט אז מ'קען גיין צו א תלמיד חכם און זיי קענען אים מתיר זיין די שבועה, האט נבוכדנצר זיי געזאגט, קומט אויס אז עטץ האט מתיר געווען די שבועה פאר צדקיהו וואס ער האט מיר געשוואוירן.

נבוכדנצר האט גלייך גוזר געווען אז די סנהדרין זאלן אראפגיין פון זייערע בענקעלעך און זאלן זיך זעצן אויף דער ערד, און האט באפוילן פאר זיינע סאלדאטן אז מ'זאל זיי טראגן קיין ירושלים און מ'זאל זיי צובינדן זייערע קעפ צו די ווידלן פון פערדן, און די פערדן זאלן זיי שלעפן אויף דער ערד פון ירושלים ביז לוד און אזוי זענען זיי געשטארבן רח"ל.

נבוכדנאצר האט געטראכט צו זיך, דאס מאל וועל איך ארויפגיין קיין ירושלים און גענצליך חרוב מאכן דעם שטאט, איך וועל גארנישט איבערלאזן, אויך דעם בית המקדש וועל איך פארברענען, דעמאלט וועלן זיך די אידן שוין נישט אויפהייבן זייער קאפ קעגן מיר.

אזוי איז טאקע געווען, דעם ניינטן יאר פון צדקיהו'ס קעניגרייך עשרה בטבת איז נבוכדנאצר ארויפגעגאנגען מיט זיין גאנצע ארמיי און האט באלאגערט דעם שטאט ירושלים.

יראיה דער אייניקל פון חנניה

אין די צייט ווען די מלחמה האט אביסל נאכגעלאזט, איז ירמיה ארויסגעגאנגען פון ירושלים מיט'ן ציל אנצוקומען קיין עֲנָתוֹת וועלכער געפינט זיך אין לאנד בנימין אינעם שטאט וואו ער איז געבוירן, גייענדיג אויפ'ן וועג האט ער געשפירט ווי א פרעמדער מענטש גייט אים נאך, דאס איז געווען יראיה בן שלמיה בן חנניה, און האט גערעדט הויעך מיט א געלעכטער, זאגענדיג, ענדליך האב איך דיר געכאפט, יעצט וועל איך נקמה נעמען אין דיר פונעם טויט וואס דו האסט געשאלטן מיין זיידע חנניה בן עזור.

מיט זיין גאנצע כח האט ער געשלעפט ירמיה, ביז ער האט אים געברענגט צו די שרים קיין ירושלים, און געזאגט, איך האב ענק געברענגט ירמיה הנביא וואס זאגט אז ער מיינט די גוטס פון זיין פאלק, עטץ זאלטס וויסן אז ער איז א ווידערשפעניגער אין זיין פאלק, איך האב אים יעצט געזען ארויסגיין פון ירושלים מיט'ן ציל זיך איבערצוגעבן פאר די כשדים און זיי אויסזאגן אלע סודות פון שטאט. ווען די שרים האבן דאס געהערט, זענען זיי געווארן אין כעס אויף ירמיה,

און האבן אים שרעקליך געשלאגן, דערנאך האבן זיי אים אריינגעווארפן אין געפענגעניש וועלכע איז געווען אינעם הויף.

ארייגעווארפן ירמיה אין ליים

אין די זעלבע צייט האט דער קעניג פון בבל פריש באלאגערט ירושלים מיט'ן גאנצן כח, צדקיהו האט איינגעזען אז ירמיה איז גערעכט, און ס'זעט אויס אז מ'וועט חרוב מאכן ירושלים, האט ער גלייך געשיקט רופן ירמיה הנביא פון תפיסה באהאלטענערהייט צו זיך אין פאלאץ, און האט אים געפרעגט אויב ס'איז דא א פרישע נבואה פון הקב"ה, האט ירמיה אים געענטפערט, הקב"ה האט געזאגט, דו וועסט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פונעם קעניג פון בבל, דער וואס בלייבן זיצן אין די שטאט, וועט שטארבן פון הונגער און קראנקהייט, אבער ווער ס'וועט ארויסגיין צו די כשדים (בבל ווערט אנגערופן כשדים) וועט בלייבן לעבן, מ'וועט אים נאר בארויבן זיין פארמעגן אבער וועט בלייבן לעבן. ווען צדקיהו מיט זיינע שרים האבן דאס געהערט, זענען זיי געווארן אין כעס, און די שרים האבן געזאגט צום קעניג, אונזער הער אונזער קעניג, מ'דארף הרג'ענען דעם מענטש ווייל ער שוואכט אפ די הענט פונעם פאלק, דער מענטש זוכט נישט די טובה פונעם פאלק נאר פארקערט. צדקיהו האט צוגעשטימט צו זייער פארלאנג, און האט געזאגט פאר די שרים, ירמיה איז אין עקערע הענט, עטץ קענסט טאן מיט אים וואס עטץ ווילסט, די שרים האבן גענומען ירמיה און אים אריינגעווארפן אין א גרוב אנגעפולט מיט ליים.

ווען זיין תלמיד ברוך בן נריה איז געוואויר געווארן וואס מ'האט געטאן צו ירמיה, איז ער שנעל געלאפן צום קעניג צדקיהו, און אים געפרעגט מיט שיינעם, פארוואס זאל דער קעניג פארמערן צו דערצערענען הקב"ה און טאן נאך עבירות, האט דער קעניג געפרעגט מיט וואונדער, וואס פארא זינד האב איך יעצט געטאן, האט ער געענטפערט, דער קעניג האט באפוילן אומצוברענגען ירמיה אינעם גרוב, די קנעכט האבן אים אראפגעלאזט אינעם גרוב פון ליים און אויב בלייבט ער דארט, וועט ער שטארבן. ווען צדקיהו האט דאס געהערט, האט ער זיך זייער דערשראקן, און האט גלייך געהייסן אז מ'זאל ארויסציען ירמיה פונעם גרוב, ברוך בן נריה האט גענומען מיט זיך דרייסיג מענטשן כדי ארויסצוציען ירמיה, מ'האט אראפגעלאזט שטריק אינעם גרוב וואו ירמיה איז געווען, און נאך פיל אנשטרענגונג איז זיי געלונגען אים ארויסצושלעפן, און ירמיה איז געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט. נאכדעם האט השי"ת געזאגט פאר ירמיה הנביא, זאג פאר ברוך בן נריה, אז ווייל דו האסט זיך פארזיכערט אין מיר, וועל איך דיך ראטעווען, און דו וועסט נישט פאלן צום שווערד פון די פיינט.

ער האט צוגעזאגט אים גארנישט צו טאן

ווען ירמיה איז ארויסגעקומען פונעם גרוב האט אים צדקיהו גענומען צו א באהאלטענעם פלאץ, און אים געפרעגט, אויב ס'איז דא א נבואה פון הקב"ה, האט אים ירמיה געזאגט, אויב איך וועל דיר זאגן, וועסטו מיך דאך הרג'ענען, און דו וועסט מיך ממילא נישט פאלגן. האט אים צדקיהו געשוואוירן אז ער וועט אים נישט הרג'ענען און ער וועט אים נישט איבערגעבן אין די הענט פון די מענטשן וואס לאקערן אויף אים, ער זאל אים נאר זאגן וואס הקב"ה האט געזאגט. האט זיך ירמיה הנביא אויפגעשטעלט און געזאגט, אזוי האט הקב"ה געזאגט, אויב דו וועסט ארויסגיין צו די שרים פונעם בבלי'שן קעניג, וועסטו בלייבן לעבן, און די שטאט וועט נישט פארברענט ווערן אין פייער, אבער אויב דו וועסט זיך נישט אונטערטעניגן אונטערן קעניג פון בבל, וועט די שטאט אריבערגיין אין די הענט פון די כשדים און זיי וועלן איר פארברענען אין פייער, און דו וועסט זיך נישט קענען ראטעווען פון זייערע הענט, מ'וועט שחט'ן דיינע זין פאר דיינע אויגן, און איך וועל דיר ברענגען קיין בבל און דו וועסט נישט זען דעם לאנד בבל, און דארט וועסטו שטארבן, צדקיהו האט אויסגעהערט די שרעקליכע רייד, און איז געווארן זייער צובראכן אבער פונדעסטוועגן האט ער נישט תשובה געטאן, און האט נישט געפאלגט ירמיה הנביא.

עטליכע יאר געבויט היילן אינטער די ערד

ווען די בבלים זענען אריינגעקומען קיין ירושלים, זענען זיי גלייך געלאפן צום קעניגליכן פאלאץ, ווייל זיי האבן באקומען א שטרענגען באפעל פון נבוכדנאצר צו פאנגן דעם קעניג צדקיהו מיט זיין גאנצע משפחה, אבער זיי האבן נישט געפינען צדקיהו, ווייל פון ווען צדקיהו האט געהערט פון ירמיה אז די שטאט וועט פאלן אונטער די הענט פון די פיינט, האט ער זיך פרובירט צו באווארענען, און האט זיך צוגעגרייט א וועג וויאזוי זיך צו ראטעווען.

ער האט באפוילן פאר זיינע קנעכט, אז זיי זאלן בויען א טיפן הייל אונטער דעם קעלער פון זיין פאלאץ, פארשטייט זיך אז די ארבעט איז געטאן געווארן זייער באהאלטן אז כמעט קיינער האט נישט געוואוסט דערפון, און נאך עטליכע יאר בויען - ווען ירושלים איז חרוב געווארן - האט שוין דער אונטערערדישער הייל דערגרייכט ביז ערבות יריחו, אזוי האט צדקיהו פלאנירט צו אנטלויפן מיט זיין גאנצע משפחה, דעריבער זענען זיי געזעצן רואיג, זייענדיג זיכער מיט זייער קלוגע עצה.

קיינעם נישט געפינען

דעם טאג ווען די פיינט זענען אנגעקומען קיין ירושלים זענען זיי גלייך געגאנגען צום קעניגליכן פאלאץ, ביז א קורצע צייט האבן צדקיהו'ס גאנצע משפחה צוזאמגענומען, און צדקיהו האט ארויסגענומען פון זיין טאש אן אייזערנעם שליסל, און האט געעפענט דעם באהאלטענעם טיר וועלכע איז געווען אונטער א ריזיגע קאסטן ביים ווינקל פון קעלער, שטיל און געשווינד זענען אלע אריינגעגאנגען צושפארענדיג די טיר אונטער זיך, און זיי זענען אלע אראפגעגאנגען די געדרייטע טרעפ וועלכע האבן געפירט טיף טיף אונטער די ערד.

די סאלדאטן וועלכע זענען אריינגעקומען אינעם קעניגליכן פאלאץ האבן צוגערויבט און שאדן געמאכט אלעס וואס זיי האבן געטראפן, אבער צו זייער גרויס וואונדער האבן זיי נישט געטראפן קיין איין מענטש אינעם גאנצן הויז. צדקיהו מיט זיינע באגלייטער זענען געגאנגען אין דעם אונטערדישן הייל, וואוסענדיג אז די בבלי'שע ארמיי וועט זיכער נישט רוען ביז זיי וועלן טרעפן דעם קעניג, דעריבער האבן זיי געשפאנט מיט געאיילטע טריט א גאנצע נאכט, וועלענדיג אנקומען ווי פריער קיין יריחו און פון דארט זיך ראטעווען.

מ'האט זיך ארויסגעלאזט זוכן

אבער פון הימל האט מען געוואלט אנדערש, און ס'איז שוין ארויס די גזירה אז צדקיהו דער קעניג פון יהודה זאל פאלן אין די הענט פון די בבליים, ווען די בבלים האבן געזען אז זיי האבן נישט געפינען צדקיהו, זענען זיי געווארן געפערליך אין כעס, און פילע גרופעס פון די בבלישע ארמיי זענען ארויסגעגאנגען זוכן דעם קעניג, טייל האבן געזוכט אין ירושלים און טייל זענען ארויס זוכן אין אנדערע שטעט.

זיך פאר'עקש'נט צו כאפן דעם הערש

איין גרופע וועלכע האבן געזוכט אינדרויסן פון ירושלים, האבן פלוצלונג דערזען א גרויסע הערש מיט זיין פולן פראכט און האבן אים פרובירט צו פאנגען, אבער דער הערש איז אנטלאפן, די סאלדאטן וועלכע האבן נישט געוואלט מוותר זיין אויף זיין גוטע פלייש, האבן אים נאכגעיאגט, אבער דער הערש איז ווייטער געלאפן, ביז ער איז ארויפגעלאפן אויף די הייל וואו צדקיהו מיט זיינע מענטשן זענען געווען באהאלטן, די סאלדאטן זענען נאכגעלאפן דעם הערש מיט עקשנות, און פלוצלונג אזוי לויפענדיג נאך אים זענען זיי אנגעקומען ביי א עפענונג פון א הייל אין ערבות יריחו, און צו זייער וואונדער זענען זיי אז נישט קיין אנדערער ווי דער קעניג צדקיהו מיט זיין משפחה און זיינע נאנטע מענטשן געפינען זיך אין זייערע הענט. די סאלדאטן האבן גלייך געפאנגען די גאנצע משפחה, און זיי געברענגט קיין רבלה וואו נבוכדנאצר איז דעמאלט געווען, ווען צדקיהו איז געשטאנען פאר נבוכדנאצר, האט אים נבוכדנאצר געפרעגט, וואס האט דיר באוואויגן ווידערצושפעניגן אין מיר, און יעצט ווען דו האסט שוין ווידערגעשפעניגט אין מיר, מיט וואס זאל איך דיר שטראפן, דו דארפסט באשטראפט ווערן סיי לויט'ן דין פון דיין באשעפער ווייל דו האסט געשוואוירן פאלטש, און סיי לויט'ן דין פון מיין קעניגרייך, פאר'ן עובר זיין אויף די שבועה.

מ'האט זיך גע'טענה'ט וועמען קודם

צדקיהו האט געשוויגן און גארנישט געענטפערט, דערנאך זענען די זין פון צדקיהו געפאלן צום קעניג צו די פוס זיך בעטנדיג, אז מ'זאל זיי הרג'ענען פריער כדי זיי זאלן נישט זען די בלוט פון זייער טאטן געגאסן אויף די ערד, אבער צדקיהו האט אריינגעשריגן, נישט אזוי, מ'זאל ענדערש אים הרג'ענען פריער כדי ער זאל נישט זען די בלוט פון זיינע קינדער.

נבוכדנאצר האט זיי געזאגט, צום ערשט וועל איך שחט'ן די קינדער פאר צדקיהו'ס אויגן, און דערנאך וועט מען אויסשטעכן צדקיהו'ס אויגן.

מ'האט טאקע גע'שחט'ן זיינע קינדער פאר זיינע אויגן, און דערנאך האט מען אים אויסגעשטאכן זיינע אויגן, און אים געבינדן אין קייטן און געברענגט קיין בבל און געלייגט אין תפיסה ביז זיין טויט, און אזוי איז מקויים געווארן די נבואה אויף צדקיהו, והבאתי אותו בבל, איך וועם אים ברענגען קיין בבל, אבער ואותה לא יראה, ער וועט איר נישט זעען, שם ימות, דארט וועט ער שטארבן, דאס פאלק וועלכע האט זיך פריער געוואונדערט וועגן די נבואה, ווי אזוי ס'קען זיין אז ער וועט זיין אין בבל, און זאל איר נישט זען, האבן זיך יעצט איבערצייגט אינעם אמת פון די נבואה, און צדקיהו האט אליינס געזאגט אז ער זעט אז ס'איז מקויים געווארן ירמיהו'ס נבואה.

חורבן ירושלים

אינעם עלעפטן יאר פון צדקיהו'ס קעניגרייך, שנת ג' אלפים של"ח אינעם ביטערן טאג שבעה עשר בתמוז, האט נבוזראדן הרשע, בשליחות פונעם קעניג נבוכדנאצר, געהאקט אויפ'ן מויער פון ירושלים, און דער מויער איז צושפאלטן געווארן.

דריי וואכן זענען די רשעים געווען אין ירושלים, און ז' אב זענען זיי אריינגעגאנגען אין בית המקדש אין שפיץ פון נבוזארדן, און האבן דארט געגעסן און גע'שיכור'ט ביז'ן ניינטן טאג פארנאכטס ווען זיי האבן אנגעצינדן דעם בית המקדש און ס'האט געברענט דעם גאנצן צענטן טאג ביז ביינאכט, אויך האבן זיי פארברענט דעם קעניג'ס הויז און אלע בתי מדרשים, און זיי האבן צעווארפן די גאנצע מויער פון ירושלים און אוועקגעטראגן אלע כלים פון בית המקדש קיין בבל אינעם קעניגליכן אוצר, די אידן וועלכע זענען נישט געשטארבן פון הונגער אדער פונעם שווערד, האט מען צוגעבינדן די הענט פון אונטן, און אזוי געפירט קיין בבל. א קליינע צאל אידן זענען איבערגעבליבן אין ארץ ישראל לויט'ן באפעל פון ירמיה, און גדליה בן אחיקם איז געווען זייער מנהיג, דאס איז געווען ביז דעם קומענדיגן ראש השנה [צוויי און פופציג טעג נאכ'ן חורבן] ווען ישמעאל בן נתניה האט גע'הרג'עט גדליה, און דעמאלט זענען די אידן אנטלאפן קיין מצרים, און ארץ ישראל איז געווארן אינגאנצן אויסגעליידיגט פון אידן.

הקב"ה זאל העלפן אז די טעג זאל ווערן איבערגעדרייט לששון ולשמחה, און דער לאנגער ביטערער גלות וואס ציט זיך שוין ליידער קרוב צו צוויי טויזנט יאר, זאל שוין קומען צו אן ענדע, און מיר זאלן שוין זוכה זיין בקרוב ממש צו ביאת המשיח, און דער בית המקדש זאל שוין אויפגעבויט ווערן אין ירושלים עיר הקודש מיט איר שיינקייט און פראכט, במהרה בימינו אמן.

עניני גלות וגאולה

יעדער קען דערנענטערן די גאולה שלימה

הרה"ק רבי קלונימוס קלמיש שפירא זצ"ל הי"ד מפיאסעצנא ברענגט אין ספר חובת התלמידים (פרק ד) א מעשה בדרך משל ומליצה, מיט א שטארקן מוסר השכל ווי ווייט א איד קען אויפטון מיט זיינע תפילות פון טיפעניש פון הארץ צו דערנענטערן די גאולה שלימה.

געווען א שמח בחלקו

אין א שטאט אין ארץ ישראל האט געוואוינט אן ערליכער אידישער שוסטער וועלכער האט געארבעט עטליכע שעה יעדן טאג, און וויפיל ער האט פארדינט אין די צייט וואס ער האט געארבעט, מיט דעם האט ער געשפייזט זיין משפחה, און די איבריגע צייט האט ער אויסגענוצט פאר עבודת השם.

די קליינע הויז וואו דער שוסטער מיט זיין משפחה האבן געוואוינט, איז געווען נעבן א פלאץ וואו אסאך מענטשן זענען אדורכגעגאנגען, און פון די דורכגייער וואס האבן געדארפט פאררעכטן זייערע שיך, האט ער געמאכט פרנסה. אפילו ער האט נישט פארדינט קיין סאך געלט, איז דער שוסטער געווען א שמח בחלקו און אזוי האט ער אויך מחנך געווען זיינע קינדער זיי זאלן זיין צופרידן מיט וויפיל דער אויבערשטער האט זיי באשערט.

דער שוסטער האט גערעדט צו זיינע קינדער אין פארשידענע געלעגנהייטן און זיי מסביר געווען אז מ'דארף זיין צופרידן מיט וואס מ'האט, ווייל דאס לעבן פון א מענטש אויף דער וועלט איז נאר צייטווייליג און נישט אויף צו לאנג, און דער תכלית פון א מענטש אויף דער וועלט איז צו דינען דעם אויבערשטן און טאן מצוות און מעשים טובים.

געדאווענט פון טיפעניש פון הארץ

דער שוסטער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, אבער ער האט געלערנט יעדע פרייע צייט בייטאג און ביינאכט אין די ספרים וואס ער האט יא פארשטאנען, און ער פלעגט זיך אויסגיסן דאס הארץ ביי זיינע ווארימע תפילות וואס ער האט געדאווענט פון טיפעניש פון הארץ, און אויך ביים תהלים זאגן האט ער זיך אויסגעגאסן זיין הארץ פאר'ן אויבערשטן.

נעבן די דירה פונעם שוסטער איז געווען א קליין וועלדל באוואקסן מיט ביימער, און ווען דער שוסטער האט געשפירט א התעוררות און בענקעניש צום אויבערשטן, פלעגט ער ארויסגיין פון זיין קליינע דירה אינעם וואלד וואו ער האט געדאווענט צום אויבערשטן אן קיין שום שטער. ער האט געלויבט און געדאנקט דעם הייליגן באשעפער אויף די גרויסע חסדים וואס ער האט געטאן מיט אים און געבעטן אויף ווייטער אז דער אויבערשטער זאל אים קיינמאל נישט פארלאזן.

נישט געהאט קיין ברויט צו עסן

אין די שטאט וואו דער שוסטער האט געוואוינט האט איינמאל אויסגעבראכן א מלחמה מיט א דערנעבנדיגן לאנד און די גאסן זענען געווען ליידיג פון מענטשן, דעריבער איז קיינער נישט געקומען צום שוסטער פאררעכטן שיך און ער האט נישט געהאט פון וואו צו פארדינען געלט.

ס'איז געקומען צו א מצב אז ס'איז נישט געווען קיין שטיקל ברויט אין שטוב מיט וואס צו בארואיגן די הונגעריגע קינדער. די קינדער האבן זיך געבעטן "טאטע, געב אונז א שטיקל ברויט אז מיר חלילה נישט אויסגיין פון הונגער", אבער דער טאטע האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן א שטיקל ברויט פאר די הונגעריגע קינדער.

ער גייט בעטן דעם אויבערשטן

דעם דריטן טאג איז שוין דער הונגער געווען מורא'דיג שטארק. די קינדער זענען געלעגן אויף דער ערד פון גרויס שוואכקייט. זיי האבן נישט געהאט קיין כח צו בעטן אויפ'ן קול אז דער טאטע זאל זיי געבן א שטיקל ברויט. דער שוסטער מיט זיין פרוי זענען אויך געווען זייער אפגעשוואכט פון פאסטן, קוים וואס זיי זענען געשטאנען אויף די פוס, אבער דער שוסטער האט זיך געשטארקט און געגאנגען צום טיר ארויסצוגיין פון הויז.

זיין פרוי האט זיך געבעטן צו אים ער זאל נישט ארויסגיין יעצט פון הויז. זי האט אים געזאגט אז אויב ס'איז זיי באשערט יעצט אוועקצוגיין פון די וועלט, זאל ער זיין דא צוזאמען מיט איר, אבער אזוויי אלעמאל האט דער שוסטער אויך יעצט געהאט בטחון און ער האט געענטפערט פאר זיין פרוי, "איך גיי ארויס צום וואלד זיך אויסגיסן דאס הארץ צום אויבערשטן אז ער זאל אונז

באוויזן נסים און מיר זאלן גערעטעוועט ווערן און בלייבן לעבן".

זיך אויסגעגאסן דאס הארץ צום אויבערשטן

דער שוסטער איז ארויס אין וואלד און ער האט אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין. ער האט אויפגעהויבן זיין אויגן צום הימל און געבעטן דעם אויבערשטן:

הייליגער באשעפער, נאך איידער דו האסט באשאפן די וועלט האסטו אויסגעוועלט אונז אידן צו זיין דיינע קינדער וואס זענען נאנט צו דיר און זיי זענען דיינע קנעכט וואס דינען דיר. דיין הייליגע שכינה האט גערועט מיט אונז. איז דען מעגליך אויסצומאלן ווי גוט ס'איז דעמאלטס געווען?! דו האסט דיך באוויזן צו אונז דורך דעם אידישן נביא און פון אים האבן מיר געהערט דאס קול פון די נבואה. דו האסט אונז ערקלערט מיט מוסר רייד וויאזוי תשובה צו טאן און פארבעסערן אונזערע מעשים. ווי אויך האט זיך די גאנצע וועלט אונטערטעניגט צו דיר און צו אונז דיינע קינדער, ווייל ווער האט נישט מורא פון מענטשן וואס דער גרויסער באשעפער פון די וועלט רועט צווישן זיי.

אבער, ווי שטארק ביטער איז אונז אין די יעצטיגע צייט ווען דו האסט באהאלטן דיין פנים פון אונז, דאס הארץ בענקט צו דיין הייליגקייט וואס איז אין באהעלטעניש, און די נשמה שרייט, "דערנענטער אונז טאטע צו דיר", אבער ליידער האבן מיר נאכנישט זוכה געווען דערצו.

אזוי אויך, אין די צייט ווען א אידיש הארץ באקומט א הרהור תשובה און ער בארעכנט זיך און ער איז מודה אז דאס וואס ער ליידט איז צוליב זיינע עבירות און דעריבער האט אים דער הייליגער באשעפער דערווייטערט, איך דעמאלטס איז אונז ביטער, ווייל פון ווען דו האסט באהאלטן דיין פנים פון אונז, איז אונז באפאלן אסאך צרות, סיי אין פרנסה און סיי אין אנדערע ענינים, און דאס איז גורם אז מיר זאלן נישט טאן דיין רצון.

דער שוסטער האט ווייטער פארגעזעצט זיינע הארציגע בקשות:

האר פון די וועלט, נישט נאר אויף מיר בין איך מתפלל, נאר אויך אויף אלע דיינע באליבטע אידישע קינדער. דערבארעמדיגער טאטע וויאזוי האסטו איבערגעלאזט דיינע קינדער אין אזא שווערן גלות, וויאזוי קענסטו צוקוקן ווי זיי וואלגערן זיך אין יסורים.

מיין געבעט איז נישט נאר אויף מיין פרנסה זעלבסט, נאר מיין בקשה איז געווענדן צו דיר געליבטער טאטע און הייליגער קעניג, דערנענטער זיך און אנטפלעק זיך צו אונז, האב רחמנות אויף אונז און לייז אונז שוין אויס פון גלות, שיק אונז שוין משיח צדקינו און מיר וועלן דיר דינען מיט פארכט און מיט ליבשאפט אזויווי אונזער הארץ גלוסט און האפט.

דער גוטער ריח האט אים דערמונטערט

ווען דער שוסטער האט געענדיגט זיין תפילה וואס איז געזאגט געווארן מיט הייסע טרערן, איז ער געווארן פאר'חלש'ט פונעם פאסטן דריי טאג און פון די סאך טרערן וואס ער האט פארגאסן.

ליגענדיג אויף דער ערד האט ער געשפירט עפעס א גוטע געשמאקע גערוך. ווען ער האט זיך ארומגעקוקט האט ער געזען גאר א שיינע בלום וואס וואקסט אינעם וואלד, און פון דעם בלום קומט ארויס דער גוטער געשמאקער גערוך וואס האט אים דערמונטערט.

ער האט זיך געשטארקט און זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאנגען צום בלום און עס אראפגעריסן, און ער איז גלייך אהיימגעגאנגען מיט'ן ציל צו געבן צו שמעקן פאר זיין פרוי און קינדער אז זיי זאלן אויך אויפלעבן פון דעם גוטן ריח.

דער פריץ וויל אפקויפן דעם בלום

גייענדיג אויפ'ן וועג האט ער געזען ווי א וואגן קומט צו פארן, האט ער זיך געשטעלט אין די זייט ביז דער וואגן וועט אדורכפארן. ווען דער וואגן איז אנגעקומען צום פלאץ וואו ער איז געשטאנען און געבליבן שטיין, האט ער באמערקט ווי דער פריץ וועלכער איז געווען אויפ'ן וואגן קוקט צו אים און זאגט אים, "זאג נאר, וואספארא נוצן וועסטו האבן פון דעם בלום? גיב עס פאר מיר און איך וועל דיר געבן א גוטע מטבע דערפאר".

האט דער שוסטער געענטפערט פאר'ן פריץ, "פאר געלט וועל איך דאס נישט פארקויפן, אבער אויב דו וועסט מיר געבן דערפאר א ברויט אז איך זאל דאס קענען געבן פאר מיין משפחה וואס פאסט שוין דריי טאג, וועל איך דיר געבן דעם בלום".

אויפגעטוישט דעם בלום פאר א ברויט

דער פריץ האט גלייך ארויסגענומען א גרויסע געבאקענע ברויט און עס געגעבן פאר'ן שוסטער. דער שוסטער האט געגעבן דעם בלום פאר'ן פריץ, און ער איז מיט איין אטעם אהיימגעלאפן א פרייליכער, און זיין משפחה האט זיך דערמונטערט מיט א שטיקל ברויט.

ביינאכט האט מען ווידער געגעסן א קליין שטיקל ברויט, דערנאך האבן זיי ערליך געבענטשט און געליינט קריאת שמע און יעדער איז געגאנגען שלאפן. דער טאטע דער שוסטער איז נאך אויף געבליבן, ער האט געלערנט זיינע טעגליכע שיעורים און ער האט געדאנקט דעם אויבערשטן פאר זיינע גרויסע חסדים וואס ער האט געטאן מיט אים און זיין משפחה, און איידער חצות איז ער אויך געגאנגען שלאפן.

דער טאטע קומט אים אין חלום

אינמיטן די נאכט האט דער שוסטער גע'חלומ'ט ווי ער זעט זיין טאטע - וועלכער האט שוין נישט געלעבט א שטיק צייט - און דער טאטע וויינט און רייסט זיך זיינע קליידער און ער קלאפט זיך אויפ'ן הארץ. דער שוסטער האט זיך זייער דערשראקן, אבער נאך איידער ער האט געפרעגט וואס דאס מיינט, האט אים דער טאטע געזאגט:

מיין טייער קינד, וויסן זאלסטו, אז די הארציגע תפילה וואס דו האסט היינט מתפלל געווען אין וואלד, האט געמאכט א גרויסער טומל אין הימל, אלע מלאכי רחמים האבן מיט גרויס התעוררות געבעטן ביי השי"ת, "הייליגער באשעפער, האב רחמנות אויף דיינע געפלאגטע שעפעלעך, אויף דיינע געטרייע קינדער וואס זענען פארזינקען אין צרות, און מיט דעם אלעם פארגעסן זיי נישט דיין הייליגן נאמען און זיי זענען שטארק צוגעבינדן צו דיר".

די געוואלדיגע תפילות האבן אויפגעבראכן די אייזערנע מחיצה וואס האט אפגעטיילט צווישן השי"ת און זיינע באליבטע קינדער דאס אידישע פאלק, און די אלע תפילות וואס אידן האבן שוין פון לאנג מתפלל געווען אויף דעם לאנגען גלות, וואס די מחיצה האט אפגעהאלטן אז די תפילות זאלן נישט אנקומען צום ריכטיגן פלאץ, זענען יעצט, א דאנק דיינע תפילות, ארויף ביז צום כסא הכבוד און געווארן אנגענומען ביים אויבערשטן אז משיח צדקינו זאל שוין קומען אויסלייזן די אידן פונעם ביטערן גלות.

מ'האט אויסגערופן אין הימל אז אזוייוי דו האסט מיט דיין תפילה דערנענטערט די גאולה פון אידישע קינדער, וועט מען דיר אנטפלעקן א בלום מיט וואס מ'קען מחיה מתים זיין, און מיר - זאגט דער טאטע ווייטער - האט מען געשיקט איך זאל קומען צו דיר אין חלום און דיר ערקלערן אז דו זאלסט גיין מיט דעם בלום צו די מערת המכפילה און צו אנדערע קברי הנביאים זיי מחיה מתים זיין, און זיי וועלן ברענגען משיח צדקינו.

איבער דעם גאנצן הימל האט געהערשט א ליכטיגקייט און א שמחה, די מלאכים אין הימל און די נשמות פון די צדיקים האבן זיך זייער געפריידט צו די גוטע בשורה, אבער ביים שטן איז געווארן א וויי געשריי און א קלאגעניש און ער האט געזוכט אן עצה וואס מ'טוט זיך צו ראטעווען.

האט דער שטן באשלאסן אז מ'וועט דיר אויסנארן און אוועקכאפן דעם תחיית המתים בלום פון דיר, און אזוי האט ער טאקע געטאן. דער פריץ וועלכער האט אפגעקויפט פון דיר דעם בלום, איז געווען א שליח פונעם שטן, און ס'איז אים געלונגען ארויסצוכאפן פון דיר דעם תחיית המתים בלום.

אלעס איז געווען אין דיינע הענט

דער טאטע האט געוויינט און געקלאגט און געזאגט פאר זיין זון, "ווי איז יעצט פאר אונז, נישט נאר דיר אליין האסטו געשעדיגט, נאר אויך גאנץ כלל ישראל, אלעס איז געווען אין דיינע הענט, און אלעס איז פארלוירן געגאנגען וועגן א שטיקל ברויט".

דער טאטע האט אויסגעפירט, "אויבן אין הימל האט זיך ליידער אלעס איבערגעדרייט, דער שטן מיט די מלאכי חבלה פרייען זיך, און די מלאכי רחמים מיט אלע צדיקים זענען טרויעריג אויף דעם דורכפאל, און יעצט דארף מען ווייטער מתפלל זיין און בעטן דער אויבערשטן ער זאל שוין רחמנות האבן אויפ'ן כלל ישראל און מיר זאלן שנעל און גיך זוכה זיין צו הערן דעם שופר של משיח".

*

אפשר ווענדט זיך אלעס אין דיין יעצטיגן נסיון

פירט אויס דער הייליגער חובת התלמידים, אז יעדער וואס הערט די מעשה, איז זיכער היבש אנגעווייטאגט אויפ'ן דורכפאל פונעם ארימען שוסטער וועלכער האט געהאט אין זיינע הענט דעם געוואלדיגן אוצר מיט וואס ער האט געקענט מחיה מתים זיין, און משיח וואלט שוין געקומען און אויסגעלייזט די אידן פון גלות, און וועגן א קלייניגקייט האט ער אלעס פארלוירן.

זאגט דער חובת התלמידים, אבער טראכט אריין אביסל טיפער וועסטו איינזען אז מ'קען בכלל נישט באשולדיגן דעם שוסטער פאר'ן אוועקגעבן דעם בלום פאר א שטיקל ברויט, ווייל ער האט נישט געוואוסט און קיינער האט אים נישט דערציילט די סגולה פון דעם בלום, דעריבער איז ער דורכגעפאלן אין דעם נסיון וואס דער שטן האט אים אונטערגעשטעלט און אוועקגעכאפט דעם טייערן אוצר.

פירט אויס דער חובת התלמידים, טראכט אמת'דיג אריין, אויב די מעשה וואלט פאסירט מיט דיר, וואלסטו דען אנדערש געהאנדלט?! וויפיל מאל פאסירט אז אפילו דו ווייסט אז די זאך איז א נסיון, מיט דעם אלעם קענסטו נישט בייקומען דעם נסיון.

דערפאר דארף מען זיך אויסלערנען, זיך שטענדיג אכטונג צו געבן און זיך חלילה נישט לאזן פארפירן פונעם יצר הרע, און ווען א מענטש האט א נסיון, דארף ער טאן אלעס אויף דער וועלט ער זאל חלילה נישט אדורכפאלן, ווייל דו קענסט נישט וויסן צי דורכ'ן ביישטיין דיין יעצטיגן נסיון, אדער דורך דיין הארציגע תפילה צום אויבערשטן, איז אנגעהאנגען די גאולה שלימה.

***

בײם סוף זעט מען אז אלעס איז לטובה

דער וויטצענער רב הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש זצ"ל דערציילט אין זיין קונטרס שער מחמדים, אז ביי די צווייטע וועלט מלחמה האט ער זיך געפונען אינעם לאגער אין אוישוויץ און אויף א וואונדערליכן אופן איז אים געלונגען צו באהאלטן א טלית קטן וואס ער האט אלעמאל געהאט אנגעטאן אויף זיך אונטער די לאגער מלבושים.

איינמאל האט דער אויפזעער פונעם לאגער באמערקט אז ער טראגט עפעס אונטער'ן העמד, איז דער אויפזעער צוגעקומען מיט כעס און געפרעגט וואס דאס איז, דער רב האט נישט געוואלט מ'זאל אים חושד זיין אז ער האט דאס גע'גנב'ט, האט ער געענטפערט פאר'ן אויפזעער אז דאס איז א געטליכער קלייד וואס ער האט מיטגעברענגט פון זיין הויז.

ווען דער אויפזעער האט דאס געהערט, האט ער אים דערלאנגט מכות רצח און געזאגט, "קום מיט מיר אין מיין צימער". דער רב האט זיך זייער דערשראקן, ער האט פארשטאנען וואס אזא באפעל מיינט, אז ס'קען חלילה מיינען טויט שטראף אונטער זיינע רוצח'ישע הענט, אבער ער האט נישט געהאט קיין ברירה און ער איז נאכגעגאנגען דעם אויפזעער ביז זיין צימער.

דארט האט אים דער אויפזעער ווידער אנגעהויבן צו שלאגן מיט א רציחה, שרייענדיג אויף אים, "דו זעסט דאך אז דיין גאנצע פאלק ווערט פארניכטעט, דיין משפחה איז שוין אויסגע'הרג'עט און דו טוסט נאך אָן דעם בגד?!".

דער רב איז געליגן אויף דער ערד צושלאגן און צובלוטיגט, פלצלונג זאגט אים דער רשע, "אויב דו קענסט מיר מסביר זיין פארוואס ענקער באשעפער לאזט צו אז מיר זאלן ענק אויס'הרג'ענען, איז גוט, אז נישט, גייסטו נישט ארויס פון דא לעבעדיגערהייט".

דער רב האט זיך שנעל צוזאמגעקליבן זיינע מחשבות און געענטפערט:

די אפעראציע איז א טובה פאר'ן חולה

איך וועל דיר דאס מסביר זיין מיט א משל. אמאל איז געווען א פראפעסאר וועלכער האט געדארפט מאכן אן אפעראציע אויף א גרויסן מיניסטער, און כדי דורכצופירן דעם אפעראציע האט מען געדארפט אריינשניידן אויף עטליכע פלעצער אין זיין גוף און מ'האט אריינגעלייגט מאשינען וואס האט זיך אויסגעפעלט פאר'ן געזונט פונעם פאציענט.

פון די זייט איז געשטאנען א פויער וועלכער האט נישט געקענט צוקוקן וויאזוי מ'קען אזוי צושניידן א מענטש אויף שטיקער. ס'איז נישט גענוג אז דער מענטש ליגט דא קראנק, קומט נאך דער דאקטער און לייגט אים צו ביטערע יסורים.

ווי פארשטענדליך אז דער דאקטער מאכט זיך נישט וואוסנדיג פון זיינע נארישע טענות, ער וועט נישט אפשטעלן דעם אפעראציע צוליב די באמערקונגען פון א פויער, אבער ווען ער האט געענדיגט די אפעראציע און דער חולה וועט זיך שטעלן אויף זיינע פיס, וועט יעדער זען אז די אפעראציע איז געווען א טובה, וואס נאר דורכדעם איז ער געווארן אויסגעהיילט.

דער נמשל איז זייער פארשטענדליך. דער אויבערשטער פארשטייט דאס בעסטע וואס די טובה פון כלל ישראל איז, צומאל פאסירן זאכן וואס עס איז שווער פאר'ן מענטשליכן שכל צו פארשטיין, אבער די הנהגה העליונה גייט ווייטער אן, און ווען עס וועט קומען דער גליקליכער סוף, דעמאלטס וועלן מיר זען אז אלעס איז געווען לטובה.

די קלוגע ווערטער פונעם ווייצענער רב האט איבערראשט דעם רשע, ער האט זיך צושמייכלט און געזאגט פאר'ן רב "ביזט א קלוגער איד", און ער האט אים געלאזט פריי.

***

דער אויבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן שוין בקרוב אויסגעלייזט ווערן פון דעם פינסטערן גלות, והימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה, און מיר זאלן שוין בקרוב האבן די זכיה צו זען ירושלים בבנינה, בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

נעתק מגליון
שערי מדע
שנערך ע"י הר"ר
משה נחום קרויס הי"ו

גלתה יהודה

[redacted]

גלות בבל

די מצב הרוחני פון כלל ישראל איז געווען אומדערטרעגליך בעפאר די חורבן בתי מקדשות, עס האט געהערשט א גזירת כליה אויף כלל ישראל. הקב"ה האט שוין מראש דאס פארמיטן: **כלה ה' את חמתו ובמה כלה ויצת אש בציון מזמור ושיר הוא ששפך חמתו על עצים ועל האבנים ולא עשה כליה בבניו**, ווי רש"י אין תהילים ערקלערט (מדרש) אז מזמור לאסף, עס איז א שיר און א מזמור אז באו גוים בנחלתיך און חרוב געמאכט דאס בית המקדש און כביכול האט שופך געווען חמתו אויף האלץ און שטיינער און נישט אויף די מענטשן. און דאס האט הקב"ה נאך אויסגערעכנט פון נאך פריער מיט דעם וואס משה רבינו די פאסטעך פון כלל ישראל איז נישט אריין אין ארץ ישראל און געבויט דאס בית המקדש, ווייל ווען יא וואלט עס קיינמאל נישט געקענט חרוב ווערן (זעה גמרא סוטה ט'. ועי' מש"כ הראגעצאבי בתרומות פ"ג ה"ז).

גלתה יהודה, הקב"ה האט נאכן חורבן בית ראשון און נאך חורבן בית שני אונז פארשיקט אין גלות, קיין וואו? קיין בבל. די שכינה הקדושה האט ביטערליך געוויינט און געקלאגט אז אירע קינדער דארפן פארשיקט ווערן, אבער כביכול האט אונז נישט פארווארפן סתם אזוי ער האט אונז פארשיקט מיט ליבשאפט ווי א מאמע צו א קינד. ווילט איר וויסן אידן פארוואס הקב"ה האט אונז פארשיקט קיין בבל דאן לאמיר אייך צוברענגען חז"ל און היסטאריע בייניאזאם.

חז"ל אין **מסכת שבת** ברענגן א שמועס צווישן אמוראים, צווישן אנדערע איז געפרעגט געווארן: פארוואס זענען די פייגל פון בבל שמנים, מער פעט ווי די פייגל פון ארץ ישראל? ווייל די פייגל פון ארץ ישראל האבן אויסגעוואנדערט קיין בבל אין די צייט פונעם חורבן, אבער די פייגל פון בבל זענען געבליבן אינדערהיים.

מיר געפונען אין **מדרש איכה** און אין **ירושלמי** תענית: (פרק ד) **"אמר רבי חנינה בריה דרבי אבהו: שבע מאות מיני דגים טהורים ושמונה מאות מיני חגבים טהורים ולעוף אין מספר כולהם גלו עם ישראל לבבל, וכשחזרו כולהם חזרו עמהן, חוץ מן הדג הנקרא שיבוטא. ודגים היאך גלו? רבי חונה בר יוסף אמר דרך התהום.** בשעת די אידן זענען געגאנגען קיין גלות בבל האט אונזער ליבליכע טאטע אינזינען געהאט זיינע קינדער ער האט מיט געשיקט זיבן הונדערט טהור'ע פיש און אכט הונדערט טהור'ע היישעריק און פייגלעך אן א שיעור.

עס איז געווען א סצענע וואס צייגט די ליבשאפט פון

א טאטע צו זיין קינד, אפילו ער שיקט אים גלות מאכט ער זיכער אז וועט האבן וואס צו עסן די קומענדיגע זיבעציג יאר. נאך גלות בבל זענען אלע היישעריק און פיש צוריק געגאנגען קיין ארץ ישראל, אויסער איין פיש וואס הייסט שיבוטא. שיבוטא איז די פיש וואס חז"ל דערמאנען אין **חולין** אז איר מח האט א טעם פון חזיר. מיר געפונען אין גמרא **שבת** און אין **קידושין** אז די אמורא רבא האט ערב שבת אליין געזאלצן די שיבוטא פיש. רבא האט געוואוינט אין די שטאט מחוזא וואס געפונט זיך אין בבל, נעבן די חידקל טייך. עס איז פארשטענדליך פארוואס די פיש האט זיך נאר געפונען אין די בבל געגענט ווייל זיי זענען נישט צוריק ארויף קיין ארץ ישראל. ווי מיר וועלן אי"ה שרייבן אן עקסטער מאמר איבער די וואנדערונג פון פיש, בפרט די לאקס פיש.

כה אמר ה' זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אחרך במדבר בארץ לא זרועה. די באשעפער געדענקט די ליבשאפט פון אונז זיינע קינדער ווי מיר זענען געגאנגען פערציג יאר אין א מדבר וואס פארמאגט נישט קיין שום געוויקסן. יארן שפעטער האט הקב"ה אונז געדענקט, בשעת די חורבן בית ראשון ווען כלל ישראל איז פארשיקט געווארן קיין גלות בבל, האט הקב"ה געזאגט: **אם אני מגלה אותם דרך המדבר הם מתים ברעב, אלא הריני מגלה אותם דרך "ארמניא" שהם כרכין ומחוזות, ומאכל ומשתה מצוי להם.** אויב וועל איך מגלה זיין מיינע קינדער דורך די מדבר סיני, ירדן וועלן זיי דאך אויסגיין פון הונגער, נאר איך וועל זיי פירן די לענגערע וועג דורך די לאנד ארמנייא וואס גרעניצט זיך מיט טערקיי פון איין זייט און מיט פרס/איראן די אנדערע זייט. פארוואס דורך ארמנייא, ווייל אין ארמנייא איז נישט קיין מדבר נאר עס איז פארהאנען שטעט און עסן און טרינקען איז דא לרוב (מדרש איכה, א מב).

בעסער צו פארשטיין די מדרש לאמיר זיך פאראויס ריקן ביז יאר תשע"ב. א חרדי'שער פארשער יצחק כרמלי וואס איז שוין אנגעקומען כמעט צו אלע עקן אין די וועלט, איז געווען אין ארמעניע (ארמנייא), לאמיר צוטירן זיינע ווערטער: די ווערטער פון די מדרש "ומאכל ומשתה מצוי להם" האט באקומען א גאר דייטליכע פשט, ווען איך האב ארומשפאצירט אין ארמעניע אין די שטעט און דערפער האב איך געזעהן ווי זיי וויקן זיך ממש אין וואסער, דאס איז צוליב דעם וואס די באוויסטע הרי אררט די בארג וואו תיבת נח האט געלאנדעט געפונט זיך אין ארמעניע, פון די שניי וואס לאזט זיך אויף איז דא וואסער כמים שאין להם סוף. ווי אויך איז פארהאנען פירות מיט הערליכע קאלירן און גאר גוט אין טעם. איינע פון די פירות וואס געפונט זיך נאר אין די לאנד איז א גרויסע און גאר זיסע מעלאן. איך - דערציילט ר' יצחק - בין געוואוינט ארומצורייזן איבעראל, אלס א איד קען איך נישט עסן די נישט כשר'ע עסן ממילא בין איך אייביג אין א געיעג נאך פרוכט און ירקות, עס מאכט זיך אבער כמעט נישט

אז איך זאל געפונען פירות און ירקות פאר אומזיסט. אויסער דא אין ארמעניע האב איך געפונען פון די בעסטע און שענסטע פירות פאר אומזיסט. יא יא אין ארמעניע איז מאכל ומשתה מצוי להם.

שטעלט אייך אפ א מינוט און זייט אייך מתבונן איבער די ליבשאפט וואס הקב"ה האט צו אונז אפילו אין די צייט וואס ער שטראפט אונז האט ער אונז אינזין, בעפארן אפשיקן קיין גלות בבל פאר בלויז זיבעציג יאר האט ער אונז אפגעשיקט זיבן הונדערט פישן, פייגלען אן קיין שיעור, און אויפן וועג געשמאקע פרוכט און פרישע וואסער. איז זיכער אז אין די לאנגע גלות וואו מיר געפונען זיך שוין באלד צוויי טויזנט יאר אז ער האט אונז זיכער נישט פארלאזט.

דאס זעלביגע איז געווען נאכן חורבן בית שני, ווי כלל ישראל איז געגאנגען קיין בבל צוליב די אראמישע שפראך וואס איז ענליך צו לשון קודש. פאר די קומענדיגע טויזנט יאר ביז מוכאמעד המשוגע איז אנגעקומען, איז כלל ישראל געווען ברום המעלה אפילו זייענדיג אין גלות, די ריש גלותא האט פארזיכערט מיט די כח פון די רעגירונג און אונטער די הדרכה פון די ראשי ישיבות אז כלל ישראל איז תורה טרייע אידן. בעפארן חורבן האט כלל ישראל זיך צוזאמגעקליבן פון די אלע כיתות, איסיים, צדוקים און בייתוסים, מתיוונים און נאך. אבער אין בבל איז כלל ישראל נישט געווען צעטיילט אין קיין כיתות, כלל ישראל האט בלויז געליטן פון די חברי (זעה גמ' שבת ועוד) אבער נישט אויף קיין לאנגע צייט, עס האט זיך געפונען גרויסע אידישע שטעט אין בבל, ווי נהרדעא, נהר פפא ועוד, ממז' האבן זיך געפונען אין מישן ביתן א דיסטריקט פאר זיך. און אין יענע תקופה האבן מיר זוכה געווען צו תלמוד "בבלי".

ווילאנג די ריש גלותא איז געווען אונטערגעווארפן אונטערן ראש ישיבה האט הקב"ה פארזיכערט אז די אידן האבן זיך געפונען רואיג, אבער בזמן רבינו סעדיה גאון ווען איז געווען א מחלוקה צווישן רבי סעדיה און דער ריש גלותא דוד בן זכאי איז די ריש גלותא געקומען צו אן ענדע, דוד בן זכאי האט געשטעלט זיין זון יהודה אלס ריש גלותא בעפאר זיין פטירה, בלויז זיבן חדשים איז ער געווען ריש גלותא, און ער איז געשטארבן איבערלאזנדיג א צוועלף יעריגע יתום, רבינו סעדיה האט אים אריינגענומען לביתו און אים אויפגעצויגן, און איז שפעטער געווארן נשיא ער איז אבער אומגעברענגט געווארן דורך די מוסלומענער פאנאטיקער, און פון דאן איז געקומען די ריש גלותא פאזיציע צו א ענדע, און מיט דעם די אידישע אימפעריע אין בבל.

מיר געפונען אין **מס' פסחים** (פז:) נאך סיבות פארוואס הקב"ה האט אונז פארשיקט קיין בבל דייקא: **תני רבי חייא מאי דכתיב** (איוב כח, כג) **אלהים הבין דרכה והוא ידע את מקומה יודע הקדוש ברוך הוא את ישראל שאינן יכולין לקבל גזירות אכזריות אדום לפיכך הגלה אותם לבבל ואמר רבי אלעזר לא הגלה הקדוש ברוך הוא את ישראל לבבל אלא מפני שעמוקה כשאול שנאמר** (הושע יג, יד) **מיד שאול אפדם ממות אגאלם רבי חנינא אמר מפני שקרוב לשונם ללשון תורה רבי יוחנן אמר מפני ששיגרן לבית אמן משל לאדם שכעס על אשתו להיכן משגרה לבית אמה.**

הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב

הגאון הקדוש רבי אלחנן וואסערמאן זצוק"ל הי"ד בספרו קובץ מאמרים ערקלערט די ווערטער "הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב".

עם הוא כינוי לשבט אנשים שנעשו חטיבה מיוחדת מכח 'דתם' ו'מורשתם' הרוחניות. די טיטול "**עם**" איז פאר א גרופע מענטשן וואס זענען געווארן ווי איין שטיק צוליב זייער רעליגיע און זייער רוחניות'דיגע מורשה. גוי משמש כינוי לשבט אנשים שהתגבש על בסיס ארץ מולדתם גרידא. די טיטול **'גוי'** איז פאר א גרופע מענטשן וואס האבן זיך באזעצט אויף א שטיקל לאנד און דאס ווערט זייער ארץ מולדתם און דור אחר דור ווערן זיי פארעכנט פאר גויי הארץ פון יענע לאנד.

אנחנו ישראל קיימים בארץ קיום נצח רק מפני היותנו "עם", ובתור שכאלה בהכרח נשכון לבדד, זה יחודנו הבלעדי. אונז אידן פארמאגן א קיום נצח נאר וויבאלד מיר פאלן אונטער די טיטל פון 'עם', מיר זענען נישט קיין "גוי" ווייל מיר זענען איינס נישט אלס א שטיק לאנד, נאר אלס אונזער דת און מורשה. דאס טייטש "עם לבדד". אבער ו"בגוים לא יתחשב" בתורת דהיינו בתורת עם שכל הוויתו מיוסדת על ארץ ומולדת, אין לנו זכות קיום, ו"בגויים" כלומר, בתורת גוי בקרב

גוים "לא יתחשב", אין לנו שום חשיבות. ללמדנו, אונז צו לערנען אז ארץ ישראל אינה לגבינו בבחינת המושג "מולדת" הנפוץ בעולם, אלא היא הקרקע המוכשרת שנקיים בה את מצוות הקב"ה, במיוחד מצוות התלוית בארץ, אבל אין להעלות על הדעת שארץ ישראל עשתה לנו כאומה. ארץ ישראל פאר כלל ישראל איז נישט ווי להבדיל פראנקרייך פארן פראנצויז, ענגלאנד פאר די לאנדענעם, עס איז נישט אונזער מולדת, עס איז בלויז ערד, הייליגע ערד כדי מיר זאלן קענען מקיים די מצוות התלוים בארץ, ווי שמיטה אד"ג.

אט די קלארע רייד פון רבי אלחנן זצוק"ל טוט פושט זיין די ספק פון נאפאליאן מיט זיינע געזעץ געבער, ווי פאלגענד:

אין יאר תקס"ב ווען פראנקרייך אין שפיץ פון איר קייזער נאפאליאן איז געווען פארנומען צו טוישן די וועלט, איז דאן פארגעקומען א זיצונג אין די געזעץ-הויז פון פראנקרייך, ווי דער ראש המחוקקים האט אויפגעברענגט די פאלגענדע שאלה: זענען די אידן פארערכנט ווי אידן ווייל זיי פארמאגן איין גלויבונג, וואס לפי זה קענען זיי פארערכנט ווערן אלס פראנצויזן וואס גלייבן אין די אידישע גלויבונג, להבדיל ווי אנדערע גלויבונגען. אדער בנוסף צו זייער גלויבונג זענען זיי א פאלק פאר זיך, וואס לפי זה זענען זיי נישט קיין פראנצויזן ממילא קענען זיי נישט באקומען די רעכטן ווי פראנצוזישע בירגער.

צווישן די באוואוסטע צוועלף שאלות וואס נאפאליאן האט פארגעלייגט פאר די סנהדרין וואס ער האט געגרינדעט, האט זיך געציילט שאלות ווי ער האט געצילט קלארצושטעלן די אויבנדערמאנטע פראגע אויב די אידן זענען א פאלק פאר זיך, צב"ש, איין שאלה איז געווען, אידן וואס זענען געבוירן אין פראנקרייך, און זענען לויט די פראנצויזישע געזעץ פארערכנט אלס בירגער, צו רעכענען זיי פראנקרייך אלס זייער לאנד? זענען זיי פארפליכטעט צו די געזעצן פון די לאנד? מעג א איד נעמען ריבית פון א גוי? אא"וו.

אין **ספר הכוזרי** שרייבט דער מחבר אז אידן זענען א מין פאר זיך, ער איז נישט א מענטש וואס אנשטאט די זיבן מצות וואס א גוי איז מחויב איז ער מחויב מיט נאך זעקס הונדערט און זעקס (עס איז כדאי צו לערנען די שטיקל א הערליכע הסבר).

וכצפרים עפות כן יגן ה' צבאות על ירושלים

די נביא זאגט: כצפרים עפות כן יגן ה' צבאות על ירושלם גנון והציל פסח והמליט (ישעיהו, לא). מיר האבן לעצטנס געהערט איבער א פייגל וואס קען פליען צוויי הונדערט און פערציג מייל א שעה, און עס קען זעהן א מייל ווייט, זי איז כסדר פארנומען צו היטן אירע קליינע קינדערלעך, ווען זי זעהט א מייל ווייט ווי גרויסע פייגלען קומען צו איר ריכטונג, דאן פאנגט זי אן צו פליען מיט א שנעלקייט, און אפילו זי איז גאר קליין טוט זי געבן א פליק אויף די פליגל פונעם גרויסן פייגל, און דורכדעם פארלירט די פייגל איר באלאנס און זי טראסקעט אראפ, בשעת ווען זי טוט דאס הערט זי די קול פון אירע קינדער, און מיט אירע שארפע אויגן זעהט זי ווי א שלאנג קריכט ארויף צו זיי, זי פליהט שנעל צוריק און געט א שנעלק פארן שלאנג און פונעם שנעלק טראסקעט די נחש אראפ דעם בארג. אהה, כצפרים עפות כן יגן ה' צבאות על ירושלים.

בשעת מלחמה צייטן איז דאס באנוצן מיט פייגלען געווען א גאר א וויכטיגע געצייג, בשעת די ערשטע וועלט מלחמה איז דאס באנוץ מיט פייגלען אלס פאסט טרעגער פון די פראנט צו די הויפטקווארטירן געווען גאר פאפולער. מ'פלעגט האדעווען טויבן אויף די מלחמה שיפן, און אפילו אויפן פראנט האט די ארמיי פארמאגט טרעקלעך מיט שטייגן דערויף וואו מ'האט געהאדעוועט טויבן, ספעציעלע סאלדאטן פלעגן זיך ארומדרייען מיט א טויבן שטייג אויף זייערע איקסלען.

אגב, איינע פון די עטליכע הונדערט גזירות וואס די דייטשן ימ"ש האבן ארויסגעגעבן קעגן די אידן איז געווען אז זיי טארן נישט פארמאגן קיין טויבן וואס קען גענוצט ווערן צו שיקן מעסעדזשעס.

איינע פון די באוואוסטע געשעהנישן ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז ווי א פייגל האט געראטעוועט א גאנצע בריגאדע, ומעשה שהיה כך היה: א בריגאדע פון אמעריקאנער זעלנער וואס האבן זיך געפונען אין פראנקרייך זענען געקומען אונטער העפטיגע אטאקעס פון די דייטשן ימ"ש, הונדערטער זעלנער זענען דארט גע'הרג'עט געווארן בלויז צוויי הונדערט זענען איבערגעבליבן, זיי זענען געווען פארשטעקט אונטער א בערגל זיך אויסבאהאלטנדיג פון די נאכאנאנדע קוילן וואס זענען געקומען צו פליען אין זייער ריכטונג. די בריגאדע האט פארמאגט מיט זיך עטליכע טויבן וואס זענען אויפגעהאדעוועט געווארן אין די הויפט באזע אין פראנקרייך, און בטבע אויב האט מען זיי געלאזט פליען זענען זיי געפלויגן אהיים וואס איז געווען די באזע. די דייטשן זענדיג די טויבן זיך הייבן האבן זיי עס תיכף אראפגעשאסן, ביז זיי זענען בלויז איבערגעבליבן מיט בלויז איין טויבעלע. בלית ברירה האבן זיי פרובירט

ארויס צו שיקן דאס לעצטע טויבעלע האפנדיג אז זי וועט אנקומען לעבעדיגערהייט צו די באזע מיט די בריוול צוגעבינדן צו איר פיסל וואס וועט מעלדן פאר די גענעראלן איבער זייער צושטאנד און ווי זיי געפונען זיך אז מ'זאל זיי קומען ראטעווען.

פון צווישן די ביימער האבן די זעלנער ארויסגעלאזט די טויבעלע, ווי נאר די טויבעלע האט זיך געהויבן האבן די דייטשן אנגעפאנגן צו שיסן און געצילט אויפן טויבעלע, די טויבעלע איז געטראפן געווארן פון איינע די קוילן און זי אראפגעפאלן, די זעלנער האבן צוגעקוקט מיט שאק ווי זייער לעצטע האפענונג טראסקעט צו די ערד פאר זייערע אויגן! וואס וועט זיין מיט אונז? צי גייען מיר דא גע'הרג'עט ווערן? הקב"ה האט שוין מששת ימי בראשית מטביע געווען אין די טבע אז דאס טויבעלע זאל קענען די וועג אהיים. און דאן פליצלונג האט זיך די צעבליטיגטע טויבעלע מיט גרויס אנגעשטרענגקייט אנגעפאנגן צו פלאטערן מיט אירע פליגלען און זיך געהויבן צו פליען אהיים צו די באזע, די דייטשן זענענדיג ווי דאס טויבעלע הייבט זיך האבן ווייטער געשאסן אויף איר, אבער זי איז געפלויגן העכער און העכער ביז די קוילן האבן איר נישט מער דערגרייכט, וואונדערליך איבער וואונדערליך די פאראוואונדעטע טויבעלע איז געפלויגן פינף און צוואנציג מייל אין בלויז פינף און צוואנציג מינוט, זי איז אריינגעפלויגן צו איר נעסט ווי א גלאק וואס איז דארט געהאנגען ספעציעל פאר די צוועק צו מעלדן די אנקום פון א טויבעלע, האט זיך צוקלינגען. א סאלדאט איז צוגעגאנגען און געזעהן דאס טויבעלע ליגן צעבליטיגט און בלינד אויף איין אויג, ווי אויך האט זי פארלוירן א פיסעלע. די טויבעלע האט באקומען א צונאמען אויף פראנצויזיש "טשער אמי" וואס מיינט "דער פריינט" די פייגל איז א באקאנטע פיגור אין די אמעריקאנער היסטאריע.

מיט די אמת'ע פאסירונג פארשטייט זיך בעסער וואס די נביא זאגט אין ישעיהו (ל"א): כצפרים עפות כן יגן ה' צבאות על ירושלם גנון והציל פסח והמליט. עס איז געזאגט געווארן ווען סנחריב מלך אשור האט ארומגערינגלט ירושלים, עס האט אויסגעזעהן ווי הקב"ה האט כביכול פארלאזט ירושלים, אט דאן איז געקומען די חיזוק ווערטער: אזוי ווי די פייגלעך וואס פארלאזן בעפאר די ווינטער זייער היים, אבער בעת האביב קערן זיי זיך צוריק אהיים, אט אזוי וועט הקב"ה ווי דאס פייגל איבערהיפן די שונא און צוריק אהיימקומען קיין ירושלים און איר באשיצן פון די שונא.

ווי דער מצודות דוד טייטש אויפן ארט: בבוא המלאך להכות במחנה אשור ידלג ממעל ירושלים ויהיו הם נמלטים מן המכה. יגן עליהם ויצילם. כצפרים הממהרות לעוף כן ימהר ה' להגן על ירושלים. מיט די אויבנדערמאנטע מעשה פארשטייט זיך די פסוק גאר גוט.

היוצא מכל זה, דאס איז איינע פון די סיבות פאר אונזער עקזיסטענץ אינעם לאנגן גלות, איז דאס אז מיר זענען א עם און נישט קיין גוי, מיר זענען נישט אידן ווייל מיר האבן א היימלאנד, מיר בלייבן א איד איבעראל אין אלע עקן פון די וועלט, און אפילו מיר זענען נישט אין ארץ ישראל זענען מיר אידן און מ'קען אונז נישט מאכן אויס. חז"ל לערנען אונז (פסחים פ"ז): **"אמר ר' אושעיא מאי דכתיב** (שופטים ה, יא) **צדקת פרזונו בישראל צדקה עשה הקב"ה בישראל שפזרן לבין האומות**, א גרויס חסד האט הקב"ה געטון פאר אונז אז ער האט אונז צעשפרייט צווישן אלע פעלקער, דאס ערמעגליכט אז מ'זאל אונז נישט קענען פארטיליגן, ווי המן האט געזאגט: ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים.

נאך מער, אידן האבן אייביג געלעבט אין געטא'ס, און געסלעך פאר זיך, ווי עס איז געווען גרינגער זיך צו האלטן אידישליך, ווען די אידן האבן זיך געוואלט צושטעלן צו די גוים, ווי די סלאגאן פון די משכילים, ככל הגוים בית ישראל, דאן האט הקב"ה אריינגעשטופט די אידן געצווינגערנעהייט אינעם געטא.

די דרך הלבוש איז אויך פון די עיקר פאקטן וואס האלטן אונז אפגעשיידט פון די גוים, שלא שינו את לבושם. מיר וועלן אי"ה באשרייבן א מאמר פאר זיך דערוועגן.

די שפראך 'אידיש' האלט אונז אויך אפגעטיילט פון די גוים, שלא שינו את לשונם.

די שנאה פון די גוים

א כוואליע פון שנאה קעגן די איד האט זיך אראפגעלאזט אויף די וועלט, פון ווען כלל ישראל האט מקבל געווען די תורה ביים בארג סיני. ווי די הייליגע חז"ל זאגן אונז אין מסכת שבת (פט.): מאי הר סיני? שירדה שנאה לאומות העולם! די גוים, די פעלקער האבן אנגעהויבן צו באקומען א שנאה פאר כלל ישראל. למה עשה ה' ככה? פארוואס האט הקב"ה אזוי געמאכט אז דער גוי זאל פיינט האבן דעם איד מיט אזא שטארקע שנאה וואס קומט פון קנאה? די תירוץ איז הקב"ה וויל אז זיינע קינדער די אידן זאלן זיין אינגאנצן אפגעשיידט פון די גוים, זיך נישט אפלערנען פון זייערע מעשים אד"ג. ואבדיל אתכם מן העמים

ליהות לי. בלעם הרשע האט שוין געזאגט: הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב. צוליב דעם בשעת מתן תורה האט הקב"ה מיטגעגבון א כוואליע פון שנאה, די גוים האבן אנגעפאנגען מקנא צו זיין דעם עם הנבחר. שנאה מחמת קנאה איז די בעסטע מיטל וואס קען האלטן אידן אפגעטיילט פון אנדערע פעלקער.

ווי עס האט זיך אויסגעשטעלט במשך אלע דורות, ווען אימער דער איד האט זיך געוואלט אויסמישן מיטן גוי, זיך צושטעלן צום גוי, מיט די לבוש אדער מיט בילדונג. ווי מער זיי האבן פרובירט אראפצעוואורפן פון זיך אידישקייט, אלס מער האט עס געהאט אן פארקערטע אפעקט.

מיר דארפן נישט צוריקקוקן פאר צו לאנג, בשעת די צווייטע וועלט מלחמה האט מען זיך עס איבערצייגט. דער רשע און צורר היהודים דער ארכי מערדער היטלער ימח שמו וזכרו, האט נישט געקוקט אויף די אויסערליכע איד, ביי די נירונבורג אסיפה איז ארויסגעבן געווארן די באפעל קלאר און דייטליך, דורך די בלוט און גענעטישע פראבעס האבן די דייטשן ימ"ש געוויסט ווער עס איז א איד, זיי זענען צוריקגעגאנגען עטליכע דורות זעהן צי מען פארמאגט נישט אין זיך א שמץ פון די אידישע ראסע. עס האט גאר ווייניג געהאלפן פאר די צוויי טויזנט משומדים וואס האבן זיך געפונען אין געטא, ווען זיי זענען געקומען פלאפען זונטאג אין די קירכע, זיי האבן ערווארטעט אז דער גלח וועט זיי געבן די פריוויליגיע ארויסצוגיין פון די געטא. אבער זייער גורל איז געוועזן די זעלבע ווי זייערע ברידער. - דער נביא **יחזקא-ל** האט שוין געווארנט כלל ישראל (יחזקא-ל כ): **והעלה על רוחכם היו לא תהיה אשר אתם אמרים נהיה כגוים כמשפחות הארצות לשרת עץ ואב, חי אני נאם אדנ' ה' אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם, והוצאתי אתכם מן העמים וקבצתי אתכם מן הארצות אשר נפוצתם בם ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה, והבאתי אתכם אל מדבר העמים ונשפטתי אתכם שם פנים אל פנים וגו'.**

צום שלוס איז כדאי צוברענגען די ווערטער פונעם הייליגן גר"א: די אידן זענען צוגעגליכן צו פייער, בית יעקב אש. די גוים זענען צוגעגליכען צו וואסער, מים רבים לא יוכלו לכבות. ווען פייער און וואסער קומען זיך צוזאם, וועט די וואסער גובר זיין און פארלעשן די פייער. אבער אויב לייגט מען א טאפ אויפן פייער, און אינעם טאפ ליגט וואסער, וועט די וואסער נישט פארלעשן די פייער, פארוואס? ווייל עס איז דא א הפסק דורכ'ן טאפ צווישן די פייער און וואסער. אזוי אויך די אידן קענען זיך נישט מישן מיט די גוים, די וואסער\גוי וועט גובר זיין. מ'דארף האבן א הפסק אינדערמיט. (עי"ש בפרד"י דבזה מבואר מה שאמרו חז"ל בברכות, דהרואה קדירה בחלום יצפה לשלום, ודו"ק).

פרק צ"ב

חורבן בית שני

ביטול קרבן התמיד

אין די אלע שווערע צייטן זענען די כהני ה' געשטאנען על משמרתם מיט מסירות נפש, במצור ובמצוק, און מיט מסירות נפש איז ווייטער אנגעגאנגען די הייליגע עבודה אין בית המקדש.

אבער די עבודה האט מיט געוואלד אויך געמוזט צושטערט ווערן, ווען עס זענען געווען אזויפיל כהנים וואס זענען געווארן טמאי מתים פון די אלע קערפערס וואס זענען געווען אנגעלייגט אין די גאסן, און דאס האט גורם געווען אז די עזרה איז דורך זיי טמא געווארן, און מען האט נישט געקענט מקריב זיין ווייטער די קרבנות בטומאה.

אין יענעם טאג איז אויך ארויסגעקומען די גזירת המלכות וואס האט באפוילן אז עס זאל מער נישט געגעבן ווערן די הילף מצד די רוימיים פאר די אידן וואס ווילן מקריב זיין דעם קרבן תמיד.

ווייל ביז יענעם טאג פלעגט מען שיקן צוויי קערב מיט געלד און די גוים האבן צוריק געשיקט צוויי גדיים וואס מ'זאל מקריב זיין אויפן מזבח, אבער יענעם טאג האבן זיי אנגעהויבן צוריק צו שיקן גדיים וואס מ'טאר עפ"י הלכה נישט מקריב זיין, ביז ווען עס האט זיך געענדיגט אז זיי האבן צוריק געשיקט צוויי חזירים, און דאס האט ענדגילטיג אפגעשטעלט דעם סדר העבודה אין ביהמ"ק.

בשבעה עשר בתמוז ביטל קרבן התמיד.

יא ליידער, עוונותינו גרמו, און עס איז געקומען דער זמן וואס דער לעצטער קשר וואס די אידן האבן געשפירט אז דער אייבערשטער איז מיט אונז, וואס דאס איז געווען דורך די הקרבה פון "קרבני לחמי לאישי ריח נחוחי", מען האט געוואוסט אז מ'איז מקריב דעם קרבן לריח ניחוח און מען טוט דערמיט א נחת רוח פאר השי"ת, אבער יעצט אז דער קרבן איז אפגעשטעלט געווארן, איז דאס פאר די אידן געווען זייער א שווערער קלאפ און זיי זענען געווארן טרויעריג און צובראכן, ביי מערערע אידן אין דער טאג שבעה עשר בתמוז שוין באטראכט געווארן ווי דער חורבן ביהמ"ק.

ווען עס האט שוין געהאלטן ביי דעם שטאפל, און טיטוס הרשע האט געזעהן אז ער האט שוין כמעט דערגרייכט זיין ציהל, האט ער ווידער אמאל גענומען יוסף בן גוריון, וואס האט אים אזוי געטריי געהאלפן אין זיינע מהלכים מיט די אידן ביז יעצט, און ער האט אים

באאויפטראגט אז ער זאל ווידער אמאל גיין צו די אידן און פרובירן צו פירן מיט זיי געשפרעכן און פארהאנדלונגען, אפשר אז מ'האלט שוין ביים לעצטן שאס, און די גזירה איז שוין פארזיגעלט האבן זיי זיך בארעכנט און זיי זענען גרייט איבערצוגעבן ירושלים און דעם ביהמ"ק מרצונם הטוב אן דעם וואס מען זאל דאס דארפן פארניכטן, און אן דעם וואס דאס זאל קאסטן פרישע בלוט און פרישע קרבנות.

יוסף האט געטון זיין שליחות און מיט א הויך קול און מיט בקשות און תחנונים האט ער זיך געבעטן צו די אידן אז זיי זאלן זיך איבערטראכטן און בארעכנען אין דעם מצב אין וואס זיי שטייען, און טראכטן וואס עס איז פאר זיי גוט.

דער רוף פון יוסף בן גוריון

יוסף בן גוריון האט אויסגעפאלגט דעם באפעל און ער האט זיך געשטעלט קעגן איבער די חומה פון ירושלים, און ער האט גערופן דאס פאלק אז זיי זאלן אריינטראכטן אין די לעצטע מינוטן וואס עס זענען זייערע ברירות, און זיי זאלן פאסן דעם ריכטיגן באשלוס וואס צו טון. און ער האט זיי גערופן זיך מתבונן זיין ווי ריכטיג עס איז אז נאך יעצט זאלן זיי זיך אונטערגעבן פאר די רוימיים, און אזוי ארום אפראטעווען דעם ביהמ"ק, און דאס ביסל אידן וואס זענען נאך געבליבן, זאלן אפגעראטעוועט ווערן.

די בריונים זענען ווי פארדטענדליך געווען אויף איהם מלא כעס, זיי האבן אין אים געזעהן א בוגד אין זיין פאלק נישט פון היינט און זיי האבן אויף אים צוריק געשריגן מיאוס'ע זידל ווערטער, און האבן אים נישט געוואלט אויסהערן.

פון די צווייטע זייט זענען נאך אלס געווען אסאך וואוילע אידן, וואס זענען שוין געווען אנגעזעטיגט פון די בריונים וואס האבן געברענגט אויף זיי אזויפיל צרות, און זיי זענען נישט געווען אזוי דארשטיג נאך מלחמה, און זיי האבן זיך געוואונטשן מי יתן והיה אז מ'זאל נאך יעצט קענען קעגן קומען די רוימיים מיט א פארהאנדלונג און א שלום פלאן.

אט די אידן האבן זיך געוואנדן צו די פירער פון די בריונים מיט א געבעט אז זיי זאלן רחמנות האבן און אפשוינען דעם ביהמ"ק און די שטאט ירושלים, און פון צווישן דעם פאלק האט זיך געהערט שארפע אויסרופן, וואס האבן געשריגן אין ריכטונג פון די בריונים "גייט ארויס פון הר הבית, טרעט אפ פון דארט, און ראטעוועט אפ דעם שטאט פון אונזערע עלטערן!".

אבער ווי פארשטענדליך, דער ווי געשריי און די אויפריכטיגע ווערטער האט נישט אויפגעטון, נאר אדרבא פארקערט, דאס האט נאר אויפגעברענגט דעם צארן און דער כעס פון די בריונים, וואס האבן נישט געקענט דערהערן אזא פארשלאג פון שלום, און דאס האט זיי ארויסגענומען פון גלייכגעוויכט.

אלס אנטווארט אויף די בקשה האבן זיי יעצט גענומען אלע זייערע כלי זיין וכלי מלחמה וואס זיי האבן געהאט, און זיי האבן דאס אויסגעשטעלטביים הר הבית, אינעם מקום המקדש, דארט זענען געשטאנען די קאנאנען, די ציהל-שיסער, און אלע שפּיציגע שטיינער ווארפער, און זיי האבן זיך אוועק געשטעלט קעגן זייערע אטאקירער, צו וויזן קלאר אז זיי זענען דא צו פירן מלחמה, און עס קומט בכלל נישט אין באטראכט אז זיי זאלן זיך אוועק ציעהן פון דא.

טיטוס האט זיך אליינס נישט געגלויבט ווי ווייט די הארטקייט פון די בריונים גרייכט, אפילו קעגן דעם וויי געשריי פון זייערע אייגענע ברודער האבן זיי זיך נישט דערשראקן, און דאס האט זיי נישט באריערט, און אויף די מינוט האט דאס אויך אויף אים אנגעווארפן א שרעק שפירנדיג אז ער גייט דא אריין אין א מערכה וואס ער קען קיינמאל נישט וויסן דעם וועג ארויס ווי אזוי דאס וועט זיך ענדיגן לויט די דרייסטקייט און קראפט פון די אידן.

אויף די מינוט האט ער ארויס גענומען אלע זיינע סאלדאטן פון ירושלים, ווייל לויט ווי די אידן האבן אים יעצט אויסגעזעהן אין זייער קאמף, און זייער צוהיצקייט, האט ער געציטערט פאר זייער ווארלזיין, און ער איז געבליבן מיט זיינע סאלדאטן קעגן איבער ירושלים.

די דעפעקטירער

עס זענען געווען אסאך אידן פון ירושלים וואס דער יעצטיגער מצב וואס האט אויסגעזעהן ווי א צייטווייליגע וואפן-שטילשטאנד איז זיי גוט צונוץ געקומען, און זיי האבן זיך שטילערהייט ארויס געכאפּט פון ירושלים און זיי האבן דעפעקטירט צו די מחנה פון די רוימיים.

צווישן די אידן וואס זענען אנגעקומען אין די לעצטע תקופה ביי די רוימיים זענען אויך געווען גאר חשוב'ע אידן פון די שענסטע משפחות, צווישן זיי פון די משפחות כהנים גדולים און זייערע קינדער, און אנדערע גאר חשוב'ע אידן וואס זענען געווען דאן אין ירושלים. און דאס האט זיי געהאלפן אז זיי זענען כאטש געבליבן ביים לעבן, אזוי ווי טיטוס האט באפוילן נישט צו טשעפּענען די אידן וואס געבן זיך איבער פרייווויליג.

טיטוס האט די אידן באזונדער מסדר געווען אין א קליין שטעטל ביים צפון זייט פון ירושלים מיטן נאמען גופנא, אז זיי זאלן זיך דארט אויפהאלטן ביז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגן, זאגנדיג אז ווען די מלחמה וועט קומען צו אן ענדע וועלן די אלע אידן קענען צוריק גיין קיין ירושלים, און יעדער וועט זיך קענען צוריק באזעצן אויף זיין אייגענע נחלה.

טיטוס האט זיך אויך געוואנדן צו די שומרים וואס זענען געשטאנען אויף די חומה און ער האט אויף זיי געשריגן, ער האט אויסגעגעבן זיין כעס אויף זייער עקשנות אז זיי ווילן נאך אלס נישט איבערגעבן די שטאט אין זיינע הענט.

די בריונים האבן אזוי נישט ערנסט גענומען זיינע ווערטער, און זיי האבן געמאכט פון אים א שפאט און שפאס, ווי כאילו זיי זענען בלינד און זיי זעהן נישט באמת וואס דא טוט זיך, און וואס עס איז זייערע ביטערער צושטאנד.

די רומיים האבן יעצט געארבעט זייער שווער ווען זיי האבן אונטערגעגראבן די יסודות פון די חומה, און זיי האבן זיך אויסגעגראבן א גרויסן ברייטן וועג ווי אזוי טויזנטער רומישע סאלדאטן זאלן קענען אנקומען צום הר הבית.

אינמיטן די נאכט

טיטוס איז דאך געווען א געלערענטער מלחמה מאן, און ער האט גוט געוואוסט אז ער וועט נישט קענען אנקומען אין שטאט מיט זיין גאנצע מיליטער, ווייל עס איז ניטאמאל געווען געהעריג דאס פלאץ געאייגענט אז ער זאל קענען אנקומען מיט אלע זיינע סאלדאטן. האט ער געמאכט א סעלעקציע, וואו מ'האט אויסגעוועלט אלע שטארקע און געלונגענע סאלדאטן וואס זענען פאסיג און מוכשר צו קענען פירן א העלדישן קאמף, און אין שפיץ פון די יעצטיגע אקציע האט ער געשטעלט זיין גענעראל צראליס, און ער האט זיי געגעבן גענויע אנווייזונגען ווי אזוי די אקציע זאל צוגיין אז זי זאל געקרוינט ווערן מיט סוקסעס.

ער האט די מחנה געשיקט פאראויס אויף איין מיסיע אז זיי זאלן אטאקירן די בריונים וואס זענען געשטאנען אויף די וואך ביים בית המקדש. ער אליין מיט זיין מיליטער זענען דערווייל געבליבן אינדערויסן אויף א פלאץ וואו מ'האט אלעס געקענט אבזערווירן, ביים חרוב'ן בירת אנטוכיא.

די מיליטער לייט פון די רומיים האבן שווער געארבעט אז זיי זאלן קענען דורכברעכן דעם וועג אז זיי זאלן קענען דערגרייכן דעם הר הבית, אבער זיי האבן דאס נישט געקענט באווייזן. ווייל זייער פלאן איז געווען אנצוקומען שטילערהייט ביינאכט ווען די שומרים זענען געשלאפן, און דאן וועלן זיי אנפאלן מיט א פלוצלונג'דיגע אטאקע און תיכף זיי באזיגן.

עס איז אבער למעשה נישט אזוי געווען, די רומיים זענען טאקע אנגעקומען באישון לילה, און זיי האבן זיך דערנענטערט זייער שטיל, אבער זיי זענען געכאפט געווארן אין א שטארקע סורפרייז ווען די שומרים האבן אויף זיי געהאלטן אן אויג, און אין די לעצטע מינוט זענען ארויף געשפרונגען אויף זיי מיט קולי קולות, וואס האט זיי שטארק דערשראקן, און עס איז נאך געווען זייער טונקל און מען האט נישט געזעהן וואס עס גייט

פאר, האט פאסירט אז מ'האט זיך פארוואונדערט איינער דעם צווייטן, נישט זעהנדיג אז אייגענע ברודער ווערן דא באטראפן.

עס איז געווען א שווערע נאכט אין די מלחמה, ווייל עס איז כמעט נישט מעגליך אין די פינסטערניש צו קענען ארבעטן מיט א סטראטעגיע, און דאס איז גוט צוניץ געקומען פאר די אידן וואס האבן אויסגענוצט די פארלוירנקייט אנצוזייען א צומישעניש ביי די רוימיים, וועלכע זענען געווען צוטומלט, און ווען עס האט אנגעהויבן צו טאגן און די רוימיים האבן זיך שוין פרובירט צו ארגעניזירן, און זיי האבן אנגעהויבן צו דערלאנגען קלעפ פאר די אידן, זענען זיי שוין געווען גענוג פארלוירן אז עס איז ווידער געלונגען פאר די אידן זיי צו קענען ארויסשטויסן ביז ווען זיי זענען צוריק אנגעקומען צום בירת אנטוכיא, ווען דער אנטוישטער טיטוס האט זיי אויפגענומען מיט אפענע ווייטאג און צובראכנקייט, ווען ער זעהט נישט פאר די אויגן ווען און ווי אזוי די ענדלאזע מלחמה וועט קומען צו אן ענדע.

בשברי לכם מטה לחם

פון די צווייטע זייט האבן אבער דער נאטור געטון דאס זייניגע, אין ירושלים איז נישט געווען וואס צו עסן, און אז עס איז נישטא וואס צו עסן הונגערט מען, און דאס ברענגט נאך א שוואכקייט אין אלע ביינער. אויך ביי די רייען פון די בריונים איז דער הונגער געווען זייער גרויס, און עס זענען געווען אזעלכע וואס פון גרויס צובראכנקייט און פארביטערניש האבן זיי זיך געטרויעט און האבן זיך ארויסגעכאפט פון די שטאט ביי די נעכט זוכן עסן.

זיי זענען געווען דארט באהאלטן ביי די זייטן, און ווען זיי האבן באמערקט ווי עטליכע רייטער פון די רוימיים זענען ארויס געקומען ארויס פון די מחנה כדי צו קענען געבן עסן פאר זייערע פערד, זענען זיי ארויסגעשפרינגען און אטאקירט די רייטער, און זיי האבן אוועק גענומען דעם פערד מיטן אייזל. אזוי איז אויסגעקומען אז די בריונים האבן זיך אין יענע צייט געשפייזט מיט די בהמות פון זייערע שונאים וואס איז זיי געלונגען צו גנב'ענען.

עס פארשטייט זיך אליינס אז די ערשיינונג האט ארויסגענומען טיטוס פון די כלים, אויב איז אים נישט גענונג אלע צרות ביז אהער, און ער קען זיך מיט די אידן נישט קיין עצה געבן, זעהט ער ווי זיי לעבן גאר אויף זיין פלייצע, און זיי דערקוויקן זיך דאס הארץ מיט די בהמות וואס זיי נעמען אוועק פון זיינע רייטער, און ער האט אויך געמוזט טרעפן א גיכע עצה ווי אזוי דאס זאל ווערן אפגעשטעלט.

טיטוס האט דאן ארויסגעגעבן א באפעל און די רוימיים האבן שנעל אויפגעבויעט א חומה אינדערויסן פון ירושלים קעגן איבער דעם פאדערשטן שער, כדי עס זאל מער נישט זיין מעגליך פאר די אידן אזוי פלוצלונג ארויסצולויפן פון די שטאט.

אבער דאס האבן שוין די אידן נישט געקענט צולאזן אז מ'זאל זיי איינשפארן אונטער א חומה, האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אין זייערע מאסן, און זיי האבן נישט געלאזט בויען די חומה, זיי האבן געגעבן שטארקע קלעפ פאר די רוימיים, און זיי האבן צעווארפן די חומה וואס איז געווען קעגן איבער די שטאט.

דער הונגער וואס האט געפייניגט די בריונים האט גורם געווען אז זיי זענען געווארן זייער אויפגערייצט און שטארק מסוכן, אסאך הונגעריגע בריונים זענען יעצט ארויס געגאנגען פון די שטאט און זיי זענען איבערגעפאלן די רוימי'שע שומרים וואס זענען געשטאנען אויפן הר המשחה, און זיי האבן דארט געטראפן פערד, און מויל אייזלען, און נאך אסאך בהמות, זיי האבן אין די איילעניש דורכגעפירט גרויסארטיגע גניבות, און וואס זיי האבן נאר געקענט האבן זיי דארט אוועק גערויבט.

די רוימיים האבן געזעהן דעם בראך פאר די אויגן און זיי זענען נאכגעלאפן די אידן, אבער זיי האבן שוין גארנישט געקענט טון צוריק צו האלטן די אידן פון אנקומען קיין ירושלים מיט גרויס שמחה אויף זייער עררייכונג, ברענגדיג אהיים די ווערטפולע רויב.

דער גרויסער רויב וואס די בריונים האבן מצליח געווען אהיימצוברענגען קיין ירושלים איז פאר זיי געווען א געוואלדיגע הצלה, דאס האט זיי געגעבן עסן און כח מיט מוט, און זיי האבן ווידער אנגעהויבן צו ווייזן שטארקע גבורות, און געבן שטארקע קלעפ פאר די רוימיים, און די רוימיים זענען געבליבן שטיין איבערראשט מוזנדיג צו זעהן ווי די קליינע הייפעלע אידן שטעלן זיך אויף צום וויפילטן מאל זיי זענען שוין געווען אינגאנצן דערשלאגן, און זיי באווייזן איבערנאטורליכע כוחות פון גבורה און שטארקע נצחונות.

יונתן דער גיבור רייצט זיך

עס האט זיך ארויסגעשטעלט יונתן, ער איז געווען א הויכער ברייט ביינערדיגער מענטש, און ער האט געהאט א שרעקליכן אויסזעהן וואס האט געווארפן א שרעק אויף יעדער וואס איז נאר מיט אים געקומען אין בארירונג, און אן קיין מורא איז ער געגאנגען ביז צום פלאץ וואו די רוימיים זענען געשטאנען מיט זייערע מחנות, און ער האט זיך אפן גערייצט מיט זיי, און ער האט פון זיי געמאכט א שפאט און שאנדע, ווען ער נעמט זייערע גיבורים און העלדן און ער מאכט פון זיי אן אפענע שפאס און לצנות, וואס האט די רוימיים זייערע ווי געטון און דאס איז געווען פאר זיי א שטארקער סימבאלישער פארשעמונג, וואס זיי האבן נישט געקענט פארשווייגן, אפילו זיי האבן געשפירט אז עס קען זיין אז עס לוינט זיי נישט פאליטיש צו אנהייבן א פערזענליכן קריג מיט דעם מעכטיגן גיבור.

איינער פון די גיבורים פון די רוימיים האט זיך געוואלט פארמעסטן מיט איהם, איז ער ארויסגעגאנגען קעגן יונתן, אבער יונתן האט אים געפעדערט, און אויף די מינוט האט ער

אים אוועק געלייגט א טויטער. מיט א גרינגשעצונג האט ער ארויפגעטרעטן אויף זיין טויטן קערפער, און מיט זיין רעכטע האנט האט ער געפאכעט מיט זיין שווערד, און מיט זיין לינקע האנט האט ער אויפגעהויבן זיין פאנצער, ווי צו ווייזן פאר די רוימיים אז 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה', און טראץ וואס ער האט געהאט א שטיקל הצלחה, האט ער פארגעסן "כי הוא הנותן לך לעשות חיל", און ער האט בכלל נישט געטראכט פון געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטן.

נאך די אקציע איז יונתן נישט אנטלאפן, נאר ער איז דארט געבליבן און ער האט ווייטער פארגעזעצט צו טשעפענען און טרייבן שפאס פון די רוימיים, אבער זיין ענדע איז אויך נישט געווען ווייט, ווען עס איז פלוצלונג ארויס געקומען איינער פון די רוימי'שע מחנה וואס האט נישט געקענט סובל זיין ווי אזוי דער בעל גאוה לעסטערט זיי און ער מאכט פון זיי דאס גענאר, ואין פוצה פה ומצפצף, איז ער ארויף געשפרונגען אויף איהם, און ער האט אים גע'הרג'עט מיט זיין שווערד, און ווי טראגיש איז דאס געווען ווען דער קערפער פון יונתן איז אראפ געפאלן אויפן קערפער פון זיין שונא וועמען ער האט דא דער'הרג'עט.

א פרישע סטראטעגיע

טיטוס האט געמוזט נאכאמאל מאכן חשבונות, און ער האט מיט א פארזיכטיגקייט געמוזט איבער טראכטן וואס עס זאלן זיין זיינע ווייטערדיגע שריט, נאכדעם וואס זיין אויסגערעכנטע פלאן פון שטורעמען און באלאגערן דעם הר הבית איז דורכגעפאלן, און די אידן האבן אים געוויזן אז נאך אלע מעשיות האלטן זיי נאך בכלל נישט ביים אויפגעבן, און זיי זענען קאמפס גרייט צו שיצן אויף זייער טייערסטע און וויכטיגסטע אוצר דאס איז דאס הר הבית און דער מקום המקדש.

טיטוס האט געהאט איין צענטראלע באזע אין ירושלים וואס דאס איז געווען זיין בעסטער פונקט זיך צו שלאגן מיט די אידן, דאס איז געווען "בירת אנטוכיא", דער גרויסער פעסטונג וואס האט זיך פון איין זייט ממש געגרעניצט מיטן הר הבית, אבער ער האט זיך איבער געקלערט אז עס לוינט אים ענדערש צו גיין לויט די נימוסי מלחמה, און אויף דעם אופן ארבעטן אנצוקומען צו זיין זיג, וואס האט אים אויסגעזעהן אז עס איז שוין זייער נאנט.

ער האט אפגעהאלטן באראטונגען מיט זיינע גרויסע שרים, און דאן זענען זיי געקומען צו א באשלוס ווי אזוי זיי זאלן ווייטער ממשיך זיין די מלחמה.

טיטוס האט יעצט ארויס געגעבן דעם באפעל אז מען זאל ווייטער בויען די סוללות אויפן הר הבית און די עזרה, און די רוימיים האבן זיך גענומען צו די עבודה פון גיסן פיר

באזונדערע סוללות, וואס יעדע איינע האט געצילט אנצוקומען צו א צווייטע פונקט פונעם מקום המקדש.

דאס ערשטע איז געווען אויסגערעכנט אנצוקומען קעגן דעם חצר בית ה׳ הפנימית, וואס איז ביים ווינקל פון צפונית מערבית, די צווייטע איז געווען קעגן די אכסדרא וואס איז געווען ביים צפון זייט פון די עזרה, און די אנדערע צווייט איז איינס ארויפגעגאנגען צום זייט פונעם אולם המערבי ביים דרויסענדיגן חצר, און די צווייטע איז געגאנגען אויף צפון זייט.

די רוימיים האבן נעישט געהאט קיין לייכטן פעלד ביי די ארבעט, זיי האבן געברענגט די העלצער פון גאר ווייט, א מהלך פון הונדערט ריס, און די בריונים האבן דאך ווי פארשטענדליך געטון אלעס וואס עס איז נאר מעגליך זיי צו שטערן פון צו קענען אנקומען צו זייער ציהל.

די בריונים האבן זיך גרופירט ביי פארשידענע פלעצער וואו זיי האבן זיך באהאלטן און פון צייט צו צייט זענען זיי ארויסגעשפרונגען און אטאקירט די ארבעטער, שטערנדיג זיי צו ברענגען העלצער, אדער האבן זיי צובראכן דאס וואס זיי האבן שוין אויפגעבויעט מיט גרויס פלאג און יגיעה, וואס דאס אלעס האט זיי זייער שווער געמאכט צו קענען געהעריג אנגיין און ענדיגן די ארבעט.

ויצת אש בציון

די בריונים האבן געהאט ביי זיך א שטארקע זיכערהייט אז דאס וועט נישט געשעהן! דער בית המקדש וועט זיכער נישט חרוב ווערן ווייל עס קען גארנישט זיין, און זיי האבן זיך כסדר מחזק געווען ביז היינט אז אפילו זיי פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, וועט דאך דער אייבערשטער נישט צולאזן אז מ׳זאל חרוב מאכן זיין הויז, און ער וועט ח״ו מסלק זיין שכינתו פון צווישן די אידן.

אט די זיכערהייט וואס די אידן האבן געגלייבט אין ביהמ״ק איז זיי שוין געווען א פראבלעם ביים ערשטן בית המקדש, ווען שוין דעמאלטס האבן די אידן נישט געוואלט צוהערן צו די ווערטער פון ירמי׳ הנביא וועלכער האט געווארנט צו זיי אז זיי זאלן נישט זיין אזוי זיכער אז דער בית המקדש וועט נישט חרוב ווערן, און זיי זאלן נישט צוהערן צו די ווערטער פון די נביאי שקר וואס זענען נאר געווען פארנומען מיטן אוועק מאכן אלעס וואס ירמי׳ הנביא זאגט און בארוהיגן די אידן ווייטער צו גיין אויף די שלעכטע וועגן ווייל עס וועט זיי קיין בייז נישט פאסירן.

ירמי׳ הנביא האט שוין אין זיינע דברי מוסר אויך גערעדט פון דעם חורבן בית שני (ירמי׳ ז׳ ד׳) ״היכל ה׳ (זה מקדש ראשון), היכל ה׳ (זה מקדש שני), היכל ה׳ המה, כי אם היטב תטיבו את דרכיכם ואת מעלליכם״.

צוביסלעך צוביסלעך האבן די אידן מיט ווייטאג געדארפט צוקוקן ווי דאס אומגלויבליכע פאסירט, טראץ די אלע שוועריגקייטן האבן די רוימיים געמאכט פארשריט און די ארבעט אויף די סוללות האט זיך גערוקט פאראויס, און עס האט שוין געהאלטן ביים ווערן פארענדיגט.

די אידן האבן זיך זייער געזארגט זעהנדיג די סוללות וואוסנדיג אז דאס עפענט אלע וועגן און אלע מעגליכקייטן פאר די רוימיים זיי צו באזיגן. און זיי האבן געטראכט און מטכס עצה געווען אלעס אויף די וועלט וואס מען קען טון אז די רוימיים זאלן נישט קענען אויספירן זייערע ציהלן, און זיי זאלן נישט אנקומען צום מקום המקדש.

די אידן האבן דערזעהן א שטארקער פראבלעם אז דער הר הבית איז ביי איין ווינקל געווען באהאפטן מיט זייער פעסטונג, און יעצט איז געווארן זייער לייכט פאר די רוימיים צו קענען אריבער קומען גלייך אריין אויפן הר הבית, האבן זיי מחליט געווען אז זיי מוזן יעצט דערווייטערן דעם הר הבית פון זייער בירה.

"ויציתו אש בציון" די אידן אליין זענען געגאנגען און געמאכט א שריפה אויפן הר הבית, אלע אולמות פונעם בית המקדש וואס זענען געווען בייביידע זייטן צפון און דרום זענען אונטערגעצינדן געווארן, און זיי האבן אויפגעבראכן א גרויסן שטח פון ארום צוואנציג איילן.

די רוימיים פון זייער זייט האבן געטון די זעלבע זאך, זיי האבן געמאכט א שריפה און פארברענט געוויסע חלקים פון הר הבית, וואס די אידן האט דאס נישט אינטערעסירט האלטנדיג אז דאס וועט זיך ארויסשטעלן צום סוף אלס א טובה פאר די אידן ווען מ'וועט זיין אזוי שטארק אפגעטיילט, אז די רוימיים וועלן נישט קענען אריבער קומען אויף זייער זייט. און מ'האט אפילו אראפגעהאקט פארשידענע באלקענעס פונעם אולם. עס איז מקוים געווארן דער פסוק "ויבער ביעקב כאש להבה אכלה מסביב".

אזוי איז אנגעגאנגען דער העכסט אנגעצויגענער מצב צווישן די צוויי צדדים, ווען בייביידע צדדים איז שוין זיכער אז אין די נאנטע טעג וועט די מלחמה קומען צו אן ענדע, און איינער פון די צוויי צדדים וועט מוזן ארויסגיין מיט א נצחון און אויבער האנט.

דער שפיצל פון די בריונים

עס איז געווען כ"ז תמוז תתכ"ח לפ"ק, ווען עס איז נאך געלונגען פאר די בריונים אריינצונארן די רוימיים אין זאק, און זיי אונטער שטעלן א געלונגענעם שפיצל.

ביים מערב זייט פונעם הר הבית האט זיך געפונען א גרויסער אולם, עס איז געווען זייער גרויס און הויך, און דאס איז נאך געבויעט געווארן אין די צייטן פון שלמה המלך, און די מלכים אין די תקופה פון בית שני, זענען די קעניגן געווען פארנומען נאכמער דאס

אויפצוהייבן און פארגרעסערן און פארשענערן. מ'האט איבערגעדעקט די ווענט פון דעם אולם מיט טייערע האלץ אז דאס איז געווען א כלילת יופי.

די בריונים זענען יעצט געגאנגען און זיי האבן געעפענט די ווענט פון דעם אולם און זיי האבן דארט אריינגעלייגט שמאטעס וואס איז געווען פול מיט חומר און זפת און אנדערע ברענעדיגע מאטריאל, אזוי אויך האבן זיי די ווענט באגאסן מיט אסאך ברענשטאף, און דאן האבן זיי געמאכט דעם אנשטעל ווי כאילו זיי אנטלויפן פון די רוימיים פאר שרעק, מיטן ציהל כדי די רוימיים זאלן זיי וועלן נאכלויפן.

דער שפיצל האט זיך טאקע אויסגעארבעט, און די רוימים האבן געהאט גרויס הנאה צו זעהן דעם מציאות ווי די אידן האבן זיך שוין ענדליך דערשראקן און זיי הייבן אן צו אנטלויפן מיט פחד פון די רוימיים.

די רוימיים וואס האבן צו זייער גרויסע הנאה געזעהן די אידן אנטלויפן אין שרעק האבן פארשטאנען אז יעצט איז זייער צייט אנצוהייבן צו נאכיאגן די אידן, און זיי הרג'ענען, די רוימיים זענען טאקע געקומען צו לויפן אין די איילעניש צום אולם, און זיי האבן אריינגעשטראמט אינעווייניג, אנדערע מער טעטיגע האבן מיטגענומען גרויסע לייטערס מיט וואס זיי זענען ארויפגעקראכן אויפן הויכן דאך פונעם אולם, וואס איז געווען זייער הויך, און זיי האבן דארט געוואלט שוין ווייזן זייער ענדגילטיגן זיג ווען זיי האבן געלייגט די האנט אויף אזא מעכטיגן פונקט אין צענטער פונעם הר הבית.

די שמחה איז געווען ווייל אויסער דעם וואס דער אולם איז געווען א טייערער זאל, א הערליכער פארמעגן, און עס האט זיך געפונען אויפן הר הבית, איז דאס אויך געווען דער לעצט פארליבענער ארט וואו די אידן האבן זיך געקענט באהאלטן ביז יעצט, און די רוימיים האבן דאס גוט געוואוסט אז נאכדעם וואס זיי האבן דאס איינגענומען זענען די אידן אויף צרות ווייל זיי האבן נישט וואו צו אנטלויפן.

פאר גרויס פרייד האבן די רוימיים נישט געוואוסט וואס צו טון, יעדער פון זיי האט נאר געוואלט האבן די זכי' צו זיין אינעווייניג, און אזוי האבן זיי איבערגעפולט דעם זאל איבער אלע ברעגעס אז מען האט קיין נאדל מער נישט געקענט דארט אריינשטופן.

ווען עס שוין געווען אזוי שפעט באישון לילה, איז איינער פון די יונגע בריונים צוגעקומען צום אולם, און ארויפגעלייגט א גרויסן שלאס אויפן טיר פונדערויסן, און דאן זענען געווען עטליכע יונגעלייט וואס האבן געווארט אויף די מינוט, און זיי האבן אויף עטליכע פלעצער אנגעצינדן א פייער אויף אלע זייטן פונעם אולם.

אזוי ווי דאס מקום איז דאך שוין געווען גוט אנגעהייצט פון פאראויס, האט נישט גענומען מער ווי געציילטע סעקונדן ביז ווען דער גאנצער בנין האט אויפגעריסן אין העלישע פייער פלאמען, אלעס אויפאיינמאל האט זיך גענומען ברענען און פלאקערן,

אלע העלצער אוןביימער אלע ווענט, וואס איז געווען אנגעפולט מיט ברען שטאף, פון איין מינוט אויף די צווייטע איז דער גאנצער מעכטיגער אולם געווען איין מעכטיגער פייער, א שטיק פייער וואס אירע צינגער האבן זיך געהויבן עד לב השמים.

די רוימיים וואס זענען געשטאנען אינדערויסן פונעם אולם זענען אריינגעפאלן אין שאק און אין פאניק, עס איז נישט געווען וואס צו טון, און עס איז נישט געווען וואס אנצוהייבן צו טראכטן איבער ראטעווען די פילע טויזענטער מענטשן וואס זענען געווען פארכאפט אינעווייניג, די טויזענטער מענטשן וואס זענען געשטאנען אויפן דאך פונעם אולם, ווייל אלעס איז געווען פארכאפט אינעווייניג אין די שרעקליכע פלאמען.

דאס בילד פון דאס וואס עס האט זיך דארט ווייטער אפגעשפילט איז געווען שרעקליך, די רוימיים האבן באלד געזעהן אז קיין צוויי ברירות איז נישטא, און זיי זענען פארלוירן, די אלע וואס זענען געווען אויף די דאך האבן זיך באלד גענומען צו שפרונגען, כאטש זיי האבן אליינס נישט געוואוסט וואו זיי שפרונגען, האבן זיי אבער נישט געהאט וואס צו פארדינען און וואס צו דערלייגן, עס זענען געווען אזעלכע וואס זענען אראפ געשפרונגען ביז אין שטאט אריין אין ירושלים, אנדערע זענען אריינגעפאלן אין די הענט פון די פיינט, און אנדערע זענען גאר אראפגעטאנצן צו זייערע חברים, און פונעם הויכן טאנצן האבן זיי זיך צובראכן אלע איברים, און וויפיל עס זענען געווען וואס האבן נישט געוואלט שפירן דעם שרעקליכן טעם פון שטארבן דורכן פארברענט ווערן אין פייער האבן זיי ארויסגענומען זייער אייגענע שווערדן און זיי האבן זיך גענומען דאס לעבן.

די בהלה איז געווען שרעקליך, און דער ביטערליכע ווי געשריי פון די טויזענטער מענטשן וואס זענען געווען פארכאפט אין די שריפה האט זיך געהערט ביז ווייטע שטרעקעס אוועק.

טיטוס אליין איז געשטאנען אויסער די שטאט ירושלים, ער האט קלאר געזעהן די גאנצע סצענע און ער האט געהערט די ווי געשרייען פון די טויזנטער רומיים וואס ווערן פארברענט, אבער, ער האט גארנישט געקענט טון זיי צו העלפן, ער איז געשטאנען און צוגעקוקט מיט די אויגן ווי זיינע מענטשן פלאקערן און ווערן פארניכטעט.

ביי יענע שריפה איז נישט געווען קיין איבערלעבער, דער שרעקליכער פייער האט געענדיגט אלעס ביזן לעצטן, און נאכן אפשאצן דעם פארלוסט פון די שריפה, האט זיך ארויסגעשטעלט אז צוויי און צוואנציג טויזנט רוימי'שע מלחמה לייט זענען אומגעקומען אין די ביטערע אקציע.

די רוימיים זענען געווען פארביטערט ביז גאר און זיי האבן זיך נישט געקענט טרייסטן אויף דעם שרעקליכן פארלוסט.

דער אולם איז טאטאל פארברענט געווארן, און די איבריגע חלקים וואס זענען נאך געשטאנען האט מען צובראכן מיט די הענט, און די רוימיים האבן שוין דאן מחליט געווען אז דאס איז עס, חרב של עשו איז נישט מעגליך אויפצוהייבן העכער די קעפ פון די אידן, און יעדעס איינציגע מאל וואס זיי האבן פערזענליך אנגעגריפן די אידן זענען זיי צום סוף ארויס מיט שרעקליכע בזיונות.

הרפת רעב

דער איינציגסטער מהלך וואס זיי האבן ביז היינט טיילוויז א סוקסעס איז נאר געווען ווען זיי האבן דורכגעפירט א שטארקע בעלאגערונג, אז די אידן זאלן ווערן אויסגעהונגערט און מיט דעם זאלן זיי אליינס אויסשטארבן, ה"י.

אזוי איז טאקע געווען, דער שווערער הונגער האט געפייניגט די אידן אין ירושלים, די רוימיים האבן אויך פארשלאסן אלע וואסערן ארום ירושלים אז די אידן זאלן נישט קענען געניסן דערפון, און דאס האט זיי טאקע שטארק אונטער געדרוקט, און אויסגעפייניגט.

אין די צייט איז דער הונגער אין ירושלים געווארן אלס שווערער, און די רוימיים האבן אוועק גענומען פון די אידן דעם אמת המים, דאס קוואל וואסער, און אויסער דער הונגער האט אין ירושלים אויך געהערשט א שרעקליכער דורשט, ווי דער פסוק זאגט "דבק לשון יונק אל חכו בצמא", און די אידן האבן געשפירט ווי זייער לעבן הענגט זיי אויף א האר.

עס איז אין יענע טעג מקוים געווארן אלע ווערטער וואס עס שטייט אין די פסוקים פון די תוכחה "והיו חייך תלוים לך מנגד ולא תאמין בחייך", און די אידן זענען געווען זייער צובראכן פארלוירן און מיואש, ווייל כאטש יעדעס מאל ווען עס איז געקומען צו א קאמף האבן זיי באוויזן דורך זייערע גבורות, און זייער שטארקייט זיך צו קענען איבער קלוגן זייערע שונאים מיט אינטריגעס און שפיצלעך, אפילו אין די שווערסטע צייטן, אבערנ ווען די רוימיים האבן אנגענומען א סטראטעגיע פון א בלויזע נאכאנאנדע באלאגערונג אפהאקנדיג אלע זייערע קוועלער פון שפייז און טרינקען, דעמאלטס זענען די אידן ווירקליך געווען אין זייער א שווערן און ביטערן מצב פון וואס זיי האבן זיך נישט געקענט ארויס זעהן.

די אידן האבן אין יענע טעג געזאגט "בבקר תאמר מי יתן ערב ובערב תאמר מי יתן בקר" גענוי ווי דער פסוק זאגט.

צווישן די אידן וואס זענען געווען אין ירושלים זעינען אויך געווען מסלתה ושמנה, עס זענען דארט געווען צווישן זיי די בני ציון היקרים המסולאים מפז, די גרעסטע לייט צווישן כלל ישראל, גדולי תורה, די הייליגע תורה וואס אין להם בעולמם אלא ד' אמות של הלכה בלבד, וואס אויסער תורה ועבודה האבן זיי גארנישט געהאט אויף זייער

וועלט, אבערליידער צוליב די שווערע צרות איז געווען "חשך מחושך תארם לא נכרו בחוצות, צפד עורם על עצמם יבש היה כעץ".

לא מאסתים ולא געלתים להפר בריתי אתם

אין יענע צייט איז געווען די הויפט באזע פון די הייליגע צדיקים אין יבנה דארט זענען געווען איינגעזאמעלט די הייליגע חכמי המשנה מיט זי תלמידים זייערע וואס האבן געטרינקען די תורה פון זייער מויל, און אפילו אין די שווערסטע טעג וואס איז אריבער אויף אידישע קינדער לא פסקה תורה מפיהם.

אויך דער געטליכער תנא רבן יוחנן בן זכאי, איז שוין אין יענע צייטן אוועק געגאנגען פון ירושלים עיר הקודש און ער האט זיך געפונען אין יבנה ווי ער איז געווען צוזאמען מיט די הייליגע חכמים פון דארט, און יבנה איז אין יענע טעג געווען דער 'נערוו צענטער' וואו דער רוחניות'דיגער טייל פון כלל ישראל איז געפירט געווארן.

דער הייליגער תנא ונשיא ישראל רבי יוחנן בן זכאי, ער האט נישט בלויז זיך אינזינען געהאט, זייענדיג דער מנהיג ישראל האט ער אויף זיינע פלייצעס געטראגן די דאגה פון כלל ישראל, און ער איז געווען זייער באזארגט און פארוויטאגט אויפן יעצטיגן מצב, און זיין הארץ און מחשבה איז געווען אויפן הייליגן בית המקדש, ער האט נישט געהאט קיין מנוחה, ווען ער האט שוין די גאנצע צייט געזעהן וואס דא גייט פאר, און ער האט געגנוי פארשטאנען מיט וואס דאס וועט זיך חס ושלום ענדיגן, און זיין הארץ איז אויסגעגאנגען אז דאס בית המקדש זאל ח"ו נישט חרוב ווערן. גענוי אזוי ווי דער פסוק דערציילט אין נ"ך שמואל אויף עלי הכהן "כי היה לבו חרד על ארון אלקים", אזוי איז יעצט ריב"ז געווען אויפן ביהמ"ק.

"והיתה בת ציון זוללה", די עיקר טעמע אינעם עיר הקודש והמקדש איז יעצט געווען "עסן", אין יעדע איינציגע שטוב אין ירושלים איז אנגעגאנגען א מלחמה איבער עסן, און די בעסטע גוטע פריינד, די נאנטסטע משפחה מיטגלידער, וואס נעכטן זענען זיי נאך גרייט געווען צו טון אלעס איינער פארן צווייטן, זענען יעצט געזעצן און געפירט מלחמות מיט געשלעגן איבער אביסל עסן וואס מען האט נאך געטראפן אין די הייזער, ווייל דאס איז דאך געווען ממש לעבנס וויכטיג זיך צו קענען דערהאלטן דאס לעבן.

דער מצב האט גורם געווען אז יעדע איינציגע זאך וואס איז זיי נאר געקומען אונטער די האנט איז זיי געווען גוט צום עסן און זיי האבן זיך נישט צוריק געהאלטן פון גארנישט אפילו חיות טמאות און אנדערע אומווערדיגע זאכן.

אומגלויבליך, אבער נויט ברעכט אייזן, די אידן האבן בלית ברירה געטראפן א ערזאץ צום עסן ממש געפערליכע זאכן, אויך זייערע לעדערנע גארטלעך, און די לעדערנע שוך

האבן זיי געביסן און געקייט צום עסן, די דיקע הויט וואס איז געווען ארויפגעצייט אויף זייערע פאנצערס האבן זיי מיט די הענט אראפ געריסן און גענוצט צום עסן, "השבעני במרורים הרוני לענה", די פארטריקענטע איבערגעבליבענע חציר אין די גאסן און די הארטע גידי בשר האבן זיי געגעסן, אזעלכע זאכן וואס אין פרידנסצייט וואלט זיי אנגעכאפט א איבל צו טראכטן אז מ'קען דאס נוצן אלס ערזאץ פאר מאכלים בכלל, און יעצט איז דאס גענוצט געווארן אלס א געשמאקער מאכל.

די רוימיים האבן געזעהן דעם שווערן מצב ביי די אידן און זיי האבן געשפירט אז דא איז תלוי זייער הצלחה האבן זיי נאר געזוכט ווי זיי קענען שווערע מאכן פאר די אידן, זענען זיי געגאנגען אינדערויסן נעבן די חומה און זיי האבן דארט געבראטן ציגן, און דער ריח פון די געבראטענע פלייש איז אריין אין די נאזלעכער פון די אויסגעהונגערטע אידן, און דאס אליין האט דירעקט גורם געווען אז אומצאליגע אידן זענען ליידער אויסגעשטארבן פון דעם אליין, ביז ווען דער שרעקליכער הונגער האט גורם געווען אז די ארגסטע פסוקים פון די תוכחה זענען מקוים געווארן ביי זיי.

עס איז ליידער געווארן א ביטערער ערשיינונג צו זעהן ביי די אידן וואס זאלן עסן זייערע אייגענע קינדער, דאס פלייש פון די זון און די טעכטער, און עס איז געווען "ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהם", זיי האבן נישט געקענט דערהייבן דעם מצב, אנשטאט די ציגן וואס די רשעים האבן געבראטן אינדערויסן האבן אידישע מאמעס געטון דאס זעלבע מיט זייערע אייגענע קינדער רחמנא לצלן.

געוני ווי עס שטייט אין די פסוקי איכה, און ווי מ'קלאגט אין די קינות "האוכלים למעדנים נשמו בחוצות האמונים עלי תולע חבקו אשפתות", די מערסטע איידעלע און חשוב'ע פון צווישן די אידן, וואס ביז היינט זענען זיי געווען געוואוינט צו דאס שענסטע און בעסטע האבן זיך יעצט געוואלגערט אין די מיסטן, און געגעסן דאס געמיינסטע וואס זיי האבן נאר געטראפן.

ואכלתם בשר בניכם

ווי חכמינו ז"ל דערציילן איבער די מרים, פון די טעכטער פון די עשירים וואס זי איז געווען אנטלאפן בעבר הירדן, און ביי די באלאגערונג איבער ירושלים איז זי דארט געווארן איינגעשפארט, און די בריונים האבן זיך באלד גענומען איבער איר און מען האט איר געוואלדיג אויסגעלייגט פון איר געלט און פון אלעס וואס זי האט זיך געהאט מיטגעברענגט פון עבר הירדן, און אפילו די פריוואטע עסן וואס זי האט זיך געהאט אנגעגרייט אז זי זאל זיך קענען דערמיט דערהאלטן דאס לעבן האט מען פון איר אויך אוועק גענומען, ווען די בריונים האבן טאג נאך טאג איינגעבראכן ביי איר אין הויז, און אוועק געכאפט איר אייגענעם ביסן פאר זיך.

די מרים איז געווען זייער ברוגז און פארוייטאגט ווען זי האט געזעהן ווי אזוי מען טוט איז אזוי אומבארעכטיגט בא'עולה'ען, און זי פלעגט זיי שעלטן, ווען זי האט דערביי געהאט נאך א ציהל זעהנדיג אז איר לעבן וועט זיך ענדיגן אויף א טראגישן אופן האט זי נישט געוואלט אויסגיין אויף א פאמעליכען הונגער, נאר זי האט ליבערשט געוואלט אז די בריונים זאלן איר הרג'ענען אלס אויפברויז וואס זי שעלט זיי כסדר.

און אויך זי, די רייכע פרוי וואס האט געהאט אלע מעדני העולם הזה, האט יעצט געדארפט גיין נישטערן אין די מיסטן. און זי האט געזוכט עפעס צו עסן צווישן די אפפאל פון די בהמות און זי האט דארט אויך גארנישט געטראפן, זי האט נעבעך אזוי געוואלט שטארבן אבער צו איר צער און ווייטאג איז איר ענדע נישט אנגעקומען און זי האט זיך זייער געמוטשעט מיט דעם אכזריות'דיגן הונגער.

דאס האט גורם געווען אז זי האט געטון דעם שרעקליכן גרויזאמען שריט וואס זי האט ניטאמאל געגלייבט פון זיך אליין אז זי זאל זיין מסוגל דערצו, אז זי האט גענומען איר אייגן קינד וואס זי האט געבוירן, און דאס איז ביי איר געווען דאס טייערסטע אויף די וועלט, און זי האט אים גע'הרג'עט און געבראטן אויפן פייער, און זי איז געגאנגען באהאלטענערהייט און אויפגעגעסן דאס פלייש פון איר זון, און זי האט נאך אוועק געלייגט א טייל פון די אומגליקליכע פלייש אין די באהעלטעניש אויף א שפעטערדיגע צייט.

עס איז אבער נישט געווען באשערט איר מזל, דער ריח פון געבראטענע פלייש איז ארויס געגאנגען פון איר באהאלטן ווינקל, און מען האט דאס געשפירט אין די סביבה, און די אויסגעהונגערטע מענטשן פונעם גאנצן ארום וואס יעדער האט געוואלט האבן וואס צו עסן זענען געקומען צו לויפן זעהן פון וואו דער גערוך קומט, און זיי זענען אריינגעקומען צו איר אין שטוב זוכן וועלכע "אוצר" זי האט דערווישט, ביז ווען זיי האבן געטראפן וואס די האט אוועקגעלייגט אין אירע באהעלטענישן, און זיי האבן דאס אוועק גענומען און זיך צוטיילט מיט די סעודה.

"ויאכלו בשר בניהם ובנותיהם במצור ובמצוק אשר הציק להם אויבכם בשעריהם".

די רומיים ווילן צוברעכן די חומה

די רומיים האבן דאן ווידער פרובירט צו שטויסן און צו קענען צוברעכן דעם חומה פון ירושלים, און מיט זייערע גרויסע קאנאנען האבן זיי פרובירט צו שטורעמען און צוברעכן אבער עס איז נישט געגאנגען.

אויך נאך זעקס טעג וואס זיי האבן נישט נאכגעלאזט און כסדר אריינגעזעצט אינעם מויער האבן זיי נישט מצליח געווען דאס צו קענען צוברעכן ווייל די שטיינער זענען געווען

זייער גרויס און דיק און דאס איז בכלל נישט צוקלאפט געווארן פון די שטארקע קלעפ וואס זי האט באקומען.

די רוימישע סאלדאטן האבן פרובירט אויך אנצוגרייפן די חומה ביי די אנדערע זייט, אונטערן שער הצפון וואו זייי האבן געוואלט אונטערגראבן אבער זיי האבן דארט אויך נישט מצליח געווען.

ווען די רוימיים האבן געענדיגט צו גיסן דעם 'סוללה' דער וועג וואס האט זי געדארפט פירן גלייך אריין ביז צו די עזרה, האט טיטוס באלד באפוילן אז מ'זאל נעמען די גרויסע אילי הברזל און דאס צוטראגן ביז צום אכסדרה פון די מערב זייט פונעם בית המקדש, און זיי האבן דארט פרובירט צו האקן אין די חומה, אבער מיט וויייניג רעזולטאטן, און וויפיל זיי האבן נאר געהאפט אז מיט זייערע מלחמה געוועהר זאלן זיי מצליח זיין צו צוברעכן דעם בית המקדש און ירושלים עיר הקודש, זענען זיי אנטוישט געווארן ווען זיי האבן געמוזט זעהן אז ניין, דאס וועט נישט גיין והיא לא תצלח.

זעקס טעג נאכאנאנד האבן די רוימיים פרובירט צו שטורעמען די חומה פונעם היכל, אבער עס איז נישט געלונגען, די שטיינער זענען געווען אזוי גרויס און שטארק, די רוימישע מיליטער זענען געגאנגען אויך אונטער דעם שער הצפון און דאס אונטערגעגראבן מיטן ציהל אז די חומה זאל אומפאלן, אבער אויך דארט האבן זיי געהאט וויייניג סוקסעס.

טיטוס האט דאן באפוילן צו ברענכען הויכע לייטערס און אזוי ארויפקריכן אויף די חומה און אריינקומען אינעווייניג. אבער אזוי ווי ביז יעצט, דער מהלך האט נישט געארבעט ווייל ווי שוואך און נאכגעלאזט דער צושטאנד ביי די אידן איז שוין געווען האבן זיי בשום אופן נישט מוותר געווען אויף דעם און זיי זענען נאך אלס גרייט געווען צו קעמפפן און זיך שלאגן פארן בית המקדש ביזן לעצטן טראפן בלוט, צו די איבעראשונג פון די רוימיים וואס האבן זיך נישט געקענט פארשטעלן אז די אידן זענען נאך פעהיג דערצו.

די אידן האבן זיך א לאז געטון און זיי האבן אנגעהויבן אראפ צו ווארפן די רוימיים פון די חומה אראפ צו דער ערד, זיי האבן געכאפט די ארויפגעצויגענע לייטערס און דאס צוריק געווארפן אויף די צווייטע זייט, און די סאלדאטן זענען אלע צוריק געפאלן, און נישט געקענט בלייבן אויף די חומה. דאס איז ווידער געווען א שטארקע געווינס פאר די אידן אין די שווערע צייטן ווען זיי זענען געבליבן וידם על העליונה און די רוימיים האבן זיך נישט געקענט דערנענטערן.

עס זענען געווען דארט צווישן די רוימיים עטליכע גיבורים וואס האבן געטראגן די שווערע געווער, אויך זיי האבן דא געהאט א שטארקן דורכפאל ווען די אידן האבן זיי

משלח געווען און זיי האבן פון זיי אוועק גענומען זייערע כלי זיין, וואס דאס איז פאר די רוימיים געווען א שרעקליכע שאנדע, און זיי זענען געווארן זייער פארשעמט אז די אידן האבן זיי געקענט אזוי מבזה זיין און זיי מאכן צו שאנד און צו שפאט.

דאס איז געווען א שטארקער נצחון און א מוראל פאר די אידן פון ירושלים אין זייער ביטערן מצב, און דאס האט ווידער אמאל זייער שטארק פארשעמט און צוקלאפט די רוימיים, וואס האבן זיך צוריק געצויגן מיט גרויס שאנדע און שטארקע בזיונות.

אבער אויך ביי די אידן איז דער מצב געווען זייער שווער, און עס זענען געווען ביי די בריונים אזעלכע וואס האבן שוין געשפירט אז עס איז כלו כל הקיצין. מען האט דאך געהאלטן ביי זייער גורל'דיגע מינוטן ווען די סכנה איז דאך געווען אזוי שטארק, און אלעס איז געווען אזוי איינגעשטעלט, זענען געווען צוויי גיבורים פון די נאנטע מענטשן צו שמעון בן גיורא וואס זיי האבן זייער געציטערט און זיי האבן שוין נישט געוואלט ווייטער ממשיך זיין מיט די מלחמה זענען זיי יעצט געגאנגען און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די רוימיים, כדי זיך צו ראטעווען דאס לעבן, און דאס איז געווען א דערנידערונג פאר די אידן ווען זיי האבן אלע באקומען א מורך בלבבם.

דער שרעקליכער חורבן

גדע ה' בחרי אף כל קרן ישראל, השיב אחור ימינו מפני אויב, ויבער ביעקב כאש להבה, די בני אדום די אייניקלעך פון עשו הרשע זענען יעצט אויך געקומען און זיי זענען געווען שותפים ביים חורבן בית המקדש, און עס איז ליידער מקוים געווארן דער "כל רודפיה השיגוה בין המצרים", אין די טעג צווישן י"ז בתמוז און תשעה באב, דאס זענען געווען ימים מוכנים לפורעניות נאך פון די פריערדיגע צייטן ווען אידישע קינדער זענען נכשל געווארן מיטן חטא העגל, און מיטן חטא פון די מרגלים, און אין דעם ביטערן טאג איז דאך אויך חרוב געווארן דער ערשטער בית המקדש, און די אידן האבן שוין ביז היינט אויך מיטגעמאכט שווערע צרות פיין און ליידן אין די טעג, עס איז געווען א חסד מאת ה' אז "שפך חמתו על עצים ואבנים".

טיטוס איז שוין נישט גרייט געווען צו צעגערן, ער האט זיך שוין געוואלט זעהן פארטיג און ער האט געשפירט אז יעצט איז די צייט דערצו.

אויף זיין באפעל האבן די רוימיים יעצט אנגעצינדן א פייער אויפן טויער פון די עזרה וואס איז געווען באדעקט מיט זילבער, און ווען די זילבער האט זיך אויפגעלאזט פונעם פייער האט דאס האלץ זיך אנגעכאפט, און א גרויסע פלאם האט אויפגעפלאמט אין ריכטונג פון די אולמות פונעם בית המקדש.

די אידן האבן געזעהן דאס פייער ביים בית המקדש, זענען זיי געווארן היסטעריש, השיב ה' ימינו אחור מפני איוב, ויבער ביעקב כאש להבה אכלה סביב, און זיי זענען געבליבן שטיין צובראכן און פארלוירן שאקיראט, און נישט געגלייבט וואס זייערע אויגן האבן געזעהן.

די אידן זענען מיטאמאל געווארן אזוי צוקלאפט און צובכראכן אז עס האט זיך נישט אפיר געזוכט איינער וואס זאל זיין פעהיג צו נעמען די זאך אין די האנט אריין און זיי זאלן לויפן פארלעשן דאס פייער, ווייל זיי זענען דארט געווען זייער ווייניג מענטשן, און פאר זייערע אויגן איז דער שער העזרה געווארן פארברענט אין פייער, און אויך די אולמות ארום דעם טויער זענען אפגעברענט געווארן.

די שריפה האט אנגעהאלטן אנדערטהאלבן טאג, און דאן ווען דער גרויסער טויער איז שוין געווען פארברענט האבן די רוימיים נישט געהאט קיין שום מניעה אריין צו קומען אינעווייניג אין בית המקדש.

ולא זכר הדום רגליו ביום חרון אפו.

ווי דער מדרש איכה זאגט איז דער חרון אף בלויז געווען איין טאג, ווייל די אידן האבן נאך געהאט די געלעגענהייט צו טון תשובה, און דער אייבערשטער וואלט זיי מוחל געווען, אבער זייערע זינד זענען געווען זייער גרויס, און זיי האבן זיך אפילו אין יענע מינוטן נישט ערוועקט מיט די ריכטיגע תשובה, און עס איז ארויס דער גזר דין, אז דאס בית המקדש און דער עיר הקודש והמקדש דארף איבער געגעבן ווערן פאר די רוימיים.

דער חרון אף איז זייער גרויס געווען אויף אידישע קינדער, אבער אויך די רוימיים האבן אין יענע טעג זייער שטארק פארדארבן כלפי מעלה, ווייל אין די מינוט וואס דער רשע טיטוס האט געזעהן אז עס גייט אים גוט האט ער זייער מיאוס מתריס געווען כלפי מעלה, ער האט געשלאגן אונטן ביים בית המקדש, און מיט זיין טמא'נעם פיסק האט ער געשריגן אז ער שלאגט ח"ו אויבן, יתיצבו מלכי ארץ ורוזנים נוסדו יחד על ה' ועל משיחו, און ווען זיי האבן ווען די מעגליכקייט צו שניידן טענענביימער און מאכן לייטערס ארויפצוגיין אין הימל, וואלטן זיי דאס ווען געטון און ארויפגעגאנגען מורד זיין אין די השגחה עליונה ח"ו.

דעם צווייטן טאג ווען עס האט אים אנגעהויבן צו גיין גוט, נאך אזויפיל יארן פון שווערע אנטוישונגען, האט טיטוס באפוילן פון זיינע מיליטערלייט צו פארלעשן דאס פייער און צו מאכן א גראדן וועג וואס זאל זיין ביי די טויערן און גרייט אז די לגיונות זאלן דארט קענען אריבערגיין. טיטוס האט גערופן צו זיך זיינע שרים מיט די מיליטערלייט, זיי האבן תיכף געוואלט אריינשטורעמען אינעווייניג אינעם היכל ה'.

טיטוס האט צוטיילט זיין מיליטער אין פיר באזונדערע טיילן, און ער האט געשטעלט אויף יעדן טייל א עקסטערן שר, א דוכס, וואס ער זאל גיין אנפירן מיט די מיליטערישע אקציעס אויף א אנדערע זייט פונעם בית המקדש. דער שער המערבי איז אויסגעקומען אינעם טייל פון פנגר, ער איז געווען דער דוכס פון ערבי'.

די אידן האבן דאך שוין גוט געזעהן זייער מצב, און זיי האבן אויך געזעהן אז עס איז ביטער ווי קיינמאל בעפאר, וואס קען מען דען טון ווען מ'זעהט אז דער שונא איז שוין אינעווייניג, און ער האט שוין פארברענט די שערי העזרה, און זיי זענען דא נעבעך א מתי מספר שוואכע און צובראכענע אידן, אבער זייער גייסט האט דאך נישט געהאט קיין מנוחה, און קעגן יעדן מציאות און קעגן יעדן לאגיק האבן זיי זיך נאכאמאל ארגעניזירט און צוזאמען גענומען צו קעמפפן מיט יעדן מיטל און יעדן מעגליכקייט זיך אנצונעמען פארן הייליגן בית המקדש.

זיי האבן טאקע אויסגעפירט זייער רצון ווען זיי האבן זיך אוועק געשטעלט ביים שער הקדים, וואס דאס איז געווען דער מזרח טויער וואס דארט איז נישט געווען דער פייער, און דארט האבן זיי אנגעפירט זייער קאמף.

אין לויף פון צוויי שעה זענען זיי אנגעפאלן אויף די רוימיים וואס זענען געשטאנען ביי יענע זייט פון בית המקדש אויף צפון זייט, און מיט א העלדישקייט האבן זיי אויסגעהרג'עט די גאנצע גרופע מיט שווערדן צום טויט.

טיטוס איז געשטאנען אויף די חומה, ער האט געהאט א הויך פלאץ וואס איז געווען צוגעשטעלט פאר אים פון וואו ער האט אלעס קאנטראלירט, און מיטגעהאלטן גענוי ווי אזוי אלע פיר גרופעס ארבעטן און טוען זייער פליכט. און ער האט באלד באמערקט ווי אזוי די אידן זענען סוקסעספול אנגעפאלן אויף איינע פון די פיר גרופעס סאלדאטן.

אויף די מינוט האט ער אלארמירט זיינע גיבורים און רייטער מיט פערד וואס זענען אהינגעלאפן אין יענעם ריכטונג און האבן אנגעהויבן צו שלאגן די אידן מכות רצח, און די אידן האבן ווי פארשטענדליך נישט געהאט קיין מעגליכקייט זיך צו באשיצן און קעמפפן קעגן דעם שטארקן כח וואס טיטוס האט געשיקט מיטן ציהל זיי צוקלאפן און צוברעכן.

פינף שטונדן איז אנגעגאנגען דער קאמף ביז ווען די צובראכענע אידן זענען צוריק געשטופט געווארן אריין אינעווייניג אינעם היכל ה' אינעווייניג, און זיי זענען דארט איינגעשפארט געווארן.

אלקים באו גוים בנחלתיך טמאו את היכל קדשיך, שמו את ירושלים לעיים נתנו את נבלת עבדיך מאכל לעוף השמים בשר חסידיך לחיתו ארץ, שפכו דמם כמים סביבות ירושלים ואין קובר, נחלתינו נהפכה לזרים".

עס איז געווען זייער ביטער דער מצב ווען דער ביהמ"ק וואס איז געווען נחלת ישראל און דער מקור השארת השכינה די אלע יארן איז איבערגעדרייעט געווארן "לזרים", ווען עס איז געווען נסתלקה ממנו שכינה, און די זרים האבן שוין געמעגט אריינגיין, און אויבן אין הימל איז געגעבן געווארן אן ערלויבעניש פאר די שרי מעלה אריינצוגיין אין בית המקדש און איר חרוב מאכן.

דאס הייליג לאנד וואס איז נישט געווען אונטער די ממשלה פון די אומות העולם איז יעצט געווארן נהפכה לזרים, ארץ אשר עיני ה"א בה, האבן די שרי אומות העולם צום ערשטן מאל דארט באקומען דריסת הרגל, און דער שרעקליכער חורבן איז שוין געווען אומפארמיידבאר.

דער לעצטער קאמף

טיטוס הרשע האט זיך צוריק געקערט צו זיין פאלאץ, מיטן חשבון אז מארגן פארטאגס וועט ער זיך ארויס לאזן אין א אקציע, איבערן היכל ה' מיט זיין גאנצע מיליטער, און דאס וועט שוין זיין ענדגילטיג.

די בריונים זענען נאכנישט מיד געווארן, און זיי זענען נאך אלס ארויסגעגאנגען מלחמה האלטן מיט די רוימיים, די שומרי ההיכל האבן זיך אנגעשטויסן פנים אל פנים מיט זייערע שונאים וואס זענען דארט געשטאנען און זיי זענען געווען פארנומען מיטן אויסלעשן דאס פייער וואס האט געברענט ביי די זייטן פונעם היכל, און מען האט זיך דארט העפטיג געשלאגן.

"נכשיל כוחי, נתנני ה' בידי לא אוכל קום", עס איז ליידער געקומען דער ביטערער טאג וואס דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן די אידן אין די הענט פון די שונאים, און זיי האבן מער נישט געקענט מאכן פארשריט קעגן די רוימיים.

תשעה באב ג' אלפים תתכ"ח לפ"ק

נאך אזויפיל יארן וואס די צדיקים וקדושי עליון האבן געווארנט אידישע קינדער, נאך אזויפיל געלעגנהייטן וואס דער רבש"ע האט געווארט צו זעהן ווי אזוי די אידן אין ירושלים כאפן זיך ווי זיי פירן זיך אויף זייער נישט ריכטיג, און ער האט געוואלט זעהן ווי אזוי זיי טוען אנערקענען אין זייערע פעלער און טועהן תשובה, און ווען דאס איז נישט געשעהן, נאר אדרבא, די בריונים וואס האבן פאקטיש געפירט דאס פאלק און געשטעלט דעם טאן, זיי זענען געווען עומדים במרדם, און זיי זענען ווייטער אנגעגאנגען מיט זייערע פעולות, און די שנאת חינם און בארבארישע אויפפירונג פון אידן צו אידן האט ווייטער אנגעהאלטן, איז געקומען די צייט וואס פון הימל האט מען מחליט געווען אז עס איז

געקומען די צייט צו ענדיגן דעם חשבון און געבן די ערלויבעניש פאר די רוימיים אריינצוקומען אין היכל ה' און חרוב מאכן דעם בית המקדש ר"ל.

דער טאג איז געווען תשעה באב שנת ג' אלפים תתכ"ח, דער טאג וואס איז שוין אזויפיל יארן געווען א טאג וואס איז מוכן לפורעניות פאר אידישע קינדער, אנגעהויבן ווען די מרגלים האבן אין יענע טעג גערעדט שלעכטס אויף ארץ ישראל, און אנגעמאכט א גרויסע הסתה ווי דער פסוק זאגט "ויבכו העם בלילה ההוא", אתם בכיתם בכיה של חינם חייכם שתבכו בלילה הזה בכיה לא של חינם, כביכול האט שוין צוגעזאגט אין יענע צייט אז אין די נאכט פון ט' באב וועט מען נאך אסאך וויינען, און עס וועט ליידער צוגעשטעלט ווערן א סיבה אויף וואס צו וויינען.

אויך דער ערשטער בית המקדש וואס איז חרוב געווארן בשנת ג"א של"ח לפ"ק דורך נבוכדנצאר הרשע איז געווען אין דעם זעלבן טאג, און די אידן זענען דעמאלטס אפגעפירט קיין בבל, וואו זיי זענען דארט געווען אין גלות אויף זיבעציג יאר, ביז ווען עזרא הסופר האט זיי צוריק געקערט קיין ארץ ישראל און דארט צוריק אויפגעשטעלט דעם צווייטן בית המקדש.

יעצט איז געקומען די צייט, נאכדעם וואס דער צווייטער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט מיט צוואנציג יאר, אז זי זאל אויך חרוב ווערן, און עס איז געווען יצאה הגזירה, די גזירה ראיז ארויסגעגאנגען אויף אידישע קינדער.

דער מדרש איכה דערציילט:

די רוימיים האבן יענעם טאג געברענגט א קאפ פון א חזיר און זיי האבן דאס פונדערווייטנס געשאסן אריין אויפן מזבח, און דער מח פון דעם חזיר איז אנגעקומען נעבן די אברים אויפן הייליגן מזבח, "ממרום שלח אש בעצמותי וירדנה", די רוימיים זענען אנגעקומען צום היכל ה' און זיי האבן דארט אנגעצינדן א פייער פון צפון זייט פון בית המקדש.

אויבן אין הימל איז געהערט געווארן א ביטערער ווי געשריי "ותאמר ציון עזבני ה' וה' שכחני", דער אייבערשטער האט אונז איבערגעלאזט חס ושלום, מ'זעהט דאך אז די רשעים זענען מצליח ארויסצופירן זייערע פלענער און זיי טוען אין בית המקדש וואס זיי ווילן, און גארנישט קען זיי נישט אפשטעלן.

האט דער רבש"ע געענטפערט "יחרב ביהמ"ק ואל תגע יד בצדיקים", דאס ביהמ"ד זאל חרוב ווערן אבער דאס זאל נישט שעדיגן די ערליכע אידן, און דעמאלטס איז געווען "שפך חמתו על עצים ואבנים", דער אייבערשטער כביכול האט ארויסגעגעבן זיין צארן וואס ער האט געהאט קעגן כלל ישראל אויף די עצים ואבנים וואס זענען געווען אין ביהמ"ק, אז די ערליכע אידן זאלן נישט געשעדיגט ווערן.

און דאן: קול נהי נשמע מציון, איך שודדנו?! בושנו מאד כי עזבנו ארץ כי השליכו משכונותינו, און דער ביטערער חורבן בית המדרש איז שוין געשעהן.

טיטוס הרשע איז געקומען צוגיין מיט זיין ריזיגן מיליטער אזוי ווי ער האט געהאט געפלאנט, עס איז געווען א ריזיגער מעכטיגער מיליטער, און מיט א ווילדע נקמה און צארן האבן זיי זיך גענומען איבער די צובראכענע אידן, וואס נאכדעם וואס די גזירה פון הימל איז ארויסגעגאנגען האבן זיי שוין נישט געקענט שטעלן קיין ווידערשטאנד. די קולות און געשרייען איז ארויף ביז צום הימל.

די רוימיים זענען געווען אזוי בכעס אז עס איז ניטאמאל געווען וואס עס זאל זיי קענען אפשטעלן און קאנטראלירן אז זיי זאלן טראכטן וואס זיי טוען צי זיי זאלן דאס טון צי נישט.

זיי האבן זיך אריינגעבראכן אריין אינעווייניג אינעם היכל ה', און מיט א ווילדע שנאה האבן זיי צובראכן און געפלינדערט וואס עס איז זיי נאר געקומען אונטער די הענט און אנגעזייעט טויט און חורבן ווי זיי האבן נאר צוגעריכט. אלע גאלד און זילבער וואס זיי האבן נאר דארט באגעגענט האבן זיי נאך ארויסגעכאפט פון צווישן די פייער פלאמען.

די גרופעס בריונים וואס האבן געטראכט אז זיי דארפן דא זיין כדי צו קענען באשיצן דעם בית המקדש האבן גאנץ שנעל אויפגעגעבן און זיי האבן באלד מחליט געווען אז זיי קענען גארנישט טון, זיי דארפן אויפגעבן די אלע פלענער, ווען עס איז קלאר געווען אז דער שפיל איז פארטיג, די פיינט האבן זיך ארויפגעווארפן אויף די אידן פון אלע זייטן און גע'הרג'עט און געשלאגן מיט א ביטערע וויסטע שנאה.

"דרך קשתו כאויב נצב ימינו כצר ויהרוג כל מחמדי עין, באוהל בת ציון שפך כאש חמתו".

מען האט געזעהן ווי די רומיים וואס זענען דאך געווען שטארק צוקלאפט, נאכדעם וואס די מלחמה האט זיך שוין געצויגן עטליכע יאר, און זיי האבן שוין געליטן אזעלכע ביטערע פארלוסטן, זיי האבן שוין מקריב געווען אומצאליגע שווערע טויזענטער קרבנות אין די מלחמה, עס זענען שוין געפאלן פון זיי טויזענטער סאלדאטן, צווישן זיי די גרעסטע גיבורים און אנשי מלחמה, זיי האבן שוין פארלוירן זייערע טייערסטע כלי מלחמה, און וויפיל מאל זיי האבן שוין געמיינט אז זיי האבן מנצח געווען זענען זיי דורכגעפאלן, און יעדע דורכפאל זייערע איז געענטפערט געווארן מיט א לצנות און שפאט מצד די בריונים, אזוי אז עס איז אין זיי געוואקסן די ביטערע שנאה קעגן די אידן אויף א פארנעם וואס האט נישט געקענט אפגעמעקט ווערן, און יעצט ווען ענדליך האבן די רוימיים געשפירט אז עס איז ידם על העליונה, זענען זיי נישט גרייט געווען נאכצוגעבן אויף קיין טראפ, נאר

מיט זייער שנאה האבן זיי געוואלט גיין עד קצה האחרון אויסצורייסן די אידן מיטן בית המקדש אינגאנצן.

די כהנים געבן צוריק די שליסלעך

צוביסלעך האט זיך דער פייער אנגעהויבן אנצוכאפן אין אלע ווינקלעך פונעם בית המקדש, און די ערליכע כהנים וואס האבן נאך ביז צו די לעצטע מינוט נישט אויפגעגעבן, און זיי זענען געשטאנען על משמרתם משמרת הקודש און געטון די עבודה מיט געטריישאפט און אנגעגאנגען מיט אלע עבודות צו שטיין על משמרת הקודש, און צו האלטן הייליג דאס הויז פונעם אייבערשטן.

יעצט ווען זיי האבן געזעהן אז עס איז געקומען די צייט אז דער ביהמ"ק זאל חרוב ווערן, האבן זיי גענומען די שליסלעך פונעם בית המקדש וואס זיי האבן געהאט ביי זיך, און זיי זענען ארויף געגאנגען אויפן דאך פון בית המקדש, און זיי האבן דאס ארויפגעווארפן צום הימל, און זיי האבן געזאגט פארן אייבערשטן:

"רבונו של עולם, דא האסטו די שליסלעך וואס די האסט אונז איבער געגעבן, מיר האבן נישט געהאט די זכי' צו זיין געטרייע גבאים פון דיין הויז, און מיר זענען נישט זוכה ווייטער צו קענען ממשיך זיין מיט די עבודה און עסן פונעם קעניגליכן טיש, יעצט געבן מיר דיר אפ צוריק די שליסלעך וואס דו האסט אונז פארטרויעט ביז היינט".

די כהנים האבן ארויפגעווארפן די שליסלעך אין ריכטונג פון הימל, און עס האט זיך געזעהן ווי א האנט האט זיך ארויסגעשטעקט פון הימל, און האט איבערגענומען די שליסלעך, און די כהנים אליין זענען באלד נאכדעם אריינגעשפרונגען אין פייער וואס האט שוין געהאט ארומגענומען דעם בית המקדש פון אלע זייטן, און זיי זענען פארברענט געווארן על קידוש שמו יתברך, שפירנדיג אז זיי האבן געטון זייער תפקיד בשלימות און זיי האבן דאס געענדיגט כדת כראוי וכנכון.

די רוימיים האבן קיינעם נישט פארשוינט און זיי זענען אנגעגאנגען מיט זייערע שרעקליכע רציחות אויף אלעמען "פני כהנים לא נשאו, וזקנים לא חננו", דער מזבח האט אויסגעזעהן שרעקליך ווען פון אלע זייטן ליגן אנגעלייגט חללים פון די קערפער פון הייליגע אידן, די טרעפ פונעם בית המקדש זענען געווען ווי טייכלעך פון בלוט פון אידישע קינדער וואס האבן געפלאסן פון אלע זייטן.

"כלה ה' את חמתו שפך חרון אפו, ויצת אש בציון ותאכל יסודותיה", די רשעים האבן אנגעצינדן דאס פייער אין בית המקדש, און די גרויסע פלאמען זענען ארויפגעגאנגען, און האבן אלעס פארברענט ווען עס ווערט באגלייט מיט די שרעקליכע געשרייען פון אידישע קינדער וואס ביז די יעצטיגע מינוט האבן זיי זיך פארלאזט אויפן בית המקדש, און זיי

האבן געוואוסט אז כל זמן זיי האבן דעם בית המקדש זענען זיי פארזיכערט, אבער יעצט איז דער חורבן געווען זייער גרויס, זיי זענען געווען דערשראקן און פארלוירן, אנה אני בא, וואו גייט מען? וואו אנטלויפט מען? וואו ראטעוועט מען זיך, אלעס איז מיטאמאל געווארן שווארץ טונקל, יעדע ברעקל האפענונג, יעדעס ביסל חיזוק מיט וואס זיי האבן זיך נאך ביז היינט געוואלט מחזק זיין איז יעצט פארשוואונדן געווארן, אלעס איז געווען פינסטער, איבעראל איז געווען טונקל, און א געדיכטער וואלקן פון צער און עגמת נפש האט איבערגעפולט די הערצער, אוי, נתנני ה' בידי לא אוכל קום.

די רשעים זענען מחרף ומגדף

די גיבורי יהודה וואס ביז היינט האבן זיי געוויזן אלע גבורות און קיינמאל האבן זיי זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט, יעצט זענען זיי אויך געווען פארלוירן, און זיי האבן גארנישט געקענט טון, זיי האבן געזעהן אז די אידן האבן דערלייגט די מלחמה, ווייל "על צווארינו נרדפנו יגענו ולא הונח לנו", מען האט דאך געזעהן ווי די רוימיים האבן יעצט די הילף פון אויבן, און די סייעתא דשמיא וואס האט זיך אפגעטון פון אידישע קינדער איז גאר אריבער אויף יענע זייט, און דאס העלפט די רוימיים צו קענען אויספירן דעם עונש וואס דער אייבערשטער וויל אויספירן אויף די אידן.

"קלים היו רודפינו כנשרי שמים, על ההרים דלקוני במדבר ארבו לנו", איבעראל ווי אידן האבן זיך נאר געוואלט אויסבאהאלטן, איבעראל וואו זיי האבן זיך געוואלט שיצן זענען די רוימיים אנגעקומען און זייער לאנגע האנט האט זיי דערגרייכט.

די אידן זענען געווען זייער צובראכן, פארצווייפלט און פארלוירן, צעק לבם אל ה' כי ראתה גוים באו מקדשה אשר צוית לא יבואו בקהל לך.

די רוימיים זענען געווען אויסער זיך פאר שמחה אז ענדליך איז זיי געלונגען צו דערגרייכן זייער ציהל, און זיי האבן שוין אונטערגעצינדן א טייל פונעם בית המקדש, און ווילנדיג אויסגעבן זייער כעס וואס איז געווען אנגעזאמלט אלע יארן ביז יעצט, זייערע אלע פיין און ליידן פון די נאכאנאנדע דורכפעלער וואס זיי האבן געליטן אין די מלחמות קעגן די אידן, און די גאנצע רוימישע אימפעריע איז ביטערליך פארשעמט געווארן ווען זיי האבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט א הייפעלע צובראכענע אידן, יעצט ווען זיי האבן זיך דערזעהן מיטן נצחון האבן זיי דאס געטון אויף א ווילדן אופן פול מיט כפירה ומינות, מיט אפענע לעסטערונג און שפאט פון כביכול, שפירנדיג אז זייער כוחי ועוצם ידי דאס האט זיי געברענגט צו זייער נצחון.

עס איז ליידער מקוים געווארן דער פסוק "זנח ה' מזבחו נאר מקדשו הסגיר ביד אויב חומות ארמנותי', השיב אחור ימינו מפני אויב, עשרה ה' אשר זמם בצע אמרתו אשר צוה מימי קדם הרס ולא חמל וישמח עליך אויב הרים קרן צריך".

די רוימיים האבן מאנסווייז אריינגעשטראמט אינעווייניג אין היכל ה', און זיי האבן דארט געטאנצט און געיובל'ט מיט א שטארקע צולאזנהייט אויף זייער זיג, און זיי האבן אפן ארויפגעקוקט אויף אויבן און געמאכט געשפאט, ווי כאילו זיי האבן ח"ו מנצח געווען כלפי מעלה, זיי האבן אריינגעשטעקט זייערע שווערדן אין דער ערד און זיי האבן געמאכט רונגען און געטאנצן ארום דעם ווי כאילו צו זאגן אז א דאנק זייערע שווערדן זענען זיי אנגעקומען צום זיג, און דאן האבן זיי איבערגעדרייט דעם שארף פון שווערד אויף ארויף, מיט א קלארע כוונה פון חירוף וגידוף כלפי מעלה, אויף א שרעקליכן אופן.

אין יענע מינוט איז מקוים געווארן דער פסוק "ידעו כל פועלי און אוכלי עמי אכלו לחם ה' לא קראו".

די רשעים זענען אריין געקומען אינעווייניג אין היכל ה' האבן זיי געטראפן אינעם "לשכת התמידים" איז געווען אנגעגרייט טלעים וואס איז געווען צוגעגרייט אז מען זאל דאס מקריב זיין אויפן מזבח, זיי האבן דאס גענומען פאר זיך, גע'שחט'ן און אויפגעגעסן, זיי האבן דארט געטראפן דעם לחם הפנים וואס איז געלעגן אויסגעלייגט אויפן שולחן מסודר אזוי ווי עס פלעגט אלעמאל ליגן משבת לשבת, זיי האבן דאס אויך אראפ גענומען און מיט א שטארקע זלזול האבן זיי דאס אויפגעגעסן.

זיי האבן זיך געלאזט נאך די גאלד און זילבער וואס איז געווען לרוב אינעם בית המקדש, ווייל דער גאנצער בית המקדש מיט אלע טויערן זענען געווען באדעקט מיט גאלד, און דאס האבן יעצט די רוימיים בארויבט.

די תרמודים מושכי קשת זיי זענען געגאנגען באהאנדלען די בנות ישראל, ווי דער פסוק פארציילט "נשים בציון עינו בתולות בערי יהודה וכדורכים בגת".

דער בית המקדש האטליידער געברענט אין א העליש פייער און עס איז נישט געווען ווער עס זאל דאס פארלעשן, טיטוס הרשע, וועלכער האט זיך שוין יעצט דערזעהן מיט זיין לאנג ערווארטערער נצחון האט זיך געלאזט גיין אין באגלייטונג פון זיינע שרים אין גענערעלער אין ריכטונג פונעם בית המקדש.

דער פרעכער רשע האט זיך נישט געקענט איינהאלטן זיין חוצפה און זיין אויפגעריסענע גאוה כלפי מעלה, און ער האט מיט זיין פארשאלטענעם פינגער געצייגט אויפן מזבח ה', און ער האט געשריגן:

"לוקוס לוקוס (וואלף וואלף) דו ביזסט א מלך און איך בין א מלך, קום און פיר מיט מיר א מלחמה, וויפיל אקסן האט מען שוין אויף דיר גע'שחט'ן? וויפיל עופות האט מען שוין געמאכט אויף דיר מליקה? וויפיל וויין האט מען שוין געגאסן אויף דיר ביז היינט? וויפיל קטורת און בשמים האט מען שוין אויף דיר מקטיר געווען? דו ביזט דער וואס מאכט חרוב די גאנצע וועלט".

טיטוס הרשע, דער רשע מרושע וואס כל זמן ער איז געווען אין א צרה און ער האט נישט געזעהן אז ער זאל קענען מנצח זיין די אידן, האט ער פון צייט צו צייט אנגעשטעלט א פרומען פנים, און ער האט געזאגט תפילות פארן אייבערשטן, און ער האט זיך כסדר אהער געשטעלט ווי ער מיינט נאר די טובה פון אידן און דעם כבוד פונעם בית המקדש. אבער יעצט ווען עס איז שוין געווען נגזרה הגזירה און פון הימל איז ארויס געגאנגען די גזירה אז דער בית המקדש זאל חרוב ווערן האט דער רשע זיך נישט געקענט איינהאלטן, און במשך די גאנצע צייט פונעם חורבן בית המקדש, האט דער רשע מחרף ומגדף געווען כלפי מעלה אויף זייער א פרעכן אופן מיט געפערליכע ווערטער.

זיין טריפה'ענער פיסק האט זיך נישט געקענט באהערשן, און ער האט אויסגעשריגן "איה אלוהימו צור חסיו בו, וואו איז זייער באשעפער, דער שטארקער גאט וואס די אידן האבן ביז היינט די גאנצע צייט געזאגט אז זיי טוען זיך באשיצן אין אים?".

דער רשע עריץ, דער מנובל ומוכה שחין, דער פוסטער בעל גאוה, וואס ער האט אליין געזעהן אומצאליגע מאל אז ווען נישט דער אייבערשטער וויל דאס, און ווען נישט עס איז געווען נגזרה הגזירה פון הימל וואלט ער ווען קיינמאל נישט געקענט חלומ'ען פון דעם זיג, האט יעצט די גאנצע צייט געוואלט ווייזן נאר דאס פארקערטע, ער האט נישט געוואלט אז ביי זיינע חיילים זאל אפילו בלייבן איין ספק צו טראכטן אז די גאנצע מלחמה ביז אהער איז געווען א יד ה' און דאס וואס זיי האבן ביז יעצט נישט מצליח געווען צו קענען טשעפענען די אידן איז געווען ווייל דער אייבערשטער האט נאכנישט געוואלט, עס איז נאכנישט געווען די צייט, און עס איז נאכנישט געווען נתמלא סאתה, נאר ער האט געוואלט אז דער זיג זאל גיין גענצליך נאר אויף זיין קרעדיט, דעריבער האט ער דאס דורכגעפירט לכתחילה אויף א שטארקן פארנעם, ווי אזוי ער האט די הגאנצע צייט ארויסגעברענגט דוקא א שטארקע און אפענע חירוף וגידוף אויף א מורא'דיגן חוצפה'דיגן אופן כלפי מעלה.

דער רשע האט גענומען א זונה ר"ל און ער איז מיט איר אריין געגאנגען אינעווייניג אינעם קדשי קדשים אינעם הייליגסטן פלאץ, און דארט האט ער ר"ל עובר געווען אן עבירה, מיטן ציהל צו ווייזן אז לית דין ולית דיין ח"ו.

גידר את הפרוכת

דערויף האט ער גענומען א שווערד, און ער האט ארייגעשטאכן אינעם פרוכת און דאס צוריסן.

און דא איז געשעהן א נס אז פונעם פרוכת האט זיך גענומען צו רינען בלוט...

דער רשע, כאטש ער האט גאנץ גוט געוואוסט דעם אמת, אבער פאר זיינע חיילים איז דאס פונקט געווען אז ער זאל זיך קענען בארימען און אויפטון אז מיט דעם וואס עס איז געקומען בלוט פונעם פרוכת איז געווען הרג את עצמו כביכול ר"ל.

"ידו פרש צר על כל מחמדיה".

מיט אלע זיינע רשעות און אלע זיינע פעולות פון כפירה כלפי מעלה האט ער זיך נישט בארוהיגט, ער איז געגאנגען און אראפגענומען דעם פרוכת פון בית המקדש, און דאס געמאכט אזוי ווי א זאק, און ער האט געהייסן אז מען זאל אים ברענגען אלע כלים פונעם בית המקדש און מען זאל דאס אריינלייגן אינעווייניג אינעם זאק, און ער האט דאס געהייסן אז מ'זאל אלעס אריינלייגן אין א שיף, דאס איז געווען זיין ציהל אז ווען ער וועט אנקומען אהיים וועט ער דאך דארפן אויפבויען צוריק זיין רעפוטאציע, נאכדעם וואס אין לויף פון די יארן האט מען זיך דאך גענוג און נאך אנגעהערט איבער זיינע ביטערע דורכפעלער, זאל ער קענען ווייזן דעם שיף מיט די אלע כלים פונעם בית המקדש וואס ער האט דעראבעוועט מיט סוקסעס.

זאגט דער מדרש "מי כמוך חסין קה", ווער איז נאך אזוי ווי דער רבש"ע, וואס ער איז אזוי שטארק און אזוי הארט, ששומע ניאוצו וגידופו של אותו רשע ושותק, כביכול דער רבש"ע האט געהערט די אלע חירופין וגידופין פון דעם רשע, און ער האט פארט געשוויגן, און גארנישט געטון כדי איהם אפצושטעלן פון זיינע שרעקליכע פעולות.

בכי' לדורות

יענע נאכט, תשעה באב ג' אלפים תתכ"ח, איז געווען דער ביטערער חורבן בית שני, די זעלבע נאכט וואס אידישע קינדער האבן געוויינט א בכי' של חינם ביים חטא פון די מרגלים, און זיי האבן געזאגט אז זיי ווילן נישט ארויפגיין קיין ארץ ישראל, גלייבנדיג אין די לשון הרע וואס די מרגלים האבן געברענגט, אין די זעלבע נאכט, שוין צום צווייטן מאל, האבן די אידן יעצט אויך פארגאסן טייכן טרערן, סיי ביים ערשטן בית המקדש, סיי ביים צווייטן בית המקדש וואס זענען ליידער פארניכטעט געווארן אין דעם טאג, אויף א אכזריות'דיגן אופן, און די אידישע קינדער זענען ליידער אויסגע'הרג'עט געווארן אויף א שרעקליכן ברוטאלן אופן דורך זייערע שונאים.

בלע ה' ולא חמל את כל נאות יעקב.

תשעה באב, ווען די נאכט האט אנגעהויבן צופאלן און נאכדעם וואס די רשעים האבן שוין במשך דעם גאנצן טאג באלעבאטעוועט און געפלינדערט אינעווייניג אינעם היכל ה', זיי האבן דארט אפגעטון אלע עבירות און געמיינהייטן, אויפן הייליגסטן ארט פון די וועלט, ביים ענדע טעג זענען זייערע געמיינע זעלער געווען אנגעזעטיגט פון נקמה, זיי

זענען געווען זאט פון עבירות, און יעצט האבן זיי מחליט געווען צו פארברענען אין פייער דעם הייליגן בית המקדש.

דער בית המקדש ברענט!

לעת פנות הערב האט דער פייער אנגעהויבן צו פלאקערן ביי אלע זייטן פונעם בית המקדש, און דאס האט זיך נישט אפגעשטעלט, דער פייער האט אזוי געפלאקערט און געברענט אן קיין אפשטעל דעם גאנצן נאכט פון ט' באב אויפן צענטן, און עס האט אזוי ממשיך געווען צו ברענען אויך י' באב ביז ווען די נאכט איז צוגעפאלן י' באב וואס דעמאלטס איז דער פייער פארלאשן געווארן.

די גוים וואס זענען מיט געקומען מיט די רוימיים, און האבן צוגעהאלפן מיט גרויס פרייד צום חורבן בית המקדש די בני אדום האבן געשריגן "ערו ערו עד היסוד בה", זיי האבן געווארט זעהן דעם בית המקדש חרוב ונחרב אינגאנצן ביזן גרונד, נישט ווי דער ערשטער בית המקדש וואס די ווענט זענען נאך געבליבן שטיין אויך נאכן חורבן, נאר יעצט זענען זיי נישט געווען צופרידן און זיי האבן נישט געוואלט אפטרעטן פונעם ארט ביז ווען זיי האבן געזעהן דעם בית המקדש חרוב ונחרב דורך און דורך און אויך די ווענט ביז צו די יסודות איז געווען חרוב.

מיט א ווילדע אכזריות האבן די רוימיים אויסגעגעבן זייער כעס און זיי האבן גע'הרג'עט אין די אידן אן קיין אפשטעל, פני כהנים לא נשאו ופני זקנים לא חננו, און אידיש בלוט האט זיך אין יענעם טאגליידער געגאסן ווי וואסער.

יענעם יאר איז אויסגעקומען תשעה באב שחל להיות בשבת, עס איז אויסגעפאלן דעם קביעת השנה גענוי ווי עס איז געווען אין יענעם יאר ב"א תמ"ח לפ"ק ווען די מרגלים זענען צוריק געקומען פון ארץ ישראל, און זיי האבן אין דעם טאג מוציא געווען דיבת הארץ רעה, און האבן גורם געווען די בכיה של חינם וואס דאס האט גורם געווען אז די נאכט זאל פארבלייבן ביי כלל ישראל א בכי' לדורות.

ווען די בריונים האבן געזעהן אז זיי האבן פארלוירן די מלחמה, האבן זיי אין פחד געהויבן פיס און זיי האבן אנגעהויבן צו אנטלויפן פון די רוימישע סאלדאטן זיי האבן שוין בכלל נישט געהאט קיין מוט צו שטעלן קיין ווידערשטאנד. זיי האבן קודם פרובירט זיך צו ראטעווען צום דרום טייל פונעם חצר וואס אינעם ערשטן טייל פונעם טאג איז דאס נאכנישט געווען אריינגעפאלן אין די הענט פון די רוימיים, און פון דארט האבן זיי זיך ארויסגעכאפט צום אויבערשטן טייל פון ירושלים.

די בריונים ווען זיי זענען ארויסגעקומען פונעם הר הבית האבן זיי זיך אנגעטראפן מיט טויזנטער רוימישע סאלדאטן וואס האבן ארומגענומען די שטאט, און זיי האבן אנגעפולט אלע גאסן, און עס איז זיי געלונגען אז זיי זאלן זיך קענען דורכברעכן א וועג

צווישן זיי, און מאכן פליטה. אזוי איז אויסגעקומען אז די טויגליכע פון די בריונים, די גיבורים און די מלומדי מלחמה האבן זיך ארויסגעכאפט, און אינעווייניג אינעם היכל זענען געבליבן די שוואכע און צובראכענע אידן וואס האבן סיי ווי נישט געקענט שטעלן קיין ווידער שטאנד, און זיי האבן נישט געהאט קיין שום כח און מיטל אז זיי זאלן זיך באשיצן פון די רוימיים.

די רוימיים זענען אריינגעקומען אינעווייניג אינעם היכל ה', ווען עס איז דארט נישט געווען ווער עס זאל זיי אפשטעלן, און זיי האבן אנגעהויבן צו זינגען מיט גרויס פריינד און ענטיאיזם, און אין די זעלבע צייט וואס זיי האבן זיך צולאזט די הענט צו גנב'ענען און ראבעווען אין בית המקדש וואס עס איז זיי נאר געקומען אונטער די הענט האבן זיי אויך ליידער גע'הרג'עט אזויפיל טייערע אידן וואס האבן זיך געפונען אויפן ארט.

עס האבן זיך דארט געפונען אידן וואס זיי האבן פארשטאנען ווי אזוי זיך צו באנוצן מיט העכערע כוחות, און זיי האבן געוואוסט די וועגן פון השבעת מלאכים, און אנדערע העכערע כוחות, און זיי האבן דאס יעצט געוואלט אויסנוצן, אבער ליידער זענען זיי נישט ראוי געווען אז זיי זאלן גערעטעוועט ווערן דורך די כוחות, און אז זיי זאלן מעגן זיך באנוצן מיט די שמות.

עס זענען אזוי געלאפן די שעות, און די פייער פלאמען שטעלן זיך נישט אפ אויף קיין רגע, צוביסלעך ווערן די פארבליבענע אידן אויסגע'הרג'עט אויסער פאר די וועמען עס געלונגט צו מאכן פליטה באצייטענס, און די פלאמען גייען פון חדר צו חדר, פון אולם, צו אולם, ביז ווען עס קומט אן לפני ולפנים, און די לעצטע פלעצער וואו עס איז נאך ביז יעצט געווען א אנוועזנהייט פון כהני ה' וואס האבן מיט מסירות נפש געוואלט אנגיין ווייטער מיט הייליגע עבודה ווערט אויך אפגעשטעלט.

לפני ולפנים דער קדשי קדשים

די רוימיים האבן אויך געוואוסט וואו עס איז דער קדשי קדשים, און זיי האבן געוואוסט וואס פארא ערך און באדייט זי האט ביי כלל ישראל, און עס איז נישט געווען קיין וואונדער אז זיי האבן געשפירט פארן קלימאקס פון זייער נצחון ווען זיי וועלן זעהן ווי דאס הייליג ארט, דער "לפני ולפנים" וואס אויסער דער כהן גדול ביום הקדוש האט דארט קיין מענטש נישט איבערגעטרעטן דעם שוועל, אט דא האבן די רשעים געצילט אויסצוגיסן זייער כעס, און זיי האבן געוואוסט ביי זיך אז כל זמן זיי וועלן נישט האבן פארניכטעט דאס הייליג מקום קענען זיי נישט ערקלערן זייער ארבעט אלס פארטיג.

זענען זיי געגאנגען און גענומען גרויסע באלקאנעס און זיי האבן דאס ארויפגעלייגט אויף די גאלדענע טירן וואס זענען געווען פארן קדשי קדשים, און זיי האבן אנגעצינדן די באלקאנעס אין פייער, דאס פייער האט זיך צופלאקערט, און דאס גאלד איז דערהיצט

געווארן, און צוביסלעך זענען די טירן פארברענט געווארן און אראפ געפאלן אויף דער ערד, און דאן האט דאס פאסירט, ווען דער קדשי קדשים איז געעפענט געווארן פאר אלעמענס אויגן, דאס היילריג ארט וואס איז אלס געווען סגור ומסודר אפגעטיילט מעין כל רואה איז יעצט געשטאנען אפן פאר די אויגן פון די שמוציגע גוים, די פינסטערע רשעים, און עס איז ניטאמאל דארט געווען די אנוועזנהייט פון די ערליכע אידן וואס זאלן קענען ביטערליך וויינען און קלאגן אויף דעם שרעקליכן חילול הקודש והמקדש וואס די רשעים האבן ענדליך דערלעבט נאך אזויפיל יארן וואס זיי האבן זיך געשלאגן, וואס האט ליידער פאסירט ביום חרון אף ה'.

אין יענע מינוט ווען דער קדשי קדשים איז געעפענט געווארן, און די טירן זענען אראפ געפאלן, האבן די רוימיים אנגעהויבן צו שאלן און צו בלאזן פאר זייער נצחון, דאס איז געווען ביי זיי פון די הויכפונקטן און העכסטע נצחונות אז זיי האבן דא געקענט אריינגראבן זייערע נעגל, און און זיי האבן דאס טאקע אפגעצייכענט מיט א גרויס פאמפע.

דער קדשי קדשים האט אזוי געברענט אויף אלע זייטן, און די געציילטע כהני השם וואס זיי האבן נאך פרובירט צו בלייבן אינעם בית המקדש ביז צו די לעצטע רגעים, און מיט מסירות נפש האבן זיי נישט געוואלט איבערלאזן די עבודה, יעצט ווען זיי האבן געזעהן ווי דער קדשי קדשים ברענט זענען זיי ארויפגעלאפן אויפן דאך און אפגעגעבן די שליסלעך צוריק אין הימל - ווי פריער געשילדערט - און זיי האבן זיך אליינס אריינגעווארפן אין די פייער פלאמען און פארברענט געווארן צוזאמען מיטן בית המקדש.

אין עוד חיים

אין יענע מאמענטן בשעת ווען דער קדשי קדשים האט געברענט, זענען אויך ארויסגעקומען אסאך פון די גיבורי יהודה וואס האבן זיך ביז יעצט אויסבאהאלטן פון די רוימיים, און זיי האבן געהאפט אז זיי וועלן קענען איבערלעבן די יעצטיגע אטאקע, אבער ווען זיי האבן געזעהן די שריפת בית אלקינו, און ווי אזוי די פייער פלאמען קומען אן ביזן קדשי קדשיט קדשים, האבן זיי מחליט געווען "אין אחר שריפת בית אלקינו עוד חיים", עס איז נישטא קיין שום סיבה פארוואס צו ווערן בלייבן ביים לעבן נאכדעם וואס דער בית המקדש איז חרוב, און זיי זענען יעצט אליינס ארויסגעקומען פון זייערע באהאלטענישן און זיי האבן זיך אריינגעווארפן אין די פייער פלאמען, שפירנדיג אז אינעם יעצטיגן מצב האט נישט קיין שום זינען צו וועלן בלייבן ביים לעבן אן קיין בית המקדש און אן דאס בלייבן נאנט צו עבודת ה' אין ירושלים עיה"ק.

יענער טאג תשעה באב איז שוין געבליבן ביי כלל ישראל לדורותיהם אחריהם א ביטערער טאג אין וועלכן מען האט פארלוירן סיי דעם ערשטן און סיי דעם צווייטן בית

המקדש, השליך משמים ארץ עטרת תפארת ישראל, די הייליגע שטאט ירושלים וואס איז געווען דער קרוין, דער שטאלץ און פראכט פון כלל ישראל פאר הונדערטער יארן איז יעצט געווען בזוי ומבוזה חרוב ונחרב ביזן גרונד, די שטאט חרוב, דער בית המקדש פארברענט, און אירע איינוואוינער זענען געלעגן אויסגע'הרג'עט מיט אלע מיתות משונות ואכזריות איבער די גאסן, בת ציון האט אנגעטון א זאק צו וויינען אויף דעם ביטערן חורבן ויתפלשו בעפר במספד תמרורים כי פתאום בא השודד עליהם.

די רציחות אינעם בית המקדש איז אנגעגאנגען שוין דעם גאנצן טאג תשעה באב, און די רוימיים האבן שוין במשך די גאנצע צייט דארט געהאט די אויבערהאנט, אבער הערשט תשעה באב נאכמיטאג לעת פנות המנחה האבן זיי אנגעצינדן דעם פייער, און אנגעהויבן פון תשעה באב פארנאכטס ביז מארגן י' באב במשך דעם טאג האט דער פייער געברענט, און דאס האט פארניכטעט דעם הייליגן בית המקדש, דער יפה נוף משוש כל הארץ, דער לעכטיגער היכל ה', און אלעס איז ארויף אין פייער פלאמען.

די רוימיים זענען נישט געווען צופרידן פון זייערע נצחונות ביז אהער, זייער כעס און צארן קעגן די אידן האט זיי נישט געלאזט קיין מנוחה, און אפילו ווען זיי האבן שוין געזעהן זייער נצחון און דער הייליגער בית המקדש איז שוין פארברענט געווארן זענען זיי נאך אלץ ארומגעגאנגען און יעדע זכר וואס איז נישט אינגאנצן פארניכטעט געווארן האבן זיי פריש אינטערגעצינדן, זיי זענען געגאנגען צו די אולמות וואס עס איז נאך פון זיי געבליבן פון זיי האלבע ווענט אדער סיי וועלכן זכר און מען האט דאס עקסטער אנגעצינדן און פארברענט מיטטן ציהל אז עס זאל נישט בלייבן קיין שום זכר פון בית המקדש.

אזוי אויך זענען געווען שערים פון בית המקדש וואס ביז יעצט איז דאס נאכנישט געווען פארברענט און די רשעים האבן נישט געוואלט איבערלאזן לפליטה אפילו איינע פון זיי.

די רשעים זענען געגאנגען צום לשכת בית האוצר וואס דארט זענען געלעגן ריזיגע אוצרות מיט געלט וואס האט זיך אנגעזאמלט במשך לאנגע יארן וואס אידישע קינדער האבן ארויפגעברענגט געלט און אנדערע ווערטפולע זאכן וואס זיי האבן געוואלט מנדב זיין פארן בית המקדש, און זיי האבן דאס אויך אנגעצינדן אין פייער, עס איז מקוים געווארן דער פסוק "בלע ה' ולא חמל את כל נאות יעקב הרס בעברתו", און אלע טייערע חפצים וואס זענען געבליבן אין בית המקדש אלעס איז אוועק גענומען געווארן און אלעס איז חרוב געווארן.

די רשעים האבן זיך ארומגעדרייט אין די שטאט, זיי זענען געווען ווי מלאכי חבלה, וואס עס איז זיי נאר געקומען אונטער די הענט האבן זיי מיט א גרויזאמקייט און רציחה פארניכטעט, אלעס איז צוגעגאנגען מיט יובל'ען און שאלונגען ווען זיי פרייען זיך אויפן

חורבן ציון וירושלים, און אלעס וואס די נביאי ה' האבן פאראויסגעזאגט, אונן אלע זאכן וואס די חכמי ישראל האבן מזהיר געווען איז ליידער מקוים געווארן במילואו אז די רשעים האבן אפגעצייכענט זייער נצחון אויפן שרעקליכסטן און גרויזאמסטן אופן, און די אידן האבן נעבעך ביטערליך געליטן דערפון.

עס האט זיך נישט אנגעהויבן און נישט געענדיגט ביים בית המקדש, די רוימיים האבן זיך ארויסגעלאזט איבער די גאסן פון ירושלים, מיט זייערע אנטבלויזטע שווערדן האבן זיי דארט אן קיין רחמנות גע'הרג'עט געראבעוועט און חרוב געמאכט וואס זיי האבן נאר געקענט, און ליידער איז דער כבוד פון כלל ישראל, דער כבוד פון ירושלים עיר הקודש, דער כבוד שמים, אלעס איז געווארן בזוי ומבוזה, אויפן א שרעקליכן אופן.

עד אנא בכי' בציון ומספד בירושלים

איבער די גאסן פון ירושלים הערט מען ליידער דעםווילדן קול פון די רוימישע סאלדאטן וואס לויפן איבער די גאסן צווילדעוועט, און זיי פייערן זייער נצחון מיט הויכע ווילדע טענער. פון די צוויי זייט רייסט דאס הארץ צו הערן די ביטערע ווי געשרייען פון די פארפייניגטע אידן וואס זענען אנגעגריפן געווארן דורך די רוימיים וואס האבן קיינעם נישט פארשוינט און אלעס איז צוגעגאנגען מיט א שרעקליכע רציחה, וואס דער באגריף פון רחמנות קומט יעצט בכלל נישט אויפן געדאנק.

שרעקליך, א קלאגעריי פון דעם פארלאזטן פאלק וואס האט נישט ווער עס זאל זיך אננעמען פאר זיי, די אידן וואס אנטלויפן פון איין גאס צו די צווייטע, זיי ווערן געשטופט אלס ווייטער ווען די רוימיים לויפן זיי נאך און זיי נעמען איין אלס ווייטער נאך א גאס אין ירושלים עיר הקודש און נאך א גאס.

יונגע בחורים וואס דער פייער און דער שווערד פון די שונאים האט זיי ארומגענומען, עס זענען געווען אסאך אבילי ציון, צובראכענע פארוויטאגטע אידן וואס זייער פיזישער מצב איז געווען שרעקליך, ווען זייער צונג איז שוין געווען צוגעקלעפט צו זייער גומען, זיי האבן זיך אוועק געזעצט אויף דער ערד און געוויינט און געבלוטיגט מיט גרויס צער און ווייטאג, זיי האבן דעמאלטס געגאסן טרערן אויפן חורבן ציון וירושלים וואס זיי האבן צוגעזעהן מיט די אייגענע אויגן, און זיי האבן געוואוסט וואס מיר האבן פארלוירן זעהנדיג דעם פייער וואס ברענט און האט פארניכטעט דעם בית המקדש.

"על כן ציון בצר תבכה וירושלים תתן קולה" פון זייערע אויגן האט זיך געגאסן טרערן ווי וואסער, עיני עיני יורדה מים כי רחק ממנו מנחם משיב נפשי, היו בני שוממים כי גבר אויב, דער ווי געשריי פון די צובראכענע אידן האט זיך געהערט ווי א ווידער קול פון די ארומיגע בערג וואס האבן ווי צוריק געשריגן צו זייער טרויער און קלאג "כי לקתה מיד ה'

כפליים בכל חטאתי", אידן האבן ליידער געזינדיגט טאפלט, און זיי האבן צוריק באקומען א טאפעלטן עונש.

הוי שרעקליך, דער הר הבית האט אויסגעקוקט ווי א גיא ההריגה, עס זענען געלעגן אויסגעלייגט איבערן גאנצן בארג טויזענטער קערפער פון גע'הרג'טע אידן, וואס די רוימיים האבן ליידער אויסגע'הרג'עט במשך די צייט וואס זיי האבן אינוואדירט דעם הר הבית, עס איז געווען אזוי שרעקליך אז מען האט נישט געקענט ארויסזעהן די ערד פונעם הר הבית, ווייל אויפן גאנצן שטח איז נישט געווען קיין פיסת אדמה, וואו עס איז נישט געווען א טויטע קערפער וואס זאל דאס פארדעקן.

די רוימישע סאלדאטן האבן אומאויפהערליך נאכגעיאגט די צובראכענע אידן, זיי האבן נישט געהאט קיין וועג ווי אזוי זיי זאלן נאכיאגן די אידן נאר דורך די קערפער פון די אידן וואס זענען נעבעך געלעגן אויף דער ערד, אזוי זענען די קערפער פון די נפשות נקיות וטהורות נאך זייער רציחה'דיגע טויט ברוטאל געשענדעט און צוטרעטן געווארן דורך די שמוציגע רשעים די רוימי'שע סאלדאטן.

עס איז געווען א שאקירענד בילד צו זעהן ווי די נחלי הדם, די טייכלעך אידיש בלוט וואס האט זיך געמאכט פון די גע'הרג'עטע אידן האט זיך שוין מער אנגעזעהן ווי די פייער פלאמען וואס האבן במשך לאנגע ענדלאזע שעות פארברענט דעם בית המקדש.

די בריונים וואס האבן איבערגעלעבט די ערשטע אינוואזיע, האבן זיך איינגעשטעלט דאס לעבן און זיי האבן זיך פון דארט ארויסבאקומען צום אויבערשטן טייל פון די שטאט ירושלים, די איבריגע אידן וואס זענען געווען אויפן הר הבית זענען אריינגעלאפן אינעם דרויסנדיגע חצר פון בית המקדש, דארט זענען געווען פארזאמעלט אן ערך פון ארום זעקס הונדערט טויזענט אידן מענער, פרויען און קליינע קינדער, און זיי האבן נישט געוואוסט וואס דער קומענדיגער מינוט וועט זיי ברענגען.

אבער עס איז נישט געווען צו ערווארטן עפעס אנדערש ווי דאס וואס עס האט ליידער פאסירט, אז די רוימיים האבן אין זיי אויסגעגעבן זייער גאנצער כעס און צארן, זיי זענען דארט אריינגעלאפן און דורכגעפירט א שרעקליכע שחיטה עס איז נישט געווען קיין שום רחמנות נאר מיט א ברוטאלישקייט האט מען דארט אויסגע'הרג'עט אנשים נשים וטף, און דעם גאנצן אולם האט מען אונטערגעצינדן אין פייער, און אלע אידן וואס זענען דארט געבליבן האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם ווען זיי זענען אריינגעטאנצן אין די פייער פלאמען, צוזאמען מיטן פארברענטן בית המקדש.

נאך דעם ביטערן חורבן זענען נעבעך נישט איבערגעליבן דארט גארנישט מער ווי די ווענט פון חומת הר הבית.

די רשעים, די רוימיים זענען בכלל נישט געווען צופרידן מיט זייער נצחון וואס זיי האבן דא אפגעצייכענט איבער די אידן, דער פארברענטער בית המקדש, און דאס בלוט פון די טויזענטער גע'הרג'עטע אידן, האט נאך בכלל נישט געשטילט זייער דארשט, און זיי האבן זיך נאכנישט געשפירט זאט פון זייער נצחון, האבן זיי אנגעהויבן ארויף צו שלעפן זייער טמא'נע בילדער און עבודה זרות, אויפן הר הבית צום מקום המקדש, ווי כאילו ווען זיי וועלן האבן דארט געשטעלט זייערע שמייליגע בילדער וועלן זיי שוין שטיין בעסער, און דעמאלטס וועלן זיי האבן עפעס מער ערררייכט.

אין יענע צייט איז נאך געשטאנען דער שער המזרח און דער שער הדרום פונעם בית המקדש, דארט האבן זיי אהינגעשטעלט די בילדער פון זייערע נארישע געטשקעס, און זיי האבן גענומען די הייליגסטע חפצים פונעם בית המקדש וואס מען האט גענוצט פאר די עבודה, דאס האבן זיי יעצט געלייגט פאר די עבודה זרה.

דער הייליגער תנא רבי יונתן בן זכאי בשעת'ן חורבן בית המקדש

אין יענע שרעקליכע צייט פונעם חורבן בית המקדש איז דער הייליגער צדיק און תנא אלקי און מנהיג ישראל אין יענע תקופה רבי יוחנן בן זכאי געזעסן אין די שטאט יבנה, ער איז געזעסן מיט א צובראכן הארץ, און ער האט געוויינט און געציטערט, ווייל ער האט פארשטאנען און געוואוסט וואס עס גייט פאר, און ער האט מרגיש געווען דעם ביטערן חורבן וואס עס גייט דא פאסירן.

ווען עס איז אנגעקומען צו זיינע אויערן די שרעקליכע בשורה אז טיטוס הרשע האט באוויזן ארייצוקומען קיין ירושלים, און ער האט פארברענט דעם בית המקדש אין פייער, האט ער זיך צוריסן זיינע קליידער, און אויך זיינע תלמידים וואס זענען געווען מיט אים אין יבנה האבן געטון די זעלבע זאך, און אלע האבן ביטערליך געוויינט און געקלאגט און געשריגן אויף דעם שרעקליכן חורבן פון כלל ישראל וואס עס האט דא פאסירט.

"פתח לבנון דלתיך, ותאכל אש בארזיך", האבן זיי געוויינט אויף די כהני ה', די הייליגע ערליכע כהנים וואס זענען געווען אין בית המקדש, און ביז די לעצטע מינוטן זענען זיי געבליבן אינעווייניג און ממשיך געווען מיט די הייליגע עבודה, נישט ווילנדיג אפטרעטן פון די עבודה, יעצט זענען זיי אומגעקומען אויף קידוש ה'.

טיטוס אלס העלד

די רוימיים זענען געווען איבערגליקליך מיט טיטוס הרשע, זיי האבן אים יעצט באטראכט ווי דער העלד פון די רוימי'שע געשיכטע ווענמען עס איז צום ענדע געלונגען צו קענען באזיגן די אידן נאכדעם וואס עס האט שוין ארויסגעזעהן אז די אידן וועט מען קיינמאל נישט קענען מנצח זיין.

זיי האבן אומאויפהערליך געשאלט און געבלאזן לכבודו "אימפראטור!", "א מושל וואס האט געזיגט", דאס איז געווען דער אויסרוף מיט וואס זיי האבן די גאנצע צייט געשאלט און געשריגן אין זיין עהרע.

זיי האבן זיך אויך אינזינען געהאט, קיינער פון זיי האבן נישט געוואלט ארויסגיין מיט ליידיגע הענט פון דעם גרויסן זיג, דעריבער האבן זיי די גאנצע צייט אנגעפולט די טאשן, ווען יעדער האט זיך אליינס אינזינען געהאט, אהיים צו גיין פון ירושלים מיט טייערע צירונג און געלט און יעדע ווערדפולע חפץ, אלעס איז באראבעוועט געווארן אין דעם שרעקליכן טאג אויף ציון וירושלים.

די רוימיים זענען זייער רייך געווארן פון דעם רויב וואס זיי האבן אוועק גענומען פון די אידן אין ירושלים, זיי האבן געהאט אן א צאל שטיקער גאלד און טייערע זילבער שטיק, אזוי ווייט אז אין יענע טעג איז זייער שטארק געפאלן דער ווערד פון גאלד, צוליב די אומצאליגע גאלד שטיקער וואס די רוימיים האבן פארקויפט, אז אין סוריע האט מען געקענט קויפן גאלד פאר האלב פון די פרייז וויפיל עס איז ווירקליך ווערד געווען.

אבער וויפיל די רוימיים האבן נאר נישט אפגעטון אין דעם שרעקליכן טאג האט מען געזעהן ווי זיי קענען זיך נישט בארוהיגן, מען האט געזעהן ווי זיי ווייסן און זיי שפירן אז נאך מער ווי זיי זענען געווען ברוגז אויף די אידן וואס האבן ביז היינט זיך געשלאגן און געשטעלט ווידער שטאנד, און האבן פון זיי אויסגע'הרג'עט אזויפיל טויזענטער זענען זיי פיל מער ברוגז געווען אויף בכיכול, וויבאלד דער פארברענטער בית המקדש האט זיי בכלל נישט באפרידיגט און זיי זענען כסדר צוריק געקומען און זיי האבן געטראכט וואס נאך מען קען טון, און וואס נאך מען קען מוסיף זיין, צו מצער זיין כביכול כלפי מעלה מיט זייערע געמיינע שטיק.

זיי האבן אראפגענומען דעם קרבן תמיד וואס איז געווען גרייט מקריב צו זיין אויפן מזבח און אנשטאט דעם האבן זיי געלייגט א געמיינע בהמה טמאה, ווייל זיי אליין האבן גוט געוואוסט אז דאס וואס זיי האבן ביז יעצט נישט מצליח געווען אנצוקומען ביז אבער האט בכלל נישט געהאט צו טון מיט די אידן.

זיי האבן געוואוסט אז דאס ביסל שוואכע אידן דאס האט נישט קיין כח קעגן זיי, נאר זיי האבן געוואוסט אז די אידן ווערן געפירט פון א העכערן כח, און אנשטאט וואס זיי זאלן יעצט מכיר זיין אין דעם כח, וואס האט זיי געברענגט צו זיין נצחון, האבן זיי דאס אויסגענוצט ווי מער בועט זיין כלפי מעלה, און ווי מער כפירה ומינות אריינברענגען צוזאמען מיט דעם חורבן הבית.

דארט אויפן מקום המזבח, האבן זיי אין יענע טעג גע'שחט'ן קרבנות פאר זייערע עבודה זרות, דארט האבן זיי געפרעסן זייערע נבילות וטריפות, און זיי האבן אנגעפולט זייער מויל מיטן לאכן און שפעטן און מחרף זיין מערכות אלקים חיים.

עס איז געווען ווער עס האט האט נישט אויפגעגעבן אפילו אין די שווערסטע צייטן, אפילו אין די לעצטע מינוטן, און אפילו ווען עס איז שוין געווען נאך די לעצטע מינוט. דאס זענען געווען די הייליגע כהנים, משרתי ה'.

די הייליגע יונגע כהנים קעגן די שמוציגע בריונים

עס איז געווען ווער עס האט האט נישט אויפגעגעבן אפילו אין די שווערסטע צייטן, אפילו אין די לעצטע מינוטן, און אפילו ווען עס איז שוין געווען נאך די לעצטע מינוט. דאס זענען געווען די הייליגע כהנים, משרתי ה'.

אין די סאמע ביטערסטע שווערע צייטן זענען געבליבן יונגע כהנים וואס האבן זיך נישט געוואלט ארויסרירן פון בית המקדש און זיי זענען געבליבן ביז דאנערשטאג אינעווייניג, זיי האבן דאך געהאט בטחון, און זיי האבן דאך נישט געוואלט שלום מאכן מיטן מצב אז דאס איז טאקע דער פאקט און דער רבש"ע האט מסכים געווען איבערצוגעבן זיין הייליג הויז אין די הענט פון די רשעים, דער בית המקדש, דער מקום השראת השכינה וועט בלייבן למאכולת אש, און די הייליגע שטאט ירושלים, יפה נוף משוש כל הארץ, וועט בלייבן א חורבה, פוסט און לער.

די הייליגע כהנים זענען דארט געבליבן און זיי האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קדושת השם מיט א מסירות נפש.

פון די אנדערע זייט זענען געווען אויך אנדערע וואס האבן נישט אויפגעגעבן און זיי האבן נישט אפגעטרעטן פון די מלחמה, דאס זענען געווען די הארטנעקיגע בריונים, וואס האבן ביז היינט אלעס געהאט בטחון אויף זייער זרוע בשר, און כאטש דער מצב איז שוין געווען אזוי ווי עס איז, דער שרעקליכער מציאות האט ביטערליך געקלאפט אין פנים האבן זיי אויך נישט געוואלט שלום מאכן מיטן מצב.

ווען די בריונים האבן אנגעהויבן צו רעאליזירן דעם פאקט, און ווען זיי האבן געזעהן אז אין פאקט איז שוין דערנאך, אפסה כל תקוה, און די גזירה איז ארויס געקומען מן השמים, ווען עס איז נישטא קיין וועג ארויס פון דעם מצב, און די מויערן פון די רוימי'שע סאלדאטן נעמען זיי ארום פון אלע זייטן, אז עס איז אפילו נישטא קיין וועג ווי אזוי צו פרובירן צו ראטעווען אפילו זייער אייגענעם לעבן, דעמאלטס האבן זיי צום ערשטן מאל אנגעהויבן צו טראכטן מחשבות, אפשר איז דא א וועג ארויס פון דעם פלאנטער, און אפשר איז כדאי צו גיין אויף א צווייטן מהלך, אז כאטש זייער זעהל זאל קענען געראטעוועט ווערן באיזה אופן שהוא.

די זעלבע בריונים, וואס ביז היינט האבן זיי אומ'רחמנות'דיג אויסגע'הרג'עט טויזנטער פון זייערע אידישע ברודער מיט א גרויזאמע רציחה, זיי האבן נישט געוואלט הערן ווען מען האט זיי דאס שוין געזאגט מיט א לענגערע צייט צוריק אז דאס איז דער מצב, און עס איז נישטא קיין צווייטע אויסוועג נאר זיך אונטער געבן פאר די רוימיים, יעדער וואס איז נאר געגאנגען מיט אזא מחשבה האט דערפאר באצאלט מיטן לעבן, און אפילו די הייליגע חכמים אין שפיץ פון רבן יוחנן בן זכאי וואס זענען די גאנצע צייט געווען ביי די מיינונג האבן געמוזט אנטלויפן פון ירושלים וואוסנדיג אז די בריונים וועלן זיי אויסהרג'ענען פארן נישט גיין מיט זיי אינגאנצן אין שפאן, אבער יעצט ווען זיי האבן זיך דערזעהן אינעם פעקל, האבן זיי שוין גע'כשר'ט יעדעס מיטל צו ראטעווען זייער אייגענעם לעבן.

יעצט האבן זיי ארויס געשיקט א דעלעגאציע צו טיטוס, און זיי האבן געזאגט אז זיי זענען גרייט צו פירן מיט אים פארהאנדלונגען, ווי כאילו יעצט נאך יארן וואס יענער מוטשעט זיך, און יעצט ווען ער איז ענדליך מנצח די מלחמה מיט א שטארקן זיג, איז ער שטארק אינטערעסירט צו פירן פארהאנדלונגען.

זיי האבן פארלאנגט פון טיטוס אז ער זאל זיי געבן די געלעגענהייט ארויסצוגיין און פארלאזן די שטאט ירושלים דורך דעם טויער פון די חומת העיר, זיי מיט זייערע ווייבער און קינדער, זיי האבן געזאגט אז זיי גייען ארויס צום מדבר, און זיי געבן אים איבער די שטאט ירושלים אויף א פרייוויליגן אופן.

די בריונים זענען געשטאנען ביי זי זייט פונעם לשכת הגזית פון די צפון זייט, און טיטוס מיט זיינע מיליטער לייט זענען געשטאנען קעגן איבער זיי אינעם חצר פון בית המקדש ביים עק פון מערב זייט, נעבן דעם בריק וואס האט באהאפטן דעם הר הבית מיטן אויבערשטן טייל פון די שטאט ירושלים, און עס איז געווען א מליץ וואס זיי האבן ארויס געשיקט אז ער זאל פירן די געשפרעכן צווישן די בריונים מיט די רוימיים, און הערן אויב טיטוס איז גרייט איינצוגיין אויף דעם אפמאך און מיט דעם וועט ער פארדינען אז די בריונים וועלן ענדגילטיג אויפגעבן, און מער נישט פרובירן צו שטעלן קיין ווידערשטאנד אזוי ווי ביז יעצט.

טיטוס האט דאך שוין יעצט נישט געהאט וואס צו דערלייגן, און ער איז ביי זיך געווען זייער שטאלץ, האט ער גערעדט מיט דעם שליח פון די בריונים מיט זייער א גרויס גאוה'דיגע שפראך, און ער האט צום אלעם ערשטן פארלאנגט אז די בריונים זאלן זיך אפעציעל אונטערווארפן אונטער עול פון מלכות רוימי, און זיי זאלן ברעכן זייער גאות און זיך מכניע זיין אונטער איהם. זיי זאלן אראפווארפן זייער געווער, און זיי זאלן אפעציעל זיך ערקלערן אז זיי האבן דערלייגט און פארלוירן די מלחמה, נאר מיט דעם באדינג איז ער גרייט זיי צו לאזן בלייבן לעבן אז זיי זאלן קענען זיך גיין ווי זיי ווילן.

שמעון און יוחנן די פירער פון די בריונים האבן געהערט זיינע ווערטער, האבן זיי נישט מסכים געווען דערצו בשום אופן, זיי האבן דאס נישט געקענט דערקלערן אויף קיין שום אופן, זייער גאות האט דאס נישט ערלויבט, האבן זיי איהם צוריק געענטפערט: מיר שווערן אינעם נאמען פונעם אייבערשטן דער האר פון הימל און דער האר פון די גאנצע וועלט, אז מיר וועלן מיט דיר נישט שליסן קיין שום בונד, מיר וועלן זיך נישט אונטערווארפן דיין עול, מיר וועלן דיך נישט דינען, מיר וועלן נישט זיין דיינע קנעכט, און מיר וועלן מיט דיר נישט שלום מאכן".

די שרעקליכע נקמה

דאס איז געווען די קלאר איינזייטיגע שארפע תשובה וואס די בריונים האבן צוריק געענטפערט פאר טיטוס אין פנים, כאטש זיי האבן פארשטאנען וואס זיין רעאקציע וועט זיין.

ווי ערווארטעט האט טיטוס נישט אויסגעהאלטן הערנדיג זייער אנטווארט, ווייל ער האט דאך סיי ווי געוואוסט אז די בריונים זענען פארטיג און זיי קענען אים שוין סייווי גארנישט טון, און זייער יעצטיגע תשובה איז פשוט אים געווען ווי א שפיי אין פנים, און א שטארקע גרינגשעצונג ווי זייווארפן זיך מיט אים אזוי ארום, אז ער האט נישט קיין שום שום ערך אין זייערע אויגן אפילו נאכדעם וואס ער האט שוין אזוי שטארק מנצח געווען איבער זיי, האט ער פארשטאנען אז אפילו ער וועט קענען ערקלערן א שטארק זיג איבער די אידן וועט זיין נצחון נאר זיין א האלבע, ווייל נאר די נפשות און די פיזישע כוחות פון די אידן וועט ער מנצח זיין, אבער זייערע גייסטער, און די כוחות הנפש קען ער נישט באזיגן, ווייל דאס איז פול שטארקער פון אים, און דאס האט אים זייער געקרענקט און ער האט דאס נישט אויסגעהאלטן.

טיטוס האט אנגעהויבן צו שרייען און שעלטן די בריונים, ער האט זיי גע'מוסר'ט און דאן האט ער אנגעהויבן זיי צו שעלטן מיט כעס און מיט אויפברויז, און פון זיין פיסק האט זיך געשאטן א טוץ מיט פוסטע קללות נמרצות, און דאן איז ארויס געגאנגען דער באפעל צו זיינע סאלדאטן אז זיי זאלן זיך נעמען פירן די מלחמה פערזענליך מיט די שרים פון די בריונים וואס האבן זיך אזוי מתחצף געווען קעגן אים, און זיי פארשטערן זיין שמחה פון זיין נצחון מיטן אים געבן דעם געפיל אז זיין נצחון איז פארט נישט קיין שלימות'דיגע.

דער באפעל פון טיטוס איז ארויס געגאנגען אז עס זאל נישט עקזיסטירן קיין שום רחמנות, יהי' מי שיהיה וועמען זיי טרעפן אן זאל גע'הרג'עט ווערן, וכל המרבה ברציחה הרי זה משובח, אזוי ווי עס פאסט זיך פאר אייניקלעך פון עשו הרשע.

איבריג צו זאגן אז די חיילים פון טיטוס האבן דעם באפעל אויסגעפירט מיט גרויס שמחה, זיי זענען אריבערגעלאפן אויף די אנדערע זייט און דארט געפירט א מלחמה מיט

די בריונים, און זיי האבן זיי אויסגע'הרג'עט מיט א אומבאגרעניצטע רציחה, נישט קוקנדיג אויף קיין נער ועד זקן, טף ונשים, אלעס איז אויסגע'הרג'עט געווארן ביום חרון אף השם.

טיטוס האט ארויס געגעבן דעם באפעל אז מען זאל פארברענען די אונטערשטע שטאט ירושלים, און דאס בארויבן די גאנצע רויב פאר רוימיים, דעם קומענדיגן טאג האבן די רוימיים פארברענט דעם בית הפקודות, ווי עס זענען געהאלטן געווארן אלע טייערע און היסטארישע כתבים פון כלל ישראל במשך לאנגע יארן, און אויך די מצודת החקרא, דער בית המועצה, דער עופל, און נאך א ריי מיט וויכטיגע פלעצער וואס האט געטראגן א שטארקע חשיבות ביי כלל ישראל במשך די אלע צייטן וואס זיי זענען דארט געווען, אלעס איז פארברענט געווארן אין פייער בלתי השאיר לו שריד.

דער הסכם מיט די בני איזאטס

דאס פייער האט געברענט און זיך פארשפרייט אלס ווייטער ביז ווען זי האט דערגרייכט צום פאלאץ פון הילני המלכה, און אויך די גאסן פון ירושלים וואס איזליידער געווען אנגעפולט מיט די טויטע קערפער פון די אידן וואס זענען גע'הרג'עט געווארן דורך די רוימיים אין די לעצטע טעג, אלעס איז פארברענט געווארן, און אלעס איז אויפגעגאנגען אין די פייער פלאמען.

עס זענען געווען די קינדער פון איזטס מלך הדייב און זיין ברודער, וואס זיי האבן זיך געהאט מגייר געווען אין די פארגאנגענהייט, און זיי האבן די גאנצע צייט געטיילט זייער גורל מיט די אידן אויך אין די שווערסטע צייטן, זיי זענען געווען א גרויסע משפחה, איזטס האט געהאט דריי און צוואנציג קינדער און נאך אסאך ברודערס, מיט זיי זענען אויך מיטגעגאנגען אסאך פון די ערליכע אידן פון ירושלים, וואס זענען מיטגעגאנגען מיט זיי, און זיי זענען געגאנגען וויינען און זיך בעטן ביי טיטוס אז עס זאל מסכים זיין צו מאכן מיט זיי א ברית.

טיטוס האט זיי אויפגענומען און זיי געלייגט אין תפיסה. נאכדעם האט טיטוס גענומען די קינדער פונעם מלך הדייב און זיינע קרובים און ער האט זיי אפגעשיקט קיין רוימי, ווייל ער האט זיי געוואלט האלטן אלס א משכון צו פארזיכערן אז זיי וועלן נישט מורד זיין אין אים.

די לעצט פארבליבענע בריונים האבן נאך פארט פרובירט וואס זיי קענען, זיי זענען שנעל געגאנגען צום קעניגליכן פאלאץ וואס איז געשטאנען נאך אין פולן פראכט ביים יעצטיגן מאמענט, דארט זענען געווען פארזאמעלט פולע מאסן פון רומיים, ווען די בריונים האבן אויסגע'הרג'עט, די געוואגטע צווישן זיי האבן נאך ארויסגעכאפט פון די אוצרות געלט וואס איז דארט געווען, וואס דער המון עם האט אהיים געטראגן מיטן חשבון אז עס וועט דארט זיין מער פארזיכערט, און פון דארט האבן זיי זיך געלאזט לויפן

צום הר הבית, און זיי האבן גע'הרג'עט די וואך וואס די רוימיים האבן דארט געהאט אויפגעשטעלט.

אויפמארגן האבן זיך די רוימיים ארויסגעלאזט און ווייטער פארגעזעצט מיט זייער ארבעט פון ברענגען חורבן און פארניכטונג איבער די שטאט ירושלים.

עליונים ותחתונים

זיי האבן זיך יעצט צושפרייט איבער די 'עיר התחתונה' די אונטערשטע טייל פון די שטאט ירושלים, און זיי האבן די גאנצע שטאט אונטערגעצינדן אין פייער ביזן מי השילוח.

די בריונים איז געלונגען זיי טיילוויז איבערקלוגן, ווען נאך איידער זיי האבן געגרייכט די פלעצער וואס איז נאך יעצט געווען באוואוינט דורך די בריונים, האבן זיי שוין באוויזן צו נעמען די גאנצע רויב אוף וואס זיי האבן געלייגט די האנט און זיי האבן פון דארט שנעל געמאכט פליטה, און זיי זענען אנגעקומען צום 'עיר העליונה'.

די בריונים האבן יעצט געוואלט פרובירן צו מינימיזירן דעם רווח פון די רומיים, כאטש זיי האבן געוואוסט אז עס איז א שאד צו פרובירן זיי ארויסצושטויסן, פארפאלן, דאס אז די רוימיים האבן געוואוינען איז שוין געווען א פאקט, אבער ווי אזוי צו געוואונען, און צו באגרעניצן זייער געוואונס און רויב דאס האבן זיי נאך עטוואס געקענט שטערן.

זיי האבן אונטערגעצינדן דעם ארמון המלך, ווייל דארט איז געווען איינגעזאמלט ריזיגע געלט אוצרות אין לויף פון יארן, און זיי האבן געוואלט אז די רוימיים זאלן נישט קענען לייגן די הענט דערויף. אזוי איז דער הערליכער פאלאץ פארניכטעט געווארן בידי ישראל.

די רוימיים זענען געטריבן געווארן פון שנאה און האס, זיי זענען ארומגעלאפן איבער די שטאט צעווילדעוועט, און וואס זיי האבן נאר געזעהן פאר די אויגן האבן זיי קאליע געמאכט און פארניכטעט, זיי האבן גע'הרג'עט מענטשן מיט די שווערדן, און אונטערגעצינדן בנינים אין פייער, און נישט אויסגעלאזט קיין געלעגענהייט צו חרוב מאכן און קאליע מאכן בחמת זעמם.

אלע הייזער אין ירושלים, אלע שיינע פאלאצן, אלעס איז חרוב געווארן, אלעס איז אויפגעגאנגען אין די פלאמען.

"גם הבית הגדול שרף באש", דער בית הגדול דאס איז דער הייליגער בית המדרש ווי רבי יוחנן בן זכאי פלעגט זיצן מיט זיינע תלמידים, און פון דארט איז ארויס געגאנגען דער אור התורה איבער גאנץ ארץ ישראל. "ואת כל בתי ירושלים, אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות שהיו מגדלים בהם תורה ותפילה".

דער מדרש ברענגט: רבי פינחס בשם רבי הושיעא דערציילט, פיר הונדערט און אכציג בתי כנסיות איז געווען אין ירושלים, אויסער דעם בית המקדש. יעדע איינע האט געהאט א עקסטערע בית ספר צו לערנען חומש, און א בית תלמוד פאר משניות, און אלעס איז יעצט חרוב געווארן ביים חורבן הבית.

די בריונים געבן אויף

די רוימיים האבן באוויזן אראפצוברענגען אלע חומות פון ירושלים, ווען די בריונים האבן דאס געזעהן זענען זיי געווארן זייער צובראכן, און דאס האט שוין ביי זיי פארלאשן יעדעס ביסל האפענונג, און אסאך פון זיי, די בריונים אליין, האבן דעפעקטירט צו די מחנות פון די רוימיים, זיי זענען געווען גרייט אויף אלעם, אז זייער לעבן זאל זיי געשאנקען ווערן.

שמעון בן גיורא און יוחנן הגלילי, די צוויי פירער פון די בריוני'שע גרופעס, וואס זיי זענען געווען פאראנטווארטליך פאר דאס בלוט פון טויזנטער אידן וואס זענען גע'הרג'עט געווארן צוליב דעם וואס זיי האבן געהאט א צווייטע מיינונג ווי זיי, זענען יעצט אויך אנטלאפן פון ירושלים, און זיי האבן זיך באהאלטן זעהנדיג וואו עס איז שוין נישטא קיין וועג ארויס אז זיי זאלן קענען פארמיידן דעם פאכענדיגן שווערד פון די רוימיים, וואס גייט ארום און פארטיליגט אלעס וואס עס איז נאר דא, און יעדע חלקה טובה וואס איז נאר שייך ווערט אונטער זיי פארניכטעט.

זיי האבן זיך געמאכט א חשבון אז זיי וועלן זיין אין די באהעלטענישן ווילאנג די רוימיים וועלן זיך געפונען אין ירושלים, זאלן זיי ענדיגן טאטאל פארניכטיגן די שטאט, און זיי וועלן פון דארט אוועקגיין, דעמאלטס וועלן זיי מאכן פליטה און כאטש בלייבן לעבן. אזוי ווייט זענען זיי נישט גרייט געווען צו שטארבן ווי העלדן אויף דעם חורבן ציון וירושלים, און האבן יעצט געטראכט אלע מיטלען און אופנים זיך אליינס צו קענען ראטעווען.

אבער דער זעלבער פראבלעם וואס האט זיי געשטערט ביז יעצט, און דער זעלבער פראבלעם וואס איז ביז היינט געווען דער גרעסטער שטער פאר די בריונים, איז אויך יעצט אונטערגעקומען און צושטערט זייער פלאן. ווייל וויבאלד זיי זענען נישט געווען ערליך, האט כסדר אויסגעבראכן אינערליכע געשלעגן און מחלוקת וואס האט געפירט צו מערדערייען, רציחות, און שפיכות דמים, ווייל יעדער האט נאר אינזינען געהאט די שאלה פון 'מי בראש', און יעדער האט נאר געוואלט אז ער זאל האבן די אויבערהאנט, און אויף זיין קאנטע זאל צוגעשריבן ווערן דער סוקסעס און די הצלחה.

אויך יעצט אין דעם פארצווייפלטן ביטערן מצב, זייענדיג אזוי הונגעריג און אפגעשוואכט האבן זיי זיך ווייטער אנגעהויבן צו שלאגן צווישן זיך, און ווייטער זענען

געווען צווישן די בריונים אזעלכע וואס זענען געפאלן פאר הונגער, און אנדערע זענען געפאלן פון די ברודערליכע-שווערדן, וואס אין יעדע קריג האט נישט לאנג גענומען און עס איז ארויסגעצויגן געווארן א חרב איש ברעהו, און עס האט געקאסט אידיש בלוט.

די פארצווייפעלטע בריונים האבן געגעסן דאס פלייש פון זייערע טויטע ברודער, ווייל עפעס אנדערש האבן זיי סייווי נישט געהאט. אויב איז געווען א צובראכענער פארלוירענער איד וואס האט זיך באוויזן צו ראטעווען צו זייערע באהעלטענישן און ער האט מיט זיך מיטגעשטעלט א שטיקל ברויט, איז דאס ביי זיי געווען העכסט נארמאל אז מ'זאל אים דאס אוועק רויבן און א צווייטער זאל דאס אויפעסן. אזוי אז צווישן זיי איז געווען א צרת עין און קיינער האט דעם צווייטן נישט פארגינען דאס לעבן.

אין די 'עיר העליונה' איז יא געווען עפעס אידן וואס האבן זיך דארט געהאט באפעסטיגט די סאמע שארית הפליטה, וואס זענען געווען אין ירושלים, און זיי האבן געוואלט שטעלן א ווידער שטאנד און זיך נישט לאזן באקעמפפן.

טיטוס האט געזעהן אז אפילו יעצט נאך זיין גרויסע הצלחה איז זיין ארבעט ווייט פון פארטיג, און אפילו נאכדעם וואס די 'עיר התחתונה' איז שוין געווען חרוב ונחרב, איז נאך די עיר העליונה געווארן שטארק באפעסטיגט און ער האט דאס נישט געקענט איינעמען. האט ער בלית ברירה געהייסן אז מ'זאל שטעלן די סוללות, דורך ווי ער זאל דאס קענען איננעמען, דאס איז געווען עפעס וואס ביז יעצט האט ער זיך איינגעהאלטן און ער האט דאס נישט געוואלט נוצן.

עס איז געווען צוואנציג טעג אין חודש מנחם אב ווען די אנשי המלחמה האבן אנגעהויבן צו ברענגען דיביימער פון דערווייטנס, ווייל די אידן האבן זיך געהאט געזארגט דערויף און אויף א שטח פון הונדערט ריס ארום ירושלים איז שוין נישט געווען צו געפונען קיין בוים, ווייל זיי האבן אלעס אויסגעריסן.

די רוימישע מיליטער האט זיך ארגעניזירט, און ביי די מערב זייט צו די שטאט, דארט האבן זיי אנגעהויבן אויפצושטעלן זייערע געביידעס, קעגן קעניגליכן הויף.

דער גרויסער מיליטער וואס איז געשטאנען ארום האט געגאסן די סוללות אויפן לשכת הגזית, און אויף מגדל שמעון, די ארבעט איז זיי נישט אנגעקומען לייכט, זיי האבן זיך שווער געמוטשעט דאס צו קענען אויפבויען, אבער נאך אלע אפמוטשענישן האבן זיי דאס באוויזן, און דאס ביסל וואס האבן זיי נאך פרובירט צו שטערן האבן גארנישט געקענט טון פון זיי אפהאלטן.

די אדומיים וואס זענען געווען אין ארץ ישראל מיט די אידן, נאך פון די פריערדיגע צייטן, האבן געשאפן א אפמאך מיט טיטוס און ער האט מסכים געווען צו פארהאנדלען

מיט זיי אז זיי זאלן קענען ארויסגיין פון ירושלים, און זיך ראטעווען לויט די תנאים וואס זיי האבן מיט אים אפגעמאכט און זיך דורכגעקומען.

שמעון איז געוואויר געווארן דערפון, און נאך אלס האט ער נישט אויפגעגעבן זיין גאנג, ער האט נאך אלס געזעהן אין דעם א עולה פון פארראט, האט ער געכאפט די פינף מענטשן וואס זענען געווען די דעלעגאציע וואס זענען געגאנגען צו טיטוס און ער האט זיי גע'הרגעט און אנדערע הויפטן פון די אדומיים האט ער געלייגט אין תפיסה, נאך איידער זיי האבן געהאט די געלעגנהייט צו דעפעקטירן צו די רוימיים.

די אדומיים זענען געווען צומישט און פארלוירן, פון איין זייט האבן זיי געוואוסט אז זייערע פירער האבן מחליט געווען זיך אונטערגעבן און דעפעקטירן, אבער דא האבן די בריונים זיך ווידער משתלט געווען, האבן זיי זיך ארומגעדרייט זייער דערשראקן און פארלוירן. שמעון האט געהייסן אז מ'זאל האלטן אויף זיי א וואכזאם אויג אז זיי זאלן נישט טראכטן געדאנקען וואס זענען קעגן זיינע אינטערעסן, און ער האט געהייסן אז מ'זאל זיי אוועקר נעמען פון יעדע אחריות'דיגע פאזיציע וואו זיי זענען געשטאנען ביז יעצט אייניג מיט די אידן ווייל מ'קען זיי מער נישט געטרויען.

ונמכרתם לעבדים

אבער עס איז שוין געווען צו שפעט, שמעון מיט אלע זיינע ווילדע שריט האט שוין געהאט פארשפעטיגט, עס איז שוין געווען נאכן דורכפאל, די אבילי ציון וירושלים וואס האבן געוויינט און געקלאגט אויפן חורבן בית המקדש, זיי האט מען מער שוין יעצט נישט געקענט צוריק האלטן פון צו טון וואס זיי האבן געהאלטן אין די מינוט פאר ריכטיג. די אלע שומרים וואס ער האט געהאלטן אויף די וואך, האבן נישט געקענט צוריק האלטן דעם געדיכטן שטראם פון מענטשן וואס האבן אויפן גאנצן וועג כסדר געשטראמט ארויס פון די חומות ירושלים.

טיטוס איז געווען קלייבעריש מיט די אידן וואס זענען יעצט געקומען צו לויפן צו אים, און ער האט נישט יעדן אויפגענומען אייניג, עס זענען געווען אזעלכע מיט וועמען ער האט זיך איבערגעבעטן און ער האט זיי געלאזט ביים לעבן, אבער אנדערע האט ער אויסגע'הרג'עט, עס זענען געווען אזעלכע וואס ער האט גענומען פאר קנעכט, און ער האט זיי פארקויפט פאר שפאט ביליג, ווייל עס זענען נעבעך געווען אזויפיל אידן וואס מען האט אין יענע צייט פארקויפט פאר קנעכט, אז זיי זענען נעבעך נישט צופיל ווערט געווען.

פערציג טויזנט פון די געפאנגענע אידן האט טיטוס פריי געלאזט, דאס זענען געווען פון די ערליכע אידן, און זיי זענען נישט פארקויפט געווארן פאר קנעכטשאפט.

כלי בית ביהמ"ק

עס איז געווען איינער פון די כהנים, וואס ער האט באלאנגט פאר די צדוקים, זיין נאמען איז געווען יהושע בן שבתאי כהן גדול, און ער האט זיך געטרויעט צו זיין שולח יד אין די הייליגטומען פונעם בית המקדש.

ער איז ארויסגעגאנגען צו די רוימיים און ער האט געוואלט פועל'ן זיין לעבן, האט ער געזאגט פאר טיטוס אז ער וועט אים ברענגען פון די באהאלטענע כלים פונעם בית המקדש. ווייל אפילו יעצט נאכדעם וואס די רוימיים האבן שוין באוויזן צו מאכן דעם גרויסן חורבן און פארברענען דעם בית המקדש און לייגן די האנט אויפן גרעסטן טייל פון די הייליגע כלים פון בית המקדש וואס זיי האבן בארויבט, אבער עס איז נאך געווען אומצאליגע כלים וואס זיי האבן נישט געהאט, ווייל ווען די כהנים האבן געזעהן די שווערע באלאגערונג אויף ירושלים, און זיי האבן אנגעהויבן מורא צו האבן אז די רוימיים וועלן אריינקומען זענען זיי שנעל געגאנגען און זיי האבן באהאלטן די אלע כלים אז די רוימיים זאלן דאס נישט קענען טרעפן.

דער בוגד יהושע, דער צדוקי, האט געוואלט ראטעווען זיין לעבן, איז ער גרייט געווען ארויסצוגעבן וועגן דעם די כלים פונעם בית המקדש.

ער איז טאקע געגאנגען אויפן ארט וואו עס זענען געווען די הייליגע כלים, און ער האט פון דארט ארויסגענומען צוויי גאלדענע מנורות, וואס זענען געווען נאכגעמאכט גענוי אזוי ווי די מנורה פון בית המקדש, און גאלדענע שולחנות, טייערע מזרקות, לעפלעך, שאוולען מיט וואס מ'פלעגט שארן די אש פון מזבח, מנקיות, קערות, און נאך אסאך פון די טייערע ווערדפולע כלים פון בית המקדש, אלעס איז געווען געמאכט פון ריין גאלד, און עס האט שווער געוואויגן צוליב די פולע גאלד, און ער האט דאס אלעס געברענגט פאר די רוימיים.

דער באנדיט האט זייער געהאלטן פון זיין לעבן, ווייל ער האט געצאלט דערפאר זייער א טייערן פרייז, ער האט נאך אויסער די כלים געברענגט די בגדי השרד, בגדי הקודש, דעם פרוכת, די טייערע קליידער פונעם כהן גדול, וואס איז געווען באצירט מיט די טייערע אבני שוהם און אבני מילואים, וואס האט געהאט אויף זיך אויפגעקריצט די נעמען פון די שבטי קה, וואס איר ווערט ביי כלל ישראל איז דאך איבריג צו זאגן. און נאך אסאך כלים פון בית המקדש האט ער ארויס געברענגט און אלעס איבערגעגעבן אין די הענט פון טיטוס הרשע.

די רוימיים האבן אויך געכפט פינחס וואס איז געווען דער ממונה אויף די אוצרות פון בית המקדש, און זיי האבן אים געצווינגען אז ער זאל דערציילן ווי עס ליגט די אנדערע אוצרות פון ביהמ"ק.

ער האט זיי דערציילט וואו עס ליגט די הענדלעך און די אבנטים פון די כהנים, און אויך אלע אוצרות פון די טייערע סחורות, ארגמן און תולעת שני מיט וואס מ'האט געמאכט די בגדי כהונה, די שמן הטהור, וואס איז געווען די טייערסטע און בעסטע אויל וואס מ'האט געמאכט מיט די גרעסטע הידורים, און די גרעסטע פאכמאנישקייט און עס זאל זיין טאקע די ריינסטע לויטערסטע און קלארסטע, די שמעקענדיגע בשמים, און די אלע ערוגות הבשם, אויף אלעס האבן די רשעים געלייגט די האנט ביום חרון אף ה'.

די גרופע בוגדים, די פאררעטער וואס האבן געמאכט א יד אחת מיט טיטוס, און זיי האבן זיך פארקויפט זייער נשמה פארן שטן פאר א בצע כסף, האבן אלעס ארויסגעגעבן פאר די רוימיים, אסאך פון די איבריגע כלי המקדש, און די טייערע צירונגען וואס זענען דארט געווען. די קטרת און די טייערע געווירצן די סממנים וואס זענען אויך געווען געמאכט מיט א מורא'דיגע אומנות בקדושה ובטהרה, און זייער ריח איז דאך טאקע געווען געוואלדיג. און צוליב דעם האבן זיי מרוויח געווען אז טיטוס האט זיי געלאזט לעבן.

די ווייטערדיגע מלחמה מיט די שארית הפליטה

ווי דערמאנט, די גרויסע בערגיגע ערטער אין ירושלים האבן געמאכט גרויסע שוועריגקייטן פאר טיטוס און זיינע רוימי'שע חיילים אז זיי זאלן נישט קענען געהעריג איינעמען די 'עיר העליונה' פון ירושלים, און דאס האט גורם געווען אז עס האבן זיך פרובירט דארט צו מאכן גרופעס אויפשטענדלער צו שטערן די רוימיים פון ענדגילטיג אויספירן זייער ציהל.

טיטוס האט ארויסגעגעבן די פאראָרדענונג צו מאכן 'סוללות' וואס מ'זאל קענען דורכדעם לייכט אריינקומען אין שטאט.

אכצן טאג האבן די רוימיים שווער געארבעט אויף די סוללות, און ז' אלול איז די ארבעט פארטיג געווארן, און דעמאלטס האבן זיי מחליט געווען אז די צייט איז שוין רייף אז מ'זאל זיך נעמען צו די 'עיר העליונה' און דארט אנגיין ווייטער מיט די מלחמה עד רדתה.

ווען עס איז געקומען דערצו איז שוין געווען ווייניג וואס האבן בכלל געהאט כח און אינטערעסע זיך צו שלאגן און באשיצן די שטאט.

מען האט דאך געדארפט זיין בלינד נישט צו זעהן דעם מציאות, און די אלע וואס זענען ביז איצט נאך געווען קאמפס גרייט האבן שוין אויפגעגעבן, נמס כל לב ורפו כל ידים', זעהנדיג וואס פארא קליינע צאל אידן עס זענען נאך בכלל דא, וואס קענען בכלל קעמפפן, און פון די צווייטע זייט שטייען דא אזויפיל רוימיים, גרויסע געבויעטע בעלי בשר ובעלי זרוע, וואס זיי זענען נאך געהעריג אין די כלים, זיי זענען קאמפסלוסט.

די אידן קוקן זיך אן, זיי זענען די אידן וואס מיט געציילטע יארן צוריק זענען זיי געווען ככוכבי השמים לרוב, מען האט זיי נישט געקענט ציילן, שווערע הונדערטער טויזענטער אידן האבן געוואוינט אין ארץ ישראל און אין ירושלים, און יעצט דערזעהן זיי זיך ליידיג און ארים, צובראכן און צוטרייסלט, דאס אליין האט חרוב געמאכט דעם געמוט און אטוועק גענומען דאס ביסל אפעטיט צו קענען לוחם זיין ווייטער, באזונדער ווען 'קלים היו רודפינו כנשרי שמים', די רוימיים זענען אנגעאנגען מיט א אויסטערלישע פרישקייט ווי כאילו די מלחמה האט זיך היינט אנגעהויבן.

עס זענען געווען אסאך צווישן די אידן אסאך וואס האבן זיך געבעטן דעם טויט, זיי האבן שוין פון דעם נישט מורא געהאט, און זיי האבן נישט ארויסגעוויזן קיין שום אינטערעסע צו בלייבן דא שטיין און פירן ווייטער די מלחמה, וואס איז סיי ווי געווען פארלוירן און זיי האבן נישט געהאט אויף וואס צו שיצן.

פון די 'מגינים' וואס זענען געשטאנען ביז איצט ביי די חומה פון די 'עיר העליונה', זענען יעצט געווען אסאך וואס זענען אוועק געגאנגען און האבן איבערגעלאזט זייערע פאזיציעס, עס זענען געווען ווער עס איז געלאפן זוכן שוץ אין די הויכע פעסטונגען, אנדערע זענען אראפ געלאפן אין די אונטערערדישע טונעלן, נאר א קליינע צאל זענען געבליבן שטיין אויף זייערע פאזיציעס ביי די חומה.

די רוימיים האבן גענומען זייערע כלים, און זיי האבן אנגעהויבן צו שטורעמען די חומה פון די מערב זייט, און א טייל פון די חומה איז געשפאלטן געווארן.

ווי די אידן האבן דאס געזעהן, זענען זיי תיכף צובראכן געווארן, זייער הארץ איז צוגעגאנגען געווארן פאר שרעק און ווייטאג און עס איז געווען דער שרעק פונעם אייבערשטער אנגעפאלן אויף די באלאגערטע, און זיי האבן גארנישט געקענט טון.

זיי האבן אליינס געשפירט א שוואכקייט ווי כאילו זיי זענען בלינד און פארשטייפט, און עס איז געווען נאך איידער די שונאים האבן אפילו מצליח געווען צו קענען ארויף גיין אויף די חומה זענען שוין געווען אסאך וואס האבן פון זיך אליין אנגעהויבן איבערצולאזן די חומה און אנטלויפן.

עס זענען געווען דריי שטארקע געבויטע טורעמעס אויף די חומה, וואס דאס איז געווען די שטארקסטע צענטערן פון די חומה וואס די רוימיים האבן דאס נאך ביז היינט נישט באוויזן צו קענען רירן, און די אידן האבן געוואוסט די גאנצע צייט אז דאס איז אומבאזיגבאר, און די אלע 'מגינים' וואס האבן זיך דארט געפונען האבן געוואוסט אז זיי שטייען אויף א זיכערע באזע.

אבער דער אייבערשטער האט אריינגעגעבן א מורך בלבבם, און אן קיין סיבה האבן זיי געשפירט א שוואכקייט, און זיי האבן זיך גענומען צו אנטלויפן. אויך פון די דריי טורעמעס

האבן די מגינים געמאכט פליטה. און די בריונים וואס האבן נאך אנגעהאלטן זייערע פאזיציעס קוקן זיך אים און זיי טרעפן זיך גענצליך אליין, ווייל יעדער האט זיי איבער געלאזט.

דעמאלטס האבן זיי אליין אויך געהויבן פיס און זיי זענען אנטלאפן צום טאל וואס איז אונטערן 'שילוח', און דארט האבן זיי זיך איבערגעשמועסט און מחליט געווען אז ניין, מען גיט נישט אויף, און מען גייט צוריק ווייטער קעמפפן און זיך שלאגן מיט די רוימיים.

די גרופע בריונים האבן אנגעהויבן צוריק צו לויפן צום חומה, אבער זיי האבן שוין גארנישט געקענט, איינמאל עס איז געווען 'סר צילם מעליהם', האבן זיי נישט געהאט דעם רוקן ביין, און ווי נאר די רוימיים האבן אנגעהויבן צוריק צו לויפן קעגן זיי האבן זיי געכאפט א שרעקליכע פחד, און זיי זענען פון דארט אנטלאפן מיט איין פחד וואו די אויגן האבן זיי געטראגן, יעדער צו א צווייטן ווינקל וואו זיי האבן געוואלט טרעפן שוץ.

דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן די עיר העליונה אין די הענט פון טיטוס אן קיין איין שאס, אן קיין שום מלחמה.

די רוימישע סאלדאטן זענען ארויפגעשפרונגען אויף די חומה, זיי זענען געווען גרייט זיך צו שלאגן און צו פירן א מלחמה, אבער זיי האבן נישט געהאט מיט וועמען זיך צו שלאגן, ווייל די חומה איז געווען ליידיג, אלע פאזיציס זענען געווען פארלאזט. די אידן, דאס ביסל פארבליבענע אידן, זענען אלע געזעסן אין די לעכער און בונקערס, ציטערנדיג פאר זייערע לעבענס.

די רוימי'שע סאלדאטן זענען ארויפגעגאנגען אויף די שטארקע מגדלים, און געטראפן אלעס ליידיג.

דעמאלטס האבן זיי אנגעהויבן צו פייפן און שאלן און טרופייטערן מיט קולי קולות און מיט א שטארקן נצחון, ווייל זיי האבן שוין געזעהן די ענדע פון די מלחמה, און ווי זייער זיג איז שוין דא.

זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אין ריזיגע מאסן איבער די גרויסע שטאט, און עס איז נישט קעגנגעקומען אפילו איין מענטש פון די גיבורים פון די אידן וואס זאל זיי אפשטעלן, ווי א טייך וואסער האבן זיי זיך צולאזט אויף די גאסן פון ירושלים.

וואו זיי האבן נאר באגעגענט א מענטש איז ער גע'הרג'עט געווארן, און ליידער זענען אין יענע שלאכטן ווייטער געפאלן אומצאליגע אידן, און די הייזער זענען אויפגעגאנגען אין פייער צוזאמען מיט די אומגליקליכע מענטשן וואס זענען דארט אריינגעלאפן זוכנדיג שוץ.

די רוימיים זענען אריינגעלאפן אינעוויייניג אין די הייזער און זיי האבן דארט געזוכט וואס זיי קענען רויבן פאר זיך, זיי האבן נעבעך געטראפן אין אלע הייזער די צימערן זענען געווען פול מיט מענטשן וואס זענען אויסגעגאנגען פאר הונגער.

זיי האבן אויסגעגעבן זייער כעס אויף יעדן איינעם וועמען זיי האבן נאר געטראפן, יעדער מענטש וואס איז נאר געווען אויפן גאס איז דערשטאכן געווארן צום טויט, און עס זענען ליידער אנגעהויפענט געווארן גאנצע בערג מיט גע'הרג'טע מענטשן אויפן גאס. די גאנצע שטאט האט מען געזעהן טייכלעך בלוט פליסן פון די מענטשן וואס זענען דערשטאכן געווארן, אזוי ווייט עס איז געווען מערערע פלעצער ווי די שריפות וואס די רוימיים האבן אונטערגעצינדן די הייזער זענען פארלאשן געווארן פון די טייכלעך בלוט וואס האט דארט געפלאסן.

הערשט ביינאכט האבן די רוימיים אויפגעהערט מיט די רציחות, און דעמאלטס האבן זיך די שריפות פריש צופלאקערט, און זיך נאכאנאנד געהאלטן אין איין פארשפרייטן אלס ווייטער.

די רציחות פון די רוימיים האט נישט געהאט קיין גבול, אפילו נאכדעם וואס זיי האבן שוין געהאט גע'הרג'עט די אידן האבן זיי זיך באצויגן צו זיי מיט א שטארקע גרויזאמקייט, "נתנו את נבלת עבדיך מאכל לעוף השמים". דאס האבן זיי געטון אין פולן זין פון ווארט, און דער בילד וואס עס איז געווארן פון די הערליכע שטאט ירושלים איז געווען איום ונורא.

דער צאל וויפיל מענטשן עס זענען גע'הרג'עט געווארן אין ירושלים במשך די גאנצע צייט פון די באלאגערונג איז געווען א מיליאן מיט צוויי הונדערט טויזענט מענטשן.

ואפס עצור ועזוב

עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן מצליח געווען צו אנטלויפן, אבער זיי זענען געווען אזוי פארלוירן און דערשראקן אז קיינער האט נישט געוואוסט וואו מ'אנטלויפט, און מ'איז צולאפן אויף אלע ארבע רוחות השמים, די גוים פון די ארומיגע מדינות קיינער האט נישט ארויס געוויזן קיין אינטערעסע צו העלפן די אידן, און קיינער האט אויף זיי נישט רחמנות געהאט ווען די צרה האט זיי באטראפן.

אלע שכנות'דיגע לענדער פון ארץ ישראל, דמשק, ארם, עזה, צור, אשקלון, אשדוד, עקרון, פלשתים, אדום, ערב, די אלע זענען געווען פאראייניגט מיט זייער שנאה קעגן די אידן, און דער יעצטיגער ביטערער מצב וואס די אידן האבן מיטגעמאכט דאס האט זיי שטארק געשמעקט, און זיי זענען אוודאי נישט גרייט געווען זיי צו העלפן, נאר אדרבא זיי האבן פרובירט צו טון וואס זיי קענען צו שטערן די אידן וואס האבן געזוכט צו אנטלויפן

און די וואס האבן זיך געוואלט ראטעווען אז זיי זאלן נישט האבן די מעגליכקייט נאר זיי זאלן ארייגפאלן אין די הענט פון די רוימיים און גע'הרג'עט ווערן.

די אלע אומות העולם האבן זיך ארומגעשטעלט אויף אלע וועגן וואס פירן פון ארץ ישראל צו אלע ארומיגע שטעט, איבעראל וואו די אידן וואלטן ווען געהאט די ברירה און מעגליכקייט צו אנטלויפן, און זיי האבן געהאט וואך וואס האבן געמאכט די אלע אידן און ווי נאר זיי זענען אנגעקומען א הין האט מען זיי געפאנגען און איבערגעגעבן פאר די רוימיים.

פון די דרום זייט זענען געווען די פלשתים, פון די צפון זייט איז געווען צור, פון די מזרח זייט איז געווען דמשק, און פון די מערב זייט זענען געווען די ערביים, וואו די אידן האבן נאר פרובירט צו אנלויפן, וואו זיי האבן נאר געהאפט אז דארט וועלן זיי טרעפן שוץ האבן זיי נישט געקענט און איבעראל זענען זיי פריש אריין געפאלן אין פעקל.

אנדערע זענען געפאנגען געווארן און מען האט זיי אריבער געגעבן אין די האנט פון אדום, ווייל טייל אידן האבן געמאכט פליטה און זיי זענען אנטלאפן דורכן וועג פון די פלישתים, די בני עזה וואס האבן דארט געוואוינט האבן זיי דארט געכאפט און איבערגעגעבן אין די הענט פון די פיינט.

די פיינט פון די אידן האבן זיך אויפגעפירט צו די אידן זייער ברוטאל, נאך דערצו ווען זיי זענען געווען מתעברים על ריב לא להם, ווען זיי האבן די גאנצע צייט גארנישט געהאט מיט די מלחמה און זיי האבן זיך יעצט נאר אריינגעמישט צוליב זייער שנאה צו די אידן ווען זיי האבן נישט געהאט קיין שום רווח דערפון.

דער מדרש דערציילט אז די ערביים זענען נאך געווען ארגער פון אלע דרויסענדיגע פיינט וואס האבן זיך פארלייגט אויף די אידן און געזוכט צו מצער זיין און זיך באגיין ווי ארגער מיט די אנטלאפענע אידן.

אמר רבי אלעזר ברבי צדוק, אראה בנחמה, ער האט זיך געשוואוירן וואס ער האט געזעהן אין יענע שווערע צייט ווי מרים בת בייתוס וואס זי איז געווען פון די רייכסטע פרויען אין ירושלים, ווי אזוי די ערביים האבן איר געפאנגען און זיי האבן צוגעבינדן אירע האר צום וויידל פון א פערד, און זיי האבן אנגעהויבן צו טרייבן די פערד און זי האט נעבעך געדארפט נאכלויפן דעם פערד פון ירושלים ביז קיין לוד, און איך האב געליינט אויף איר דעם פסוק "הרכה בך והענוגה".

דאס זענען געווען די רציחות וואס די גוי'אישע שכנים האבן דעמאלטס געטון, אויסגעבנדיג זייער שנאה קעגן די אידן אויף אזא שרעקליכן אופן.

"ישבו לארץ ידמו זקני בת ציון העלו עפר על ראשם חגרו שקים, הורידו לארץ ראשם בתולות ירושלים, צעק לבם אל ה' חומת בת ציון הורידו כנחל דמעה יומם ולילה אל תתני פוגת לך אל תידום בת עינך כי גבר איוב".

"ולא היה ביום אף ה' שריד ופליט", דאס איז נעבעך געווען דער סוף פון די אידן אין ירושלים.

אויפמארגן איז טיטוס געקומען באזוכן די שטאט, און ער איז געקומען זעהן די ארבעט וואס זיינע חיילים האבן געמאכט און ווי עס האלט די פארשריט אין דעם נצחון.

ער איז געבליבן שטיין ערשטוינט צו זעהן די שיינע הויכע גרויסע און מעכטיגע מויערן און די פעסטונגען וואס זענען געווען אריינגעבויעט אין די מויערן וואס די בריונים האבן איבער געלאזט זייענדיג אין גרויס שרעק.

ער האט באטראכט די הויכקייטן פון די מגדלים, און די גרויסע ריזיגע שטיינער מיט וואס דאס איז געבויעט געווארן, די דיקעקייט און זייער הייך, און טראץ זיין גרויסע כפירה האט ער געמוזט מודה זיין אז זיין הצלחה איז נישט געווען בדרך הטבע, נאר א העכערע הימלישע האנט האט אים ארויסגעהאלפן אז ער זאל קענען מנצח זיין אין די מלחמה.

"אם לא כי צורם מכרם וה' הסגירם".

טיטוס האט נישט געוואלט אז עס זאל בלייבן א זכר פון די שטאט האט ער געהייסן אז מען זאל ממשיך זיין און אלעס חרוב מאכן און פארניכטן, אלע בנינים, אלע גרויסע פעסטונגען "עד רדת חומותיה הגבוהות והבצורות, אלעס זאל אראפקומען, און דאס האט פאסירט ווען "טבעו בארץ שעריה אבד ושיבר בריחיה".

ח' אלול, שוין באלד א חודש נאכן חורבן בית המקדש, און דער פייער האט געפלאקערט אינעם עיר העליונה און אירע צינגער האבן אן קיין רחמנות ווייטער פארברענט און אלעס חרוב געמאכט.

טיטוס האט ארויסגעגעבן זיין באפעל אז דריי גרויסע פעסטונגען פצאל, הפיקוס און מרים, דאס זאל מען לאזן און נישט חרוב מאכן, ער האט געהאט דערביי א בייזוויליגע כוונה, אז ער זאל קענען איבער ווייזן ווי שטארק און ווי גרויס ירושלים איז געווען, און ווי בדרך הטבע וואלט דא א מענטש קיינמאל נישט געקענט מצליח זיין דאס איינצונעמען און ער האט יעצט מצליח געווען דאס צו קענען איינעמען וואס דאס זאגט פאר אים זייער אסאך.

טיטוס האט גוט אפגעשאצט די געטרייע ארבעט וואס זיינע סאלדאטן האבן פאר איהם געטון איבער די לעצטע וואכן, און ער איז גרייט געווען זיי צו באצאלן פאר זייער ארבעט. פארשטייט זיך לאו דוקא פון זיין אייגענע קעשענע, האט ער זיי ארויס געשיקט

איבער די גאסן פון ירושלים, און זיי געלאזט באפאלן די הייזער און די טויטע און זיך בארייכערן מיט די אלע האב און גוטס פון די אידן וואס זיי האבן איבער געלאזט.

אזוי זענען דורכגעגאנגען עטליכע שווערע און ביטערע וואכן פאר די אידישע קינדער, ווען אין געציילטע וואכן האט אלעס פאסירט, דאס בית המקדש איז חרוב געווארן, די הייליגע שטאט ירושלים איז איינגענומען געווארן, די חומות ירושלים זענען צובראכן געווארן, שווערע צענדליגער טויזענטער אידן זענען גע'הרג'עט געווארן, און זייערע פארמעגענס זענען בארויבט געווארן, און די אידן וואס האבן זיך באוויזן צו באהאלטן און ראטעווען זענען געווען פארשטעקט אין וויקלעך און אונטערערדישע באהאלטענישן אויס מורא זיך צו באווייזן דאס פנים אינדערויסן וואוסנדיג אחת דתו.

נאך עטליכע וואכן ווען די רוימיים זענען שוין געווען זאט פון בלוט, זיי זענען שוין געווען שיכור פון זייער נצחון, און די רציחה האט זיך צוביסלעך אנגעהויבן נאכצולאזן און בארוהיגן, האבן אידן אנגעהויבן ארויס צו קריכן פון אלע לעכער ווי זיי זענען געווען ביז יעצט באהאלטן, און זיי האבן אנגעהויבן ארויס צו קומען כאטש זיי האבן געוואוסט אז די סכנה איז גרויס, אבער דער שרעקליכער הונגער וואס האט זיי געפייניגט האבן זיי נישט צורו געלאזט זענען זיי ארויס געקומען פון די באהעלטענישן זוכן צו האבן עפעס צו נעמען עפעס און מויל און מיט דעם זיך קענען דערהאלטן דאס לעבן.

"פחד ופחת היה לנו השאת והשבר" קלאגט ירמיה הנביא אין איכה, דער ביטערער אומגליק וואס עס האט צו זיי פאסירט.

זיי זענען אנטלאפן פונעם פחד, זענען זיי אריינגעפאלן מן הפח אל הפחת, די רומיים זענען געווען שיכור פון זייער נצחון און זיי האבן ממש נישט געוואוסט וואס צו טון מיט דאס שכרות פון זייער נצחון, זיי האבן גענומען די אידן וואס האבן קוים געלעבט פון דעם שרעקליכן הונגער און זיי האבן זייער געשפעט פון זיי. זיי האבן אויסגעהרג'עט די אלטע און שוואכע לייט, און אלע אנדערע מענטשן וואס זיי האבן געזעהן אז זיי האבן נאך עפעס כח האט מען זיי אלע גענומען און ארויף געשטופט אויפן הר הבית צום מקום המקדש און מען האט זיי איינגעשפארט אין עזרת נשים.

משפט טיטוס

טיטוס הרשע האט געהייסן אז מען זאל זעצן א געריכט און יעדן מענטש עקסטער דן זיין וואס מען זאל טון מיט אים ווייטער.

די רוימיים האבן דאס געטון זיי האבן אויפגעשטעלט א געריכט אויפן הר הבית, און מען האט איינציגווייז אפיר גענומען יעדן מענטש וואס זיי האבן געכאפט און אים דן געווען.

ביים משפט וואס טיטוס האט פאראדערנט אז מ'זאל מאכן אויף די געפאנגענע אידן, האבן זיי ארויסגעגעבן פארשידנארטיגע משפטים, טייל האבן זיי פאר'משפט'ט צום טויט, אנדערע זענען פארשיקט געווארן אין געפענגעניש. זיי האבן גענומען אלע גיבורים אנשי מלחמה פון וועמען זיי האבן מורא געהאט אז זיי קענען נאך עפעס ווייטער טון, און מען האט זיי געהרג'עט, און פון די איינגערע האבן זיי אויסגעוועלט די הויכע מענטשן און די שיינע אויסזעהנדע און מען האט זיי אוועק געלייגט פאר זייערע ציהלן.

די רוימיים האבן שוין אנגעהויבן צו טראכטן פון זייער 'טריאומף חאגע' דער טאג וואס זיי וועלן אנקומען אהיים קיין רוימי, און דארט וועלן זיי מאכן א גרויסע חאגע אפצוזייכענען זייער זיג אויף ארץ ישראל, און באזונדער די שטאט ירושלים, וואס ביז היינט האט דאס אויסגעזעהן ווי אן אומגלויבליכע זאך אז מען זאל דאס קענען איינעמען. צוליב דעם האבן זיי געוואלט האבן א סימבאל פון זייער נצחון, האבן זיי אויסגעוועלט די הויכע, קרעפטיגע, שיינע מענטשן פון די בני ציון, און זיי זענען באשטימט געווארן פאר דעם.

בצרה ובשבי'

פון די אלע איבריגע אידן האט ער גענומען אלע יונגע מענטשן פון די זיבעצן יאר און העכער, און ער האט זיי אוועק געשיקט אז זיי זאלן ארבעטן עבודת הפרך אין מצרים.

דער מדרש איכה זאגט אז דאס וואס מ'האט פארשיקט די בחורים קיין מצרים איז געווען אזוי שווער ווי דער חורבן בית המקדש.

טיטוס האט גענומען די יונגע אידישע קינדער, און ער האט זיי צוטיילט צווישן מערערע מדינות, מיט זיין 'גוט הארציגקייט' האט ער זיי צוטיילט אלס מתנות פאר מערערע מדינות, די ארומיגע פעלקער האט יעדער זוכה געווען צו באקומען פון די אידישע סאלדאטן, און מען האט די סאלדאטן זייער שטארק מבזה געווען, מען האט זיי אריבערגעפירט איבער זייערע שפיל פלעצער, און מ'האט זיי אריינגעפירט ווי עס זענען געווען די ספארטס, דארט ווי די רוימי'שע גוים האבן זיך ארומגעשלאגן איינער מיטן צווייטן, ווען דער ציהל איז געווען אז זיי זאלן גע'הרג'עט ווערן אין די שלעגערייען.

אזוי אויך ווען זיי האבן געהאט זייערע ווילדע שפילערייען מיט חיות, עס זענען געווען געשלעגן מיט חיות טורפות, האבן זיי אריינגענומען די אידן אין די שפילערייען און פאר די גוים איז דאס געווען זייער אינטערעסאנטע אינטערהאלטונג צו זעהן ווי די צובראכענע אומגליקליכע אידן וואס האבן דאס קיינמאל נישט געזעהן, און זיך קיינמאל נישט געלערנט די רציחה'דיגע רומיי'שע ספארטס ווערן נעבעך צוריסן און צופליקט דורך די צעווילדעוועטע חיות. און אזוי זענען נעבעך אויסגע'הרג'עט געווארן אזויפיל טייערע אידן בלויז צו קענען אונטערהאלטן זייערע שונאים.

די איבריגע אידן זענען פארקויפט געווארן פאר קנעכט, די רוימיים האבן געשפירט אזא שנאה צו די אידן אז מיט וואס עס איז נאר מעגליך געווען זיי צו פייניגן האבן זיי דאס געטון, אן קיין שום סיבה האבן זיי געלאזט די אידן הונגערן און זיי נישט געגעבן דאס שטיקל ברויט צום מויל.

אסאך אידן זענען געווען וואס האבן זיך געהאלטן שטארק און ערליך, און זיי האבן פון זיך אליין נישט געוואלט צורירן צו די געמיינע ברויט פון די גוים, און זיי זענען ליבערשט גרייט געווען צו שטארבן ווי איידער זיי זאלן עסן פון די ברויט פון די רשעים.

ליידער זענען דארט אויסגעשטארבן עלף טויזנט אידן פון די ערליכע און אפגעהיטענע אידן, זייענדיג אויסגעהונגערט ברעב ובמצא בעירום ובחוסר כל.

דער גורל פון ירושלים איז דאך שוין הונדערטער יארן נישט געווען אין איר ריכטיגן כבוד, עס איז שוין געווען הונדערטער יארן וואס פרעמדע גוים און ממשלות און מלכים האבן אויף איר געקעניגט, און זי האט נישט געהאט דעם ריכטיגן כבוד וואס איז געווען אין די צייטן פונעם ערשטן בית המקדש, אבער ליידער איז יעצט געקומען דער מכה בפטיש, און דער אייבערשטער האט איבער געגעבן דעם בית המקדש אין די הענט פון די רוימיים.

יעצט ווען אידישע קינדער האבן געזעהן דעם יד ה׳, נאכדעם וואס זיי זענען געקומען אויף זייער ביטערן עונש, האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען און צו שרייען ״צדיק הוא ה׳ כי פיהו מריתי, שמעו נא כל העמים הביטו וראו את מכאובי, בתולותי ובחורי הלכו בשבי״, זיי האבן באוויינט מיט אובאשרייבליכע צער און טרויער דעם חורבן פון די הייליגע שטאט, דער חורבן בית המקדש, דער טויט פון פילע טויזענטער אידן, און די אנדערע טויזענטער וואס זענען אוועק געפירט געווארן אין געפענגעניש, מיט שווערע בזיונות און לעסטערונגען אפלאכנדיג פון די אומבאהאלפענע אידן וואס האבן אין זייער שווערן מצב גארנישט געקענט טון זיך צו העלפן.

זיבן און ניינציג טויזנט אידן זענען אוועק געפירט געווארן אין געפענגעניש, און דאס זענען געווען אידן וואס זענען געקומען פון אלע עקן פון ארץ ישראל, ווייל פילע טויזענטער אידן זענען געווען וואס זענען ארויף געקומען עולה רגל זיין דעם פארגאנגענעם פסח, און ווײלנדיג אין ירושלים האט פלוצלונג אויסגעבראכן די מלחמה און זיי האבן שוין נישט געקענט צוריק אהיימגיין במשך די אלע חדשים וואס די רוימיים האבן אנגעהאלטן די שטארקע באלאגערונג, און זיי זענען יעצט נאכן חורבן גענומען געווארן אין געפענגעניש.

די שנאה צו די חכמי התורה

טיטוס הרשע האט נישט געשטילט זיין דארשט מיט די אלע ווילדע רציחות וואס ער האט געטון ביז יעצט, און כאטש ער האט געוואוסט אז די חכמי ישראל זענען במשך די גאנצע צייט געשטאנען קעגן די בריונים, און זיי האבן פון אנהויב אן זיך געגנגעשטעלט צו די אלע העצערישע און ווילדע מהלכים פון די מוקרים, די בריונים, אבער יעצט ווען ער האט מנצח געווען אין די מלחמה, האט ער זיי אויך נישט פארשוינט, און ער האט געוואלט אויסרייסן דעם כח התורה פון די אידן וואוסנדיג אז דער כח איז וואס עס האלט צוזאמען דאס כלל ישראל אין אלע צייטן און אונטער די שווערסטע מצבים, און כל זמן די אידן וועלן האבן אין שפיץ א תורה'דיגע הנהגה, וועלן זיי נישט אונטערברעכן, כי הוא חייך ואורך ימיך, און די אידן נויטיגן זיך אין גארנישט עפעס אנדערש אויב האבן זיי די תורה מיט זיך.

טיטוס הרשע האט גענומען די גדולי ישראל די הייליגע סנהדרין, און פון די סאמע גרעסטע חכמי ישראל, און ער האט זיי אויך אוועק געפירט אין געפענגעניש צו ווייטע מקומות, "וילכו בלא כח לפני רודף", די אידן האבן נעבעך געוואנדערט די צדיקים וואס ביז יעצט האבן זיי זיך מחזק געווען אין די שווערסטע צייטן מיטן כח התורה, און אפילו ווען דער מצב איז געווען ביטער ביז גאר זענען זיי געזעסן מיט זייערע תלמידים און זיך מיט דעם דערהאלטן דאס חיות זענען יעצט געטריבן געווארן דורך די רשעים, און זיי זענען אריבער א שווערן גלות מיט גרויסע בזיונות און מיטמאכענישן, וואס דאס איז געווען פאר זיי פיל ארגער פון אלעס, אזוי ווי א פיש וואס מ'נעמט ארויס פון טייך, און מיט דעם האקט מען אים אפ פון דעם מקור פון זיין חיות, וואס אן דעם איז אים נישט מעגליך אז ער זאל קענען ווייטער לעבן. אזוי איז נעבעך געווען דער מצב פון די סאמע העכסטע שרי התורה פון כלל ישראל.

עס זענען געווען אסאך פון די וואס האבן נישט געקענט מיטמאכן דעם שווערן וועג, זיי זענען סיי ווי געווען זייער שוואך און אפגעמאטערט פון די אלע צרות וואס זיי זענען איבער געגאנגען ביז אהער. און אין די צייט וואס די רוימיים האבן זיי געטריבן האבן זיי דאס נישט געקענט מיטהאלטן, און זיי זענען אוועק געפאלן אויף די וועג. ליידער האט זיך קיינער נישט געקימערט דערמיט, קיינער האט זיך נישט געזארגט אז מען זאל די אלע הייליגע קערפער ברענגען לקבורה, נאר זיי זענען געבליבן ליגן אויף די וועגן ווען זייערע קערפער בלייבן איבער צו ווערן אויפגעגעסן דורך די עופות פון הימל און די חיות פון די פעלדער.

צווישן די אידן וואס מען האט פארטריבן זענען אויך געווען אסאך וואס זענען אנגעקומען קיין אספמיא אין ספרד, וואס דאס איז געווען זייער ווייט פון ארץ ישראל, עס איז מקוים געווארן דער פסוק "בכל העמים מקצה הארץ ועד קצה הארץ".

נשים בציון עינו

"היינו חרפה לשכינינו לעג וקלס לסביבותינו תשימנו משל בגוים מנוד ראש בלאומים כל היום כלימתי נגדי ובושת פני כסתני", די רוימיים האבן געמאכט א שרעקליכע געשפאט פון די אידן, באזונדער מיט דעם וואס זיי האבן געפייניגט אידישע טעכטער אויף א שאנדפולן וועג "נשים בציון עינו בתולות בערי יהודה כדורכים בגת".

עס איז געווען א אידישע פרוי מיטן נאמען צפנת בת פניאל, וואס ווי דער מדרש זאגט אז זי געווען די טאכטער פונעם כהן גדול, און מען האט איר גערופן צפנת 'שהכל צופים ביופי', און פניאל ווייל איר פאטער האט משמש געווען לפני ולפנים, און איינער פון אירע פאנגער האט איר גענומען און געשפעט פון איר א גאנצע נאכט, מארגן האט ער איר אנגעטון מיט זיבן בגדים און איר ארויסגעפירט צום פארקויפן, איז געקומען א שמוציגער פארשוין וואס האט איר געוואלט קויפן, אבער ער האט איר פריער געוואלט זייער מבזה זיין און שפעטן פון איר, האט זי זיך ארייגעווארפן אין אש און אויסגעשריגן "רבונו של עולם, אויב האסטו נישט רחמנות געהאט אויף אונז, אבער פארוואס זאלסטו נישט רחמנות האבן אויף דיין הייליגן נאמען?".

אט דערמאנט איר ירמי' הנביא אין זיין נבואה "בת עמי, חגרי שק והתפלשי באפר, אבל יחיד עשי לך מספד תמרורים".

אשיב ממצולות ים

די רוימיים האבן דעמאלטס אנגעפולט דריי שיפן מיט די חשוב'ע לייט פון ירושלים און זיי געפירט דורכן וואסער קיין רוים, מיטן ציהל זיי דארט צו ברענגען צו זינדיגן.

האבן די אידן גערעדט צווישן זיך אז זיי וועלן נישט מסכים זיין דערצו אפילו פארן פרייז אז עס וועט זיי קאסטן דאס לעבן, "ווייל איז דען נישט גענוג וואס מיר האבן דערצערנט דעם אייבערשטן אין בית המקדש זאלן מיר אים נאך דערצערענען אין חוץ לארץ אויך?"

האבן זיי געפרעגט די פרויען וואס זענען געווען דארט אויפן שיף "זענט איר גרייט זיך צוצושטעלן צו די פארלאנגען פון די רוימיים, וואס ווילן אונז פירן צו זינדיגן?", האבן זיי שארף געענטפערט אז נישט, האבן די מענער געזאגט "מה-דאך די נשים וואס זיי איז לייכטער איינצורעדן צו זינד זענען אזוי שארף קלאר און אנטשלאסן ביי זיך אז זיי וועלן זיך נישט לאזן פירן פון די רוימיים, איז דאך זיכער אז מיר מענער זאלן זיך אוודאי נישט לאזן פון זיי".

די אידן זענען נאך געווען מסופק אין איין שאלה, אויב זיי וועלן זיך יעצט מוסר נפש זיין, צי זיי האבן א חלק לעולם הבא, אדער אפשר חס ושלום ווערן זיי פאררעכענט אלס

מאבדים עצמם לדעת, וואס דאס איז געווען די איינציגסטע זאך וואס האט זיי דערווייל אפגעהאלטן פון באגיין דעם שריט, האט זיי דער אייבערשטער באלויכטן די אויגן און ער האט זיי געוויזן דעם פסוק אין תהילים (קאפיטל ס"ח) אמר ה' מבשן אשיב, אשיב ממצולות ים".

ווי נאר די אידן האבן געזעהן דעם פסוק האבן זיי פארשטאנען וואס זיי האבן יעצט צוטון, זענען זיי אויפגעשטאנען אין דריי באזונדערע כיתות און זיי זענען אריינגעשפרונגען אים ים, און אזוי מקדש געווען שם שמים.

כי עליך הרגנו כל היום

אין יענע ביטערע צייטן האט מען געזעהן בחוש ווי אזוי עס איז מקוים געווארן ביי אידישע קינדער די גאנצע ביטערע תוכחה פון פרשת כי תבוא ווי אזוי דער רבש"ע האט שוין געווארנט אידישע קינדער נאך איידער מען איז דאס ערשטע מאל אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, והיו בניך ובנותיך נתונים לעם אחר ועיניך רואות וכלות אליהם כל היום, וויפיל אידישע קינדער זענען איבערגעבליבן אין ארץ ישראל און זייערע קינדער זענען אוועק גענומען געווארן צו פרעמדע מדינות, צווישן גוי'אישע פעלקער, און די עלטערן האבן נישט געהאט קיין שום ידיעה וואס עס טוט זיך מיט זייערע טייערע קינדער, און א גאנצן טאג איז זייער הארץ אויסגעגאנגען פאר בענקשאפט צו זייערע קינדער ווען זיי האבן געוואלט הערן וואס עס איז דער גורל פון זייערע קינדער אבער זיי האבן נישט געהאט פון וואו צו הערן און וואס צו וויסן.

עס איז געווען א מעשה מיט פיר הונדערט קיענדער וואס זענען אין יענע טעג פארכאפט געווארן דורך די רומיים, און זיי זענען גענומען דירעקט מיט די מחשבה זיי צו מאכן זינדיגן.

די מיידלעך וואס זענען געווען צווישן די פארכאפטע האבן באצייטנס געכאפט וואס עס איז די בייזוויליגע מחשבה פון די רומיים וואס האבן זיי פארכאפט, און וואס עס איז זייער ציהל צו טון ווייטער, און זיי האבן מורא געהאט אויב די רומיים וועלן זיי צווינגען מיט יסורים זיי צו מאכן זינדיגן קעגן זייער ווילן.

האבן זיי געפרעגט "אויב מיר וועלן זיך אריינווארפן אין ים און זיך דערטרענקען וועלן מיר זוכה זיין לחיי העולם הבא?", איז דארט געווען דער עלטסטער צווישן זיי וועלכער האט גע'דרש'ענט דעם פסוק "אמר ה' מבשם אשיב אשיב ממצולות ים", מבש"ן איז ראשי תיבות מבין שן, מבין שיני אקרי', פון צווישן די ציין פונעם לייב, דאס הייסט אפילו פונעם מויל פון די רוימי'שע חיה וועט דער רבש"ע צוריק ברענגען די אלע וואס זענען דארט פארכאפט געווארן, און אלע פון זיי וועלן זוכה זיין לחיי העולם הבא. און אזוי אויך "אשוב ממצולות ים" די וואס וועלן נישט אנקומען צו די רוימיים, ווייל זיי זענען

אנגעקומען במצולות ים, וועלן אויך זוכה זיין צוריק צו קומען און זיי וועלן זיכער זיין מזומן לחיי העולם הבא.

ווען די קינדער האבן געהערט די ווערטער, און זיי זענען שוין געווען זיכער אז זיי טוען מיט דעם נישט קיין עבירה האבן זיי נישט געטראכט קיין מינוט און זיי זענען אלע אריין געטאנצן אין וואסער.

אט דער שריט האט באלד מעורר געווען א חשבון הנפש ביי די פארכאפטע אינגלעך וואס זענען דארט געווען, מה-דאך אז די מיידלעך האבן ארויסגעוויזן אזא מסירות נפש, איז דאס דאך אונז זיכער מחייב, האבן זיי נאכגעטון דעם ביישפיל און זיי זענען אויך אריין געשפרונגען אין ים אריין.

אויף די נשמות נקיות וטהורות זאגט דער פסוק "כי עליך הורגנו כל היום נשבנו כצאן טבחה" אלעס האבן יונגע אידישע קינדער געטון אז זיי זאלן ח"ו נישט נכשל ווערן אין קיין עבירה.

על בן ובת רבי ישמעאל כהן גדול

די רוימיים וואס זענען געווען ביליגע פראסטע גוים, און זייער מוראל איז געווען זייער געפאלן האבן זיך באנוצט מיט די אידן פאר זייער שמוציגע מעשים, און זיי האבן געהאפט אז דורך דעם וואס זיי וועלן האבן ביי זיך די געפאנגענע אידן, וועלן זיי דורך דעם קענען פארדינען אז זיי וועלן אויך האבן דורות וואס זאלן האבן פון די העכערע שיינקייט וואס האט געהערשט אויף די בני ציון המסולאים בפז, וואס זיי זענען באשאנקען געווארן פון הימל מיט א הימלישע שיינקייט וואס איז געווען לשם ולתהלה צווישן אלע פעלקער.

דער מדרש דערציילט איבער איינע פון די פאסירונגען וואס איז געווען מיטן זון און טאכטער פון רבי ישמעאל בן אלישע, וואס ער אליין איז געווען פון די עשרה הרוגי מלכות, און ער איז געווען א מורא'דיגער יפה תואר ובעל צורה, אזוי ווייט אז די טאכטער פונעם קיסר האט זיך דעמאלטס געבעטן ביים טאטן אז מ'זאל אים נישט הרג'ענען, און ווען דער קעניג האט דאס נישט געוואלט נאכגעבן האט זי געבעטן אז מ'זאל אים אפשינדן די הויט אז זי זאל אימער קענען זעהן זיין געשטאלט.

די צוויי קינדער פונעם כהן גדול זענען באזונדער געפאנגען געווארן ביי צוויי באזונדערע הארן אין רוימי וואס האבן זיי אפגעקויפט, און זיי האבן נישט געוואוסט צו זאגן איינער פונעם צווייטן, מיט די צייט האבן זיך די צוויי הערן צוזאמען געטראפן אויף איין פלאץ און זיי האבן זיך צונויף גערעדט צווישן זיך. האט איינער פון זיי דערציילט אז ער האט מצליח געווען און ער האט אפגעקויפט א עבד פון די ירושלמי'ער געפאנגענע, און ער איז זייער שיין, אז עס איז נישטא אזוינס ווי זיין שיינקייט אין די גאנצע וועלט,

האט דער צווייטער אדון געזאגט אז ער האט א שפחה אויך פון די געפאנגענע פון ירושלים, וואס אין די גאנצע וועלט איז נישטא ווי איר שיינקייט, האבן זיי מחליט געווען אז זיי וועלן צוזאמען שטעלן דעם עבד מיט די שפחה אלס א שידוך, און אז עס וועלן געבוירן ווערן שיינע קינדער וועלן זיי זיך צוטיילן צווישן זיך.

זענען געגאנגען די צוויי הערן און ביינאכט צוזאמען געברענגט דעם עבד מיט די שפחה, און צוליב די חשכת הלילה האבן זיי זיך נישט געקענט זעהן, דער עבד האט זיך אוועק געזעצט אין איין ווינקל פונעם צימער און ער האט ביטערליך געוויינט "אוי ווי, ווי שרעקליך איז מיין גורל, איך בין א כהן, א זון פון כהנים גדולים, איך וועל יעצט מוזן חתונה האבן מיט א שפחה".

פון די צווייטע זייט איז געזעסן דאס מיידל און זי האט געיאמערט די זעלבע "אוי גיוואלד, איך בין א כהנת, א טאכטער פון כהנים גדולים, ווי אזוי זאל איך גיין חתונה האבן מיט א עבד?".

אזוי זענען ביידע געזעסן יעדער איינער אין זיין ווינקל און געוויינט מיט ביטערע טרערן אויפן ביטערן מזל, אז מ'וויל זיי דא צווינגען צו פארשוועכן זייער קדושה און זייער הויכער מעמד פון זייער יחוס המשפחה.

ווי נאר עס איז געווארן אינדערפרי, און דער טאג ליכטיגקייט האט אריינגעשיינט אינעם ציחמער, האבן זיי זיך דערקענט אז זיי זענען ברודער און שוועסטער, ביידע קינדער פונעם הייליגן רבי ישמעאל כהן גדול, זענען זיי ארויפגעפאלן איינער אויפן צווייטן מיט א ביטערן געוויין "הוי אח הוי אחות", און זיי האבן אזוי ביטערליך געוויינט ביז ווען זיי זענען ביידע אויסגעאנגען און נפטר געווארן.

אויף זיי האט ירמיהו הנביא ביטערליך געוויינט "על אלה אני בוכיה עיני עיני יורדה מים".

מי כעמך ישראל

די אידן האבן זייער שווער און זייער ביטער מיטגעמאכט אין יענע צייטן, די רוימיים האבן זיך אויפגעפירט מיט די מאקסימום רשעות וואס איז נאר שייך, און מיט די גרעסטע מאס געמיינהייט וואס עס קען נאר זיין. אבער דאס איז נישט געווען נאר די רוימיים, נאר אלעי פעלקער וואס האבן געהאט א חלק דערין, און ווער עס האט נאר געלייגט א האנט אויף אידישע קינדער אין דעם ביטערן מצב, האט אויסגעגעבן דעם גאנצן כעס אויף אידישע קינדער, און זיך אויפגעיפירט זייער גרויזאם און ברוטאל עד אין לשער.

אבער אין די שווערע צייטן אויף אידישע קינדער, טאקע דעמאלטס ווען זיי זענען געווען אזוי אראפ געקוקט און פארשעכמט, אין די תקופה וואס זיי זענען געווען עבדים

אין פרעמדע לענדער, און זיי זענען געווען בזוי ומבוזה, איזס ארויסגעקומען זייער אמת'ע שיינקייט.

זייער כבוד און פראכט און געוואקסן, און דער קידוש השם איז געווען העכער אלע השגות ווען די גוים האבן געמוזט מודה זיין און אנערקענען אז עס איז נישטא נאך אזא געהויבן און הייליג פאלק ווי כלל ישראל וואס זייערע השגות זענען פיל העכער ווי מ'קען זיך פארשטעלן און זיי האבן דאס ארויס געוויזן אין זייערע ביטערע און שווערסטע מצבים אויף א געוואלדיגן פארנעם. יעדער האט געזעהן בחוש "מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", אזא הייליג און געהויבן פאלק איז נישטא נאך אויף די וועלט.

עס איז געווען א מעשה ביי איינעם פון די אומות העולם וואו עס איז געפאנגען געווארן א אידיש מיידל מיט נאך צען פון אירע שפחות, און א כותי האט איר אריינגענומען צו זיך אין שטוב, און ער האט איר אויפגעצויגן ביי זיך אינדערהיים.

אין איינע פון די טעג האט דער גוי געגעבן פאר דאס מיידל א קריגל און ער האט איר געזאגט "גיי און ברענג מיר דא וואסער", האט זיך אויפגעשטעלט איינע פון אירע דינסטן און זי האט איבער גענומען דאס קריגל אז זי וועט גיין ברענגען דאס וואסער, האט דער גוי געפרעגט די דינסט "וואס איז דאס? איך האב דאך איר געגעבן דאס קריגל, פארוואס נעמסטו דאס איבער, ווען איך האב נישט דיר געהייסן ברענגען די וואסער?".

האט די דינסט געענטפערט "איך בין געווען פון די פינף הונדערט דינסטן פון די מאמע פון דאס מיידל, ווי קען איך צוקוקן ווי אזוי מ'זאל איר אזוי דערנידערן און פארשעמען טאז זי זאל דיר ברענגען דאס וואסער". ווען דער גוי האט דאס געהערט האט ער גענומען די מיידל מיט אירע צען דינסטן און ער האט זיי אלע ארויסגעשיקט אויף די פריי.

כי צורם מכרם

עס איז ווידער געווען א מעשה מיט א מיידל פון ירושלים וואס איז געפאנגען געווארן ביי א גוי, און זי איז דארט אויפגעצויגן געווארן ביי אים אין שטוב.

איינמאל האט דער גוי געזעהן א חלום ווי עמיצער באפעלט אים "נעם ארויס דאס מיידל פון דיין שטוב", ווען ער האט דערציילט דעם חלום פאר זיין פרוי, האט זי אים געזאגט אז ער זאל זיך נישט וואוסנדיג מאכן פון קיין חלומות און ער זאל אוודאי נישט ארויסלאזן דאס מיידל פונדערהיים. ער האט איר געפאלגט און ער האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט פונעם חלום.

אבער עס האט אים נישט געהאלפן ווייל די קומענדיגע נאכט האט ער ווידער אמאל געהאט א חלום און יעצט האט מען שוין גערעדט צו אים שטרענגער "אויב דו לאזט נישט ארויס דאס מיידל פון דיין שטוב, וועל איך דיר הרג'ענען".

דער גוי איז אויפגעשטאנען מיט איין פחד, און ער האט באפרייט דאס מיידל און ער האט איר פארשיקט פון זיין הויז. ער איז אבער געווען זייער נייגעריג צו פארשטיין וואס איר דער פשט פון זיין חלום, און פארוואס מען האט אים געהייסן אז ער זאל איר באפרייען, האט ער מחליט געווען אז ער וועט נאכגיין נאך איר און ער וועט זעהן וואס עס וועט דא ווייטער געשעהן מיט איר.

האט ער געזעהן אז ווען אינמיטן וועג איז זי געווארן דארשטיג צו טרינקען וואסער איז זי אראפגעגאנגען צו א קוואל וואסער, און זי האט דארט געוואלט טרינקען, ווי נאר זי האט אראפ געלייגט די האנט אויפן וואנט איז ארויסגעקומען א שלאנג וואס האט איר געביסן און זי איז געשטארבן, און איר קערפער האט אנגעהויבן צו שווימען אויפן וואסער.

איז דער גוי געגאנגען און ער האט איר ארויס גענומען און באערדיגט, און ער איז אהיימגעקומען און דערציילט פאר זיין פרוי און געזאגט "קוק נאר, די פאלק אויף וועמען דו ביסט ברוגז און דו ווילסט זיך נוקם זיין, דאס האט גארנישט מיט אונז, און נישט מיר האבן זיי באשטראפט, נאר זייער טאטע אין הימל".

דער כותל המערבי

ירושלים עיר הקודש איז ליידער געווען חרוב ונחרב, די ליכטיגקייט וואס האט אלע יארן געהערשט ירושלים, דער הימלישער חן וואס האט איר אלעמאל ארומגענומען, איז געווען ווי אויסגעלאשן.

אבער אפילו נאכדעם וואס דער חורבן איז שוין געווען, האבן זיך די רוימי'שע חיילים נישט געזעטיגט, און עס איז געווען זייער ציהל אז עס זאל זיין ווי מער טויטע און גע'הרג'עט אידן בתוככי ירושלים.

דער טאטאלער ציפער פון אלע הרוגים אין ירושלים במשך די גאנצע תקופה פון אנהויב פון די באלאגערונג ביז די טראגישע ענדע איז אנגעקומען צו הונדערט און צוואנציג ריבוא. וואס דאס נעמט נישט אריין די שווערע טויזענטער אידן וואס זענען אומגעקומען במשך די יארן דורך די אינערליכע מחלוקת וואס זענען געווען צווישן די בריונים, וואס דאס אליין האט אויך געקאסט פאר כלל ישראל א טייערן פרייז.

אויסער דעם, דער מספר פון די הרוגים האט מען נאר גערעכנט די אידן וואס מ'האט ארויסגענומען פון די שטאט און מען האט זיי געפירט צו קבורה. אבער אויסער דעם זענען דאך געווען א גרויסע צאל גע'הרג'טע אידן וואס זענען ליידער נישט געקומען צו קבורה, און מען האט פון זיי ווייטער מער נישט געהערט און נישט געוואוסט.

די רוימיים האבן געזוכט באהאלטענע אידן אין יעדן ווינקל און אין יעדן לעכל, זיי זענען אריינגעקראכן אין בונקערס און אין אונטערערדישע טונעלן, און זיי האבן דארט

ליידער געטראפן צוויי טויזנט געשטארבענע אידן וואס זענען אויסגעגאנגען אין די צייטן וואס זיי האבן דארט געלעבט במצור ובמצוק. עס זענען געווען דער גרעסטער טייל וואס זענען גע'הרג'עט געווארן מיט שווערדן, אבער אסאך האבן זיך אויך גענומען דאס לעבן פון גרויס ווייטאג און צובראכנקייט, און דער געדרוך האט זיך געשפירט ווייט אוועק.

עס איז ליידער געווען "דרכי ציון אבילות" אלע וועגן פון ציון זענען געווען פאר'אבל'ט, קיינער האט נישט מער געקוקט אין איר ריכטונג, די הייליגע שטאט, דער משוש כל הארץ איז איצט געלעגט אין בלוט און אין חורבות, די רוימיים האבן אלע עקן פון שטאט אנגעצינדן אין פייער, און זיי האבן צושטויסן די חומה ארום ירושלים.

ירושלים איז געווען א ארט וואו די חיות און שרצים האבן זיך דארט געשפירט זייער באקוועם צו דרייען און ארומקריכן. "ספקו עליך כפיים כל עוברי דרך, שרקו ויניעו ראשם על בת ירושלים, הזאת העיר שיאמרו כלילת יופי משוש לכל הארץ".

דער איינציגסטער מקום ווראס די רוימיים האבן נישט געקענט אראפווארפן און צוברעכן איז געווען דער חלק פון די חומה וואס האט ארומגענומען די שטאט פון די מערב זייט, דארט האבן די הענט פון די רוימיים נישט געהאט קיין שליטה, און דאס איז געבליבן שטיין, כאטש די רוימיים האבן זיך אנגעשטרענגט צו טון אלעס וואס זיי האבן נאר געקענט אז זיי זאלן דאס אויך צוברעכן און אומווארפן.

ווי נאר די שטאט ירושלים איז אריינגעפאלן אין די הענט פון די רשעים האט טיטוס איינגעטיילט די ארבעט פון חרוב מאכן די שטאט איבער אלע אירע טיילן צו זיינע פיר גענעראלן וואס זענען געווען מיט אים.

דער טייל פון די מערב זייט איז אנגעקומען פאר פנגר דוכוס ערביא, דער שר צבא פון ערביא, אבער פון הימל האט מען שוין פאראויס גוזר געווען אז דער כותל המערבי וועט אלעמאל בלייבן און דאס וועט נישט חרוב ווערן קיינמאל "לפי שהשכינה במערב", הנה זה עומד אחר כתלינו משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים, ווי דער מדרש שיר השירים זאגט "זה כותל המערבי של בית המקדש שאינו חרב לעולם, משגיח מן החלונות בזכות אבות, מציץ מן החרכים, בזכות אמהות.

אזוי איז טאקע געווען, די אנדערע דריי דוכסים האבן מיט סוקסעס יעדער מצליח געווען אין זיין ארבעט, און זיי האבן געהעריג חרוב געמאכט דאס וואס מען האט זיי געהייסן, אויסער פנגר, ער האט נישט געקענט אויספירן וואס מען האט אים געהייסן.

ווען טיטוס האט געזעהן ווי יעדער האט אזוי סוקסעספול אויסגעפירט וואס מען האט אים געהייסן, אויסער פנגר נישט, האט ער אים געלאזט רופן, און ער האט אים געפרעגט פארוואס ער האט נישט געטון וואס מען האט אים געהייסן, האט ער געגטפערט מיט חכמה "איך שווער, אז איך האב דאס געטון נאר לכבוד דיר, און דער כבוד פון די מלוכה,

ווייל ווען איך מאך דאס ווען חרוב, און עס בלייבט נישט איבער קיין זכר פון ירושלים, וואלט ווען קיינער נישט געוואוסט קיינמאל וואס איז דא געווען דער גרויסער נצחון, און מענטשן וואלטן ווען געזאגט אז דאס איז געווען א קליינע שוואכע שטאט, יעצט אבער אז מ'זעהט דעם כותל המערבי זאגט יעדער "קוק נאר דעם כח פון אספיינוס קיסר, קוק וואס ער האט באוויזן צו חרוב מאכן".

האט טיטוס געזאגט "איך זאג דיר, דו האסט טאקע געענטפערט זייער א ריכטיגע און זאכליכע תשובה, אבער, אזוי ווי דו האסט עובר געווען אויף מיין באפעל, דארפסטו באקומען דיין עונש, ווייל מ'קען נישט מאכן אייגענע חשבונות אפילו מיטן ציהל פון מיין כבוד און טון וואס מ'פארשטייט אליין, דעריבער איז יעצט מיין באפעל אז דו זאלסט ארויפגיין אויפן שטאק, און דו זאלסט זיך פון דארט אראפ ווארפן, און דא וועט זיך שוין ווענדן אין דיין מזל, אויב וועסטו בלייבן לעבן זאלסטו בלייבן לעבן, און אז דו וועסט שטארבן וועסטו שטארבן.

פנגר האט קיין צוויי ברירות נישט געהאט, און ער איז אראפגעשפרינגען פון הויכן שטאק, און ער איז געשטארבן ווי ערווארטעט.

חכמינו ז"ל זאגן אז באמת וואלט זיך ווען געקומען פאר פנגר אז ער זאל בלייבן לעבן, ווייל למעשה האט ער געטון א גוטע זאך מיט דעם וואס ער האט נישט חרוב געמאכט דעם פערטן וואנט, אבער ער איז נישט ניצול געווארן ווייל עס האט אים באטראפן די קללה פון רבן יוחנן בן זכאי, וואס האט געזאגט "הלב יודע אם לעקל אם לעקלקות" אז דאס הארץ ווייסט וואס עס איז ווירקליך געווען זיין מחשבה און זיין ציהל, ווייל זיין מחשבה ווען ער האט איבער געלאזט די וואנט איז נישט געווען פאר די טובה פון אידישע קינדער, נאר ווייל ער האט געוואלט אז במשך אלע דורות זאלן די גוים קענען לאכן פון די אידן אז מען האט זיי געקענט מנצח זיין, און ער האט געוואלט אז דער חורבן הבית זאל בלייבן שטיין פאר די אויגן פון די אידן און עס זאל זיי אלעמאל וויי טון און קרענקען, און פאר דעם האט ער באקומען דעם עונש.

אויסער דעם כותל המערבי איז אויך געבליבן שטיין די חומות פונעם הר הבית, דער שער שושן פון די מזרח זייט וואס איז פארמאכט מיט אבני גזית, און די צוויי שערי חולדה פון די דרום זייט, און דער שער היקפונוס פון מערב זייט.

אלעס איז שוין געווען חרוב ונחרב, אבער די רוימיים האבן נאך גע'כעס'ט און געברענט, זיי זענען נאכנישט געווען צופרידן, און זיי האבן געזוכט ווי מיט לעכט וואו נאך זיי זאלן זיך קענען אויסגעבן זייער ווילדע שנאה קעגן די אידן, האט טיטוס זיי געהייסן אז זיי זאלן זיך נעמען איבער די גאנצע שטאט מיט היכל, און אלעס פארניכטן ביזן גרונד.

די רוימיים האבן זיך גענומען צו האקן און צו ברעכן אין די שטאט, זיי זענען געווען צולאזט ארויס פון יעדן גרעניץ, ביז די גאנצע שטאט איז נישט געווען אין הויפענעס חורבות זענען זיי נישט געווען צופרידן, און אפילו נאכדעם וואס אלעס איז שוין געווען פארניכטעט, האט נאך טיטוס הרשע געפונען פאר וויכטיג צו שטעלן א באזונדערע אפטיילונג פון סאלדאטן וואס זאלן בלייבן אין די שטאט, א גרויסע מחנה, וואס זייער תפקיד איז געווען אכטונג צו געבן אז די מתים זאלן נישט אויפשטיין פון זייערע קברים און צוריק אויפבויען די שטאט ירושלים...

טיטוס צייכנט אפ זיין זיג

"היו צריה לראש אויביה שלו, זה טיטוס שחזר לשלותו", טיטוס הרשע האט געשפירט אז זיין ארבעט איז געענדיגט, און ער האט געענדיגט די מלחמה מיט סוקסעס האט ער געוואלט אפצייכענען זיין סוקסעס און קענען באגריסן זיין מיליטער אויף דעם גרויסן נצחון וואס ער האט געהאט, און ביי די געלעגענהייט געבן מתנות און אויסצייכענונגען פאר יעדן וואס האט דאס פארדינט ארויס ווייזנדיג העלדישקייט אין די צייטן פון די מלחמה.

האט ער באפוילן אז מען זאל אים אויפשטעלן א הויכע בימה קעגן איבער דאס פלאץ וואו עס איז געשטאנען דער איבריגער טייל פון די חומה וואס מען האט נישט געקענט חרוב מאכן, און דארט האט ער זיך ארויפגעשטעלט מיט זיינע גרויסע שרים, און ער האט פארזאמלט זיין גאנצע מיליטער ווי ער האט אים א פייערדיגע רעדע אויסגערימט זיינע שרים וואס זענען אים געטריי געווען אין די מלחמה, און ער האט דערביי אויסגערעכנט די נעמען פון זיינע העלדישע גיבורים, און ער האט זיי דארט באערט מיטן געבן גאלדענע קרוינען, און ער האט זיי אנגעטון גאלדענע מעדאלן לויט ווי עס זענען געווען די רוימישע מנהגים, מיט די גרעסטע כבוד און פאראדע.

אויסער דעם האט ער דאך געהאט אסאך וואס צו געבן ווייל די רוימיים האבן דאך געהאט א ריזיגן אוצר וואס זיי האבן געהאט צונויפגעקליבן פון די רויב פון די מלחמה, און ער האט נאך אויסער דעם רויב אויך געהאט אנדערע ריזיגע אומשאצבארע אוצרות, ווייל אין די צייט וואס זיי זענען ארומגעקראכן איבער ירושלים, האבן זיי באוויזן צו אנדעקן געוואלדיגע אוצרות פון גאלד און זילבער וואס די אידן האבן באהאלטן אונטער די ערד אין די צייט פון די באלאגערונג, און זיי האבן דאס באוויזן צו טרעפן דורכדעם וואס זיי האבן געפייניגט די געפאנגענע אידן מיט שווערע יסורים, ביז ווען זיי האבן ארויס געגעבן ווי עס ליגן די מטמוניות.

דער מעמד איז געפראוועט געווארן מיט גרויס פייערליכקייט און מאמענטום, טיטוס איז אראפ געגאנגען פון די בימה בשעת ווען די רוימי'שע סאלדאטן שרייען און יובל'ען

מיט גרויס עקסטאז, און ער האט מקריב געווען די קרבנות פון נצחון צו די רוימי'שע עבודה זרות, און ער האט דארט געפראוועט א סעודה וואס האט זיך געצויגן פאר דריי טעג, ער מיט אלע זיינע שרי צבא, וואס האבן געגעסן און געטרינקען, און זיך אנגע'שיכור'ט בשעת ווען זיי הערן נישט אויף צו שיטן קללות און אומריינע ווערטער אויפן הר ציון ששמם, מיט גרויס נידריגקייט און פראסטקייט.

טיטוס האט דאן אוועק געשיקט אלע סאלדאטן פונעם גוי'אישן מיליטער, וואס זענען צוריק געגאנגען צו זייערע מדינות, און ער האט איבערגעלאזט ביי זיך צוויי אפטיילונגען פון סאלדאטן און זיי האט ער געלאזט אז זיי זאלן זיין דער וואך אויף די פולע מאסן געפאנגענע אידן פון ירושלים, ווייל וויבאלד עס איז יעצט געווען אין די ווינטער חדשים האט ער זיך נאכנישט געטרויעט זיי צו נעמען מיט די שיפן קיין רוים, ווייל עס איז געווען א סכנה אין די צייטן צו פארן אויפן גרויסן ים.

צווישן די געפאנגענע וואס ער האט געמאכט איז געווען יוחנן הגלילי, דער ראש הבריונים, ווען די רוימיים האבן זיך איינגעבראכן אויפן הר הבית, האט ער זיך באהאלטן אין די טונעלן, און ער האט זיך געפייניגט מיט שווערן הונגער, ער מיט זיין גרופע מענטשן וואס זענען געווען מיט איהם, זיין מצב איז געווען אזוי שווער אז פון גרויס פיין איז ער ארויף געגאנגען פון זיין באהעלטעניש כדי צו שנארן א שטיקל ברויט פון די רוימיים.

ולאום מלאום יאמץ

ולאום מלאום יאמץ, לא נתמלאה צורה אלא מחורבנה של ירושלים.

חכמינו ז"ל זאגן שוין אז צור מיט ירושלים זענען אלס געווען אויף די צווייטע זייט פונעם וואגשאל. און יעצט ווען טיטוס הרשע האט שוין ענדליך געגרייכט זיין ציהל און ער האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש און ירושלים עיר הקודש, איז געווען זייער ערשטע ציהל צו גיין קיין צור. צו די שטאט קסרי וואס איז געשטאנען ביי די ים בארטענעס, און ער האט מיטגענומען מיט זיך דארט די ריזיגע אוצרות וואס ער האט גענומען פון ירושלים און ער האט דאס דארט באהאלטן.

צוזאמען מיט זיך האט ער מיטגענומען צענדליגער טויזנטער געפאנגענע אידן פון ירושלים, וואס ער האט גענומען צו פארקויפן פאר קנעכט, און זיי צו דערנידערן און פארשעמען אויף א שטארקן אופן. די אידן וואס טיטוס האט מיטגעבערענגט מיט זיך צווישן די גוי'אישע פעלקער, זענען טאקע אויסגעשטאנען ביטערע שווערע בזיונות און נידערלאגעס, צווישן אלע פעלקער וואו זיי זענען אנגעקומען האט מען זיי מבזה געווען און געטשעפעט און פארשעמט אויף יעדן אופן וואס איז נאר מעגליך געווען.

טיטוס האט ארויס געצייגט א באזונדערע שטארקע אכזריות קעגן די יונגע בחורים פון צווישן די אידן, און די אנדערע פעסטע אנשי מלחמה, און ער האט אויף זיי

אויסגעגעבן זיין גאנצער כעס. עס זענען געווען צווישן זיי אסאך וואס ער האט שוין גע'הרג'עט אויף זייער א מיאוס'ן וועג אין ירושלים, אנדערע האט ער דוקא יא געלאזטביים לעבן ווייל ער האט זיי געוואלט קענען שטארקער שענדען און פארשעמען.

ווען ער איז ארומגעגאנגען פון שטאט צו שטאט מיט די געפאנגענע, האט ער זיי דוקא ארויס געשטעלט פאר די גוים אויף דעם אופן אז מ'זאל קענען טשעפענען און פארשעמען די אידן, אבער עס איז נאך געווען סך מער ווי דאס, טיטוס האט מיט זיין 'גוטהארציגקייט' געשאנקען די אידן פאר יעדן שמוציגן גוי וואס האט געזוכט עפעס צוווארפן פאר זיינע חיות טורפות, און די אידן זענען אריבער געגאנגען שווערע בזיונות, השפלות, און רציחות. עס איז מקוים געווארן דער פסוק "תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות".

טיטוס האט נאכנישט געקענט קומען צו זיך פון גרויס גליק פון זיין שטארקן זיג איז ער געפארן קיין קסרי, און דארט האט ער געלאזט אפרעכטן א ווילדן שפיל ביי וועלכן עס זענען צוזאמען געקומען טויזנטער גוים זיך אונטערצוהאלטן אויף א שרעקליכן רציחה שפיל וואס די געפאנגענע אידן האבן געדארפט זיין דערביי די הויפט שפילער, און דארט זענען אויך גע'הרג'עט געווארן מיט גרויס רציחה אסאך פון די געפאנגענע אידן. אסאך זענען פארצוקט געווארן אין די נעגל פון די חיות טורפות מיט וועמען זיי האבן זיך דארט געדארפט פארמעסטן און שלאגן, און ווי פארשטענדליך די אידן וואס האבן זיך קיינמאל נישט געלערנט אויף אזעלכע געמיינע זאכן, האבן אוודאי זיך נישט געקענט שלאגן מיט חיות און זיי זענען דארט נעבעך אומגעקומען אויף שרעקליכע אופנים.

טיטוס פאנגט דעם ראש הבריונים

בשעת ווען טיטוס איז געווען דארט אין קסרי, איז צו אים אנגעקומען די בשורה וואס האט אים געמאכט זייער גוט אויפן הארצן, אז עס איז געלונגען פאר זיינע סאלדאטן צו פאנגען שמעון בן גיורא.

בשעת ווען מען האט באלאגערט ירושלים האט זיך שמעון בן גיורא געפונען אינעם אויבערשטן טייל פון די שטאט ירושלים, און בשעת ווען די רוימיים האבן אויפגעבראכן די חומה זענען זיי אריינגעקומען אין די שטאט כדי איר חרוב צו מאכן, האט זיך שמעון בן גיורא שנעלן צונויפגעקליבן מיט זיינע נאנטע חברים, זיי האבן מיטגענומען מיט זיך כלי זיין און אייזערנע כלים וואס זיי האבן געדארפט האבן פאר זייער ארבעט, און זיי האבן אויך מיטגענומען עסן וואס זאל זיי קלעקן פאר אסאך טעג, ווייל זיי האבן נאך געהאפט אז דאס איז א צייטווייליגע איבערגאנג, און זיי וועלן דאס אויך איבערקומען און זיך נאך קענען שטארקער איבער די רוימיים.

זיי זענען דעמאלטס אראפ געגאנגען אין אונטער ערדישע טונעלן, און זיי האבן געהאט פלענער מיט זייערע כלים צו בויען א טיפן טונעל וואס זאל ווערן גרעסער און ברייטער אונטער דער ערד, און עס זאל זיך ציען ביז ווייט ארויס פון ירושלים, און זיי זאלן קענען אנקומען אינדערויסן פון די פעלדער פון ירושלים.

אבער זיי האבן נישט געקענט געהעריג אויספירן זייערע פלענער, און זיי האבן געהאט א שטארקן דורכפאל, ווייל זיי האבן דאך נישט געקענט וויסן פון פאראויס וואס פארא ארבעט עסווארט זיי אפ ווען זיי ווילן אין די ערדישע טונעלן, און הערשט ווען זיי האבן זיך געוואלט נעמען צו די עבודה האבן זיי געזעהן ווי עס איז א ערד פול מיט פעלזן שטיינער, און זיי האבן געהאט א ביטער שווערע הארעוואניע וואס זיי האבן נישט געקענט אויספירן, זיי האבן זיך נאר געקענט רירן צוביסלעך, צוביסלעך.

זיי האבן שוין דעמאלטס געזעהן און פארשטאנען אז זיי וועלן דא מוזן פארברענגען א לענגערע צייט, סך לענגער ווי זיי האבן געטראכט פון פריער, האבן זיי געמוזט אנהייבן צו שפארן פון דאס ברויט וואס זיי האבן זיך געהאט מיט געברענגט, און דאס האט זיי נישט צופיל געהאלפן ווייל עס איז געווארן אלס ווייניגער, און זיי האבן געזעהן ווי דאס עסן גייט זיי אויס, און זיי האבן געמוזט טרעפן א וועג אז זיי זאלן קענען אנגיין ווייטער, און איבערלעבן די שווערע סיטואציע.

שמעון האט געטראכט פון א פרישע אינטריגע, א געדאנק אז ער זאל קענען פארנארן די רוימיים, אזוי ווי זיי פלעגן דאך טון כסדר אין די נישט ווייטע פארגאנגענהייט, און זיי האבן דעמאלטס באוויזן אומצאליגע געלונגענע נצחונות.

שמעון האט זיך באקליידעט מיט ווייסע הויזן, מכנסי בד, און ער האט אנגעטון א מעיל ארגמן, און ער איז ארויף געגאנגען אויפן פלאץ פונעם חרוב געווארענעם בית המקדש, און די רוימיים זענען געבליבן שטייט פארגאפט און שאקירט זעהנדיג די מחזה.

זיי האבן זיך אבער שנעל צונויף געקליבן און זיי האבן אים געכאפט און געברענגט צו טרנסרופוס וואס ער איז געווען זייער גענעראל, און זיי האבן געקוקט ווער עס איז דער פארשוין.

עס האט נישט לאנג גענומען און זיי זענען געוואויר געווארן אז זיי האבן געכאפט א געוואלדיגע מציאה, און דאס איז זייער שונא שמעון, וואס ער איז געווען פון די מערסטע געזוכטע מענטשן אויף וועמען זיי האבן געלאקערט, זייענדיג דער ריש בריוני.

זיי האבן אים געשמידעט אין קייטן, און זיך געגרייט אויסצופירן אויף אים זיין גזר דין.

דא האט זיך ארויסגעשטעלט דער געמיינער פרצוף פון די בריונים, וואס זיי זענען געווען די וואס האבן ביז היינט געהעצט דעם פאלק נישט צו פאלגן די חכמים, און זיך נישט אונטער געבן פאר די רוימיים, נאר ווייטער אנגיין מיט די מלחמה אפילו ווען מען

האט געזעהן אז דער קאמף איז פארלוירן, און דאס האט שוין גורם געווען אומצאליגע צרות און שלעכטס פאר כלל ישראל, און אפילו שוין יעצט ווען מ'האט שוין געהאלטן נאכן חורבן האט ער נישט געהאלטן ביים אויפגעבן און מוותר זיין און ער איז נאך גרייט געווען ביי די ערשטע מעגליכקייט ווייטער זיך צו שלאגן.

אבער יעצט איינמאל זיי האבן אים געכאפט און ער אליין איז געפאלן אלס קרבן האט ער זיך ומיד געבראכן, און ער האט אויסגעזאגט פאר די רוימיים די באהעלטעניש פלעצער וואו טויזענטער אידן זענען נאך געווען באהאלטן, און אזוי זענען די רוימיים געקומען צו לויפן און אויפגעדעקט די אלע פלעצער און זיי האבן געטראפן די אידן וואס האבן נאך געוואלט האפן אז זיי וועלן באווייזן דאס דורכצומאכן און איבערלעבן, און ווי פארשטענדליך האט מען נישט געקענט ערווארטן קיין גרויס רחמנות פון די רוימיים וואס האבן זיך ארויסגעווארפן אויף די אידן בחמת זעם, און נישט געקענט גענוג שטילן זייער דארשט מיט נאך אידיש בלוט.

דער פארטערטער און בוגד בעצמו שמעון בר גיורא האבן זיי אבער אויך נישט געלאזט פריי, ער איז געווען א גוט ביינדל, און צו זאגן וואס מען זאל טון מיט איהם, דאס האט נאר געקענט זאגן דער שר טיטוס בכבודו ובעצמו אליין.

האבן זיי אים אראפ געפירט קיין קיסרין ווי טיטוס איז אינצווישן צוריק געקומען אהין, און טיטוס האט געהייסן אז מ'מוז אים האלטן צום גרויסן פייערונג אין רוימי, ווי ער וועט זיין דער שענסטער געשאנק וואס קען אהיים ברענגען לעבעדיגערהייט און מ'וועט אים שוין דארט דן זיין.

טיטוס האט אויף קיין מינוט נישט אויפגעהערט צו טשעפענען און באליידיגן די געפאנגענע אידן אן קיין שום רחמנות. ער האט זייענדיג דארט אין קיסרין געפראוועט א געבורטאג סעודה לכבוד זיין ברודער דומיטינויס, און לכבוד די סעודה האט ער געמאכט א ריי מיט רציחה'דיגע שפילן און אכזריות'דיגע אונטערהאלטונגען, וואס בסך הכל האט די סעודה אפגעקאסט דאס לעבן פון צוויי טויזענט מיט פינף הונדערט אידישע קינדער...

טייל פון זיי זענען אומגעקומען בשעת ווען זעיי זענען געהרג'עט געווארן שלאגנדיג זיך מיט חיות, און אנדערע בשעת ווען זיי זענען פארברענט געווארן אין די שייטער הויפנס וואס זיי האבן דארט אויפגעשטעלט געווארן, און איינע פון די שענסטע און פרייליכסטע מאמענטן פון אונטערהאלטונג ביי די געמיינע גוים געווען ווען זיי האבן געמאכט א שפיל און זי אידן האבן גדארפט קעמפפן איינער קעגן דעם צווייטן מיט שווערדן, און זיי האבן זיך נעבעך גע'הרג'עט איינער דעם צווייטן, און בשעת ווען עס האט זיך געגאסן דאס בלוט האבן די מאסן געשאלט און גע'יובל'ט מיט גרויס שמחה און עקסטאז.

אויף דעם זעלבן פארנעם האט ער אויך געפראוועט דעם געבוירטסטאג פון זיין טאטן, ער האט זיך געלאזט קאסטן גרויסע געלטער פאר די סעודות, געלט און גאלד האט ער דאך געהאט ווי וואסער טאקע פון די געפאנגענע אידן, און אזוי האט ער צונויפגעזאמלט טויזנטער גוים, און דער הויכפונקט פון דעם פייערליכן מעמד איז געווען דאס אידיש בלוט וואס האט זיך דארט ליידער געגאסן.

אזוי איז אויסגעקומען אז פאר א היבשע צייט האט טיטוס אונטערגעהאלטן און משמח געווען די טויזנטער גוים וואס האבן געוואוינט אין די שטעט ארום ירושלים, מיט דעם וואס זיי האבן לעבעדיג מיטהאלטן שרעקליכע סצענעס ווי אזוי דם ישראל נשפך כמים.

טיטוס האט זיך נאך דערווייל נישט געיאגט אהיים צו פארן, ער איז געבליבן אויף א שטיק צייט אין בארות, און ער האט דארט פארברענגט.

אידן אין אנדערע מדינות פאלן קרבנות

טיטוס האט א לענגערע צייט פארברענגט אין בארות, און ער האט זיין מיליטער געפירט אויפן וועג אהיים דורך סוריא, און איבער אלע שטעט אין סוריע וואו ער איז נאר אריבער געגאנגען האט ער געגעבן א געלעגנהייט פאר די גוי'אישע איינוואוינער אז זיי זאלן אויך זיך קענען אונטערהאלטן אויפן חשבון פון די אומגליקליכע געפאנגענע אידן וואס ער האט געטראגן מיט זיך.

ער האט זיך געלאזט קאסטן גרויסע געלטער צו קענען אפרעכטן גרויסארטיגע סעודות און פארוויילונגען, ווי איבעראל זענען נעבעך די געפאנגענע אידן אויסגענוצט געווארן צו זיין די הויפט שפילער פאר זיינע אונטערהאלטונגען, וואס דאס אלעס האט זיך ליידער געענדיגט מיט זייער טראגישן טויט פאר די אויגן פון טויזנטער גוים, וואס זענען געשטאנען און מיט הנאה און פארגענידגן צוגעקוקט ווי אידן ווערן נעבעך צופליקט דורך פארצוקענדע חיות, און אזעלכע בלוטיגע בילדער, דאס האט זיי משמח געווען און דאס איז געווען זייער גרעסטע נקמה אין די אידן ווען זיי האבן אזוי שטארק פיינט געהאט.

עס איז אומבאגרייפליך ווי די שנאה וואס די רומיים האבן געהאט צו די אידן האט נישט געהאט קיין גרעניץ, און אנשטאט וואס נאכדעם וואס זיי האבן שוין געהאט א נצחון אין די אידן, און זיי אונטערגעבויגן אונטער זיך, גע'הרג'עט אזויפיל טויזנטער אידן, און חרוב געמאכט דעם ביהמ"ק, חרוב געמאכט ירושלים, זאלן זיי זיך בארוהיגן, און זיי זאלן שטילן זייער דארשט צו אידיש בלוט, האט מען געזעהן גענוי דאס פארקערטע, ווי זייער שנאה וואקסט גאר און ווי זיי זענען נישט גרייט מוותר צו זיין אפילו אויף איין איד לאזן לעבן, און מיט א חמת זעם האבן זיי געלאקערט אויף יעדעס איינציג אידיש נפש וואס האט זיך מעגליך אויסבאהאלטן פון זיי.

די שנאה וואס איז געווען פון די רוימיים צו די אידן, האט זיך אויך אריבער געכאפט צו די אלע ארומיגע מדינות. אפילו אזעלכע וואס ביז היינט האבן זיי זיך נישט געציילט צווישן די שונאי ישראל, האט מען יעצט געזעהן ווי אויך צווישן זיי וואקסט זייער שטארק די פיינטשאפט צו אידן, און ווי גרויס עס איז זייער שמחה צו זעהן די אידן בשפלותם, און זיי זענען געווען גלייכע שותפים צו די שמחה ווען מען האט די אידן פארשעמט און גע׳הרג׳עט אין זייערע לענדער.

דער כבוד פון דעם הייליגן פאלק וואס איז געווען די שענסטע צווישן אלע פעלקער, דאס פאלק וואס יעדער האט ארויפגעקוקט און געשעצט וואוסנדיג אז דאס איז דער אויסגעקליבן פאלק וואס דער אייבערשטער האט זיי אויסגעקליבן פאר זיך, דאס איז דער פאלק וואס דער אייבערשטער רוהט צווישן זיי, דאס איז דער פאלק וואס איז קלוגער און מער געלערנט ווי אלע אומות העולם כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, דאס פאלק וואס אלע מלכי אומות העולם האבן געשיקט קרבנות צום בית המקדש, און עס איז פאר יעדן געווען דער גרעסטער כבוד זיך צו קענען אידענטיפיצירן מיט דאס פאלק און ווייזן אז עס איז דא א שייכות צווישן זיי מיט די אידן, איז ליידער יעצט געווען פארקערט, ווען יעדער האט זיי אראפגעקוקט, און יעדער האט זיך געפריידט מיט איר דורכפאל און שפלות.

ווען די אנשי אנטיוכא האבן געזעהן דאס שפלות פון די אידן, האבן זיי זיך אליין ערלויבט צו מאכן אקציעס אויפן חשבון פון די אידן, וואוסנדיג אז קיינער וועט נישט פאדערן זייער בלוט, און קיינער וועט זיך נישט אננעמען פאר זייערע רעכטן.

האבן זיי גענומען די אלע אידן וואס האבן געוואוינט צווישן זיי, כאטש זיי האבן נישט געהאט קיין שייכות מיט די אלע זאכן וואס זענען פארגעקומען אין ירושלים, איז אבער יעדער איד געווען אינעם זעלבן פעקל, און זיי האבן אנגעהויבן צו פייניגן און אונטערדרוקן די אידן אויף א שטארקן פארנעם, ביז ווען זיי האבן אויסגע׳הרג׳עט אסאך אידן אן קיין שום סיבה, נאר כדאי צו קענען אויסגעבן זייער אינערליכע פארביסענע שנאה וואס זיי האבן געהאט קעגן די אידן.

״אראלים צעקו חוצה, מלאכי רחמים מר יבכיון״ די מלאכי שלום האבן ביטערליך געוויינט אויפן חורבן פון ערשטן בית המקדש און אויפן חורבן פונעם צווייטן בית המקדש, און אויף די אידישע קינדער וואס זענען נעבעך פארטריבן געווארן פון זייער שטעט ווי זיי האבן געוואוינט.

אדער ווי חכמינו ז״ל דרש׳ענען אז דאס געוויין פון די מלאכים איז געווען אויף דעם ביטול תורה וואס האט פאסירט צוליב דעם וואס אידישע קינדער זענען פארטריבן געווארן אין גלות.

אין יענע ביטערע צייטן איז ליידער מקוים געווארן דער פסוק וואס מיר קלאגן אין איכה "נהפכה נחלתינו לזרים בתינו לנכרים", דאס איז איינע פון די ארגסטע קללות אין די תוכחה, ווען נאך די אלע צרות, און נאך די אלע ביטערע מיטמאכענישן וואס מ'ליידט פון די גוים, און זיי פארטרייבן אונז פון אונזערע הייזער מיט ביטערע הריגות, ווערן נאך די רשעים אליין אונזערע יורשים און זיי נעמען נאך איבער אונזערע הייזער און אונזער גאנצע האב אין גוטס.

טיטוס גייט אהיים...

די רוימיים האבן זיך אויסגעשפרייט איבער גאנץ ארץ ישראל און זיי האבן איבעראל געלייגט די האנט און דאס גענומען פאר זיך. דריי פעסטונגען זענען געווען אין גאנצן לאנד, וואס אויף דעם האבן זיך נאך די רוימיים נישט משתלט געווען, נאר די פארבליבענע אידן וואס זענען געבליבן נאך די אלע צרות אין ארץ ישראל האבן אנגעהאלטן אויף דעם קאנטראל. דאס זענען געווען די פעסטונגען הורדיון, מכיר, און מצדה.

באמת, איז דאס געווען אומאיינגענעם פאר די רוימיים אז עס זענען געבליבן דריי פעסטונגען ווי די אידן האבן זיך געהאט גרופירט און די רוימיים האבן דאס נישט איינגענומען, דאס איז געווען ווי א שטיקל לאך און זייער ערגענצונג פונעם זיג. אבער טיטוס האט זיך שוין נישט געוואלט באפאסן דערמיט, ווייל זיין קאפ איז שוין יעצט נאר געלעגן ביי זיין זיג, און ער איז נאר געווען פארנומען מיטן אויסארבעטן זיינע פלענער איבער דעם גרויסן "חג הנצחון" וואס וועט אפגעהאלטן ווערן אין רוימי ווען ער וועט זיך אומקערן אהיים, נאכדעם וואס ער האט געענדיגט זיין לאנגע שווערע מיסיע מיט ערפאלג.

ווי שוין דערמאנט אין איינע פון די פריערדיגע קאפיטלען איז די מלחמה אנגעהויבן געווארן דורך אספינוס קיסר, דער טאטע פון טיטוס הרשע, נאר אינמיטן די מלחמה האט ער געדארפט אהיימפארן איבער נעמען די מלוכה טראן, און דאן איז זיין זון טיטוס געקומען אויף זיין ארט, און ער האט ווייטער ממשיך געווען די מלחמה אויף זיין טאטנס ארט.

במשך די צייט האט טיטוס געמוזט אויסווארטן מיט געדולד אז ער זאל באקומען די גענויע באריכטן פונעם מצב אין רוים, און ווי אזוי זיין טאטע האט איבערגענומען דאס קסרות, צי דאס איז מיט הצלחה אדער מיט שווערע מלחמות, און ווען עס איז אים אנגעקומען דער צופרידענער באריכט, אז אספינוס קיסר האט שוין די מלוכה גוט אין די האנט, און יעדער האט אים ליב און מען איז שטארק צופרידן פון אים, אלע בייגן זיך דעם קאפ פאר אים, און אלעס גייט צו מיטן שטארקסטן סוקסעס, האט ער פארשטאנען אז עס איז די ריכטיגע צייט אז ער זאל זיך צוריק קערן אהיים, און זיין יעצטיגע נצחון

המלחמה, וועט זיין זייער אין די צייט און אין פלאץ, פאר זיין טאטנס פערזענליכקייט און עס וועט אים פול צוגעבן צו זיין סוקסעספולקייט און רום.

טיטוס האט ארויסגעגעבן דעם באפעל אז מען הייבט אן צו גיין אויפן וועג אהיים קיין רוימי.

דער וועג האט מען אנגעהויבן דורך אלכסנדריה של מצרים, ער האט מיט זיך געהאט א גרויסע ארמיי מיט סאלדאטן, און זיי זענען געווען זייער שווער אנגעלאדענט מיטן טייערן רויב וואס זיי האבן בארויבט אין ירושלים, און צווישן די טייערסטע זאכן וואס זיי האבן געהאט אינעם רויב איז געווען די צוויי ראשי הבריונים, שמעון בר גיורא און יוחנן הגלילי. אויסער דעם האבן זיי מיטגענומען זעכצן טויזענט אידישע געפאנגענע קיין רוימי.

חירף וגידף כלפי מעלה

דער רשע, דער כופר, וועלכער האט דאך אויך געוואוסט דעם אמת אז ביז אין יענע מינוט וואס דער רבש"ע האט מחליט געווען איבערצוגעבן ירושלים אין זיינע הענט האט ער דאס נישט געקענט בייקומען, האט אבער דאך געברענגט אין אים זיין שרעקליכע כעס און כפירה, האט ער גענומען דעם הייליגן פרכת און ער האט דאס געמאכט ווי א גרויסן קארב וואס מ'נוצט ארייצוגיסן דערין ווייך, און ער האט גענומען אלע כלים פון בית המקדש וואס ער האט אוועק גערויבט, און ער האט עס דארט ארייגעלייגט, און ער האט דאס גענומען מיט דעם אויפן שיף, ווען זיין גאנצער ציהל און חלום איז אז ער זאל אנקומען קיין רוימי, און דארט וועט ער לויפן זיך גיין בארימען און אויפטון מיט די אלע גרויסע רויב ווי אזוי ער האט זיך משתלט געווען אויפן ביהמ"ק און געקענט ערווערבן די הייליגע כלים.

זייענדיג אויפן שיף אינמיטן וועג ווען ער איז געווען ביי זיך אזוי גרויס און שטאלץ, און ער האט זיך געלאזט פיסקעווען איבעריגע ווערטער כלפי מעלה, איז פלוצלונג געקומען א גרויסע נחשול, א וואל פון ים, און האט אים געוואלט דערטרונקען אין וואסער.

האט זיך דער כופר אנגערופן מיט חוצפה "איך מיין אז דער באשעפער פון די אידן האט נישט קיין כח נאר איבערן וואסער, ווען פרעה איז געקומען קעגן די אידן האט ער אים דערטרונקען אין וואסער, סיסרא האט ער דערטרונקען אין נחל קישון, און יעצט ווען ער וויל מיך אונטערברענגען איז דאס אויך נאר אין וואסער, ווייל נאר דאס זענען זיינע מעגליכקייטן".

"האט דער רשע ווייטער געזאגט "אויב איז דער באשעפער פון די אידן א גיבור, וויל איך אז ער זאל קומען אויף די יבשה און דארט זאל ער פירן מיט מיר א מלחמה".

איז ארויס געקומען א בת קול פון הימל און אויסגערופן:

"רשע בן רשע, בן בנו של עשו הרשע! דו מיינסט אז דער רבש"ע האט א פראבלעם זיך צו קענען מיט דיר פארמעסטן אויפן ים אדער אויף די יבשה, איז האב א קליינע בריה אויף די וועלט, און איר נאמען איז יתוש, א פליגעלע, גיי ארויף אויף די יבשה, און דארט וועסטו פירן א מלחמה מיט דעם קליינעם פליג".

ווי נאר טיטוס הרשע איז אנגעקומען אויף די יבשה איז געקומען דער יתוש אים מקבל פנים זיין, עס איז אריינגעפלויגן אין זיין נאז, און במשך זיבן יאר האט דאס פליגעלע דארט שפאצירט ווי ביים פאטער אין וויינגארטן, דאס פליגעלע האט אין ניטאמאל קראנק געמאכט, נישט געטשעפעט זיין מח, נאר נערוויִרט און געטשעפעט, און טיטוס האט נישט געוואוסט וואס מען קען טון ווי אזוי פטור צו ווערן פון דאס פליגעלע, און ווי אזוי מ'ספראוועט זיך מיט אזא פראבלעם.

אין איינע פון די טעג איז ער אריבער געגאנגען א שמידערײַ, און א שמידער איז געזעסן און געהאקט דאס אזיין מיט א גרויסן האמער, און הערנדיג דאס גרויסע רעש וואס דער האמער האט געמאכט האט זיך די פליגל באַרוהיגט און אויפגעהערט צו בויערן אין זיין קאפ.

טיטוס האט דאס באמערקט האט ער זיך זייער געפריידט אז ער האט געטראפן א לעזונג צו זיין פראבלעם.

דער עונש פאר טיטוס פאר זיין כפירה

טיטוס האט מחליט געווען אז ער וועט יעדן טאג קומען אויף 'וויקאציע' ביים שמיד, און ער וועט אים באצאלן עקסטער אז ער זאל אים לאזן זיך אויסרועהן בשעת ווען ער וועט קלאפן מיט זיין האמער, וואס דעמאלטס איז די איינציגסטע מינוטן אין טאג ווען דער פליג וועט אים נישט פייניגן, און ער וועט קענען כאפן דאס אטעם.

ער האט נעבעך געדארפט ארום קלעטערן און זוכן שמידערס וואס זאלן גרייט זיין צו טון פאר אים די ארבעט, און אים פארגינען אזא וויקאציע... ווען א גוי'אישער שמיד האט געקלאפט פאר אים האט ער אים באצאלט פיר זוז.

ווען ער האט געטראפן א אידישער שמידער, האט ער אים געזאגט "פאר דיר דארף איך נישט באצאלן, עס איז פאר דיר גענוג באצאלט די הנאה און פארגעניגן ווען דו זעהסט ווי אזוי דיין שונא פייניגט זיך אזוי שטארק מיט יסורים".

אבער די לעזונג צום פראבלעם האט נישט אנגעהאלטן אויף לאנג.

דרייסיג טאג האט דאס אנגעהאלטן אז די פליג האט זיך דערשראקן און באַרוהיגט ווען זי האט געהערט דאס קלאפן מיטן האמער, אבער נאך דרייסיג טאג האט זי זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם קול, און עס האט שוין גארנישט געהאלפן. טיטוס האט זיך געקענט

ארום דרייען און זוכן אלע סארט קלעפ און קולות, אבער גארנישט האט שוין נישט געהאלפן, און ער האט זיך ווייטער ארומגעמוטשעט מיט די מאדנע אנשיקעניש פאר גאנצע זיבן יאר ביז צו זיין טויט, ווען ער איז געשטארבן מיט שווערע פיין און יסורים.

טיטוס איז געשטארבן אין יאר ג״א תתל״ו לפ״ק, זיבן יאר נאכן חורבן הבית, די רוימיים וואס האבן אלע געוואוסט איבער זיינע שווערע יסורים אין די לעצטע יארן, און זיי האבן געוואוסט ווי אזוי ער האט זיך געפייניגט זענען געווען זייער נייגעריג צו קענען די 'סחורה' וואס האט אים אזוי גע'רודפ'ט.

נאך זיין טויט האבן זיי געשפאלטן זיין מח און דארט האבן זיי געטראפן א פליג וואס איז שוין געווען גרויס ווי א טויב וואס איז אלט א יאר, און עס האט געוואויגן צוויי ליטרין.

דער רשע האט אין די לעצטע צייטן פון זיין לעבן נישט אויפגעגעבן זיין חירוף וגידוף, און זייענדיג פארפייניגט פון זיינע שווערע און ביטערע יסורים האט ער אנגעזאגט אז נאך זיין טויט זאל מען פארברענען זיין קערפער, און מ'זאל זיין אש פארשפרייטן איבער די זיבן ימ'ען פון די וועלט, זאגנדיג מיט זיין טריפה'נעם פיסק אז ער וויל מיט דעם ברענגען אז כביכול דער רבש״ע זאל אים נישט קענען טרעפן און מ'זאל אים נישט קענען שטעלן פארן דין ביים בי״ד של מעלה.

אט דער רשע איז געבליבן פארצייכנט ביי כלל ישראל לדורות עולם מיטן צונאמען "טיטוס הרשע".

דער קבלת פנים אין רוימי

לאמיר צוריק קומען צו אונזער שילדערונג ווי אזוי טיטוס הרשע מיט זיינע סאלדאטן און די געפאנגענע אידן, מיטן גרויסן רויב, זענען אנגעקומען אהיים קיין רוימי.

אין רוימי גופא האט מען שוין געווארט מיט שפאנונג אויף די גרויסע געסט, איבריג צו זאגן אז אין לויף פון די פארגאנגענע יארן האט די מלחמה איבער ארץ ישראל געצויגן די אינטערעסע אין רוימי, אין די צייט וואס זיי זענען געווען אזוי גרויס און שטארק און זיי האבן אפגעצייכענט אזעלכע סוקסעספולע מלחמות איבעראל איבער די וועלט, איז זיי די מלחמה אין ארץ ישראל געווען ווי א ביין אין האלז, וואס האט זיי פארשאפט נישט ווייניג בזיונות שעדנדיג זייער רעפוטאציע ווען זיי האבן נישט געקענט מנצח זיין. נאך דערצו ווען די אידן האבן זיי כסדר אונטערגעשטעלט שטיקלעך און שפיצלעך וואס האט זיי שטארק פארשעמט.

דעריבער יעצט ענדליך ווען עס איז שוין געקומען די 'גוטע בשורה' אז מ'האט געזיגט די מלחמה, און מ'ברענגט מיט אהיים אסאך געפאנגענע אידן, האט מען זיך גערישט אין רוים דאס אפצוצייכענען מיט די ריכטיגע פאראדע.

דער קיסר אליין, אספיינוס, דער גליקליכער טאטע פון טיטוס, וואס ער אליין האט דאך אנגעהויבן די מלחמה, איז בכבודו ובעצמו ארויס געגאנגען מקבל פנים זיין דעם זון, און טויזנטער רוימישע בירגער און פאטיאטיזירער זענען ארויסגעגאנגען צום קבלת פנים, און ביים פרי מארגן אויפגאנג און אפגעצייכנט געווארן דער חג הנצחון.

אין שפיץ פון די מארש וואס איז אפגערעכטן געווארן לכבוד דעם זיג, האבן געשפאנט אספיינוס מיט טיטוס,ביידע אנגעטון מיט בגדי ארגמן, און אנגעטון מיט הערליכע רוימישע קרוינען אויפן קאפ. און שווערע מאסן פון די רוימישע בירגער האבן געיובל'ט און געשאלט מיט גרויס שמחה איבער די גאסן פון די שטאט.

זיי האבן גע'שחט'ן אומצאליגכע בהמות פאר זייערע עבודות זרות, און די מיליטער האט דורכגעפירט באזונדערע מארשן לכבוד דעם זיג. און אין צענטער פון די פייערונגען איז צוגעגרייט געווארן א הויכע בימה וואס אויף דעם איז געווען צוגעשטעלט א הויכער טייערער שטול, פון טייערע עלעפאנט צאן געמאכט, און אויף דעם זענען געזעסן די צוויי מנצחי המלחמה, אספיינוס קיסר מיט זיין זון טיטוס, און אספיינוס האט פארגעליינט הויך אויפן קול א רוימישע תפלה, און פון דארט איז ער געגאנגען צום "שער הנצחון" 'פארטא טריאומפליס' אויף זייער שפראך.

פון די צווייטע זייט, זענען נעבעך די געפאנגענע אידן וואס זיי האבן מיטגעברענגט געווען שטארק פארשעמט און דערנידערט, און זיי זענען געווען ללעג ולקלס בזוי ומבוזה פאר די גאנצע וועלט.

ווען דער טריאומף מארש איז געגאנגען איבער די גאסן פון רוים האבן זיי ארויסגעברענגט זייערע אפגעטער, און אלע זייערע טייערע אוצרות, און נאך אנדערע טייערע שיינע קונסט ווערק וואס זיי האבן געהאט, גאלד און זילבער און יעדע סארט טייערע און ווערטפולע מאטריאל, און די געפאנגענע האבן געשפאנט אינדערמיט ווען זיי האלטן אין די האנט פארשידענע בילדער וואס די רוימיים האבן געמאלן פאר די מראות וואס זענען געווען ביי די מלחמות.

עס זענען געווען צווישן זיי די גרויסע בנינים אין ירושלים וואס זענען חרוב געווארן אין די מלחמה. הויכע טורעמעס און בארימטע שטעט פול מיט מענטשן וואס איז ארומגענומען מיט אויפגעבראכענעם מויער. בילדער ווי אידן אנטלויפן פון די רוימיים, און ווי אזוי אנדערע ווערן גענומען אין געפענגעניש. א שוידערליך בילד ווי אזוי די רוימישע מיליטער גיסט זיך אריין אריין אין די שטאט און זיי פירן דארט דורך א שחיטה צווישן די אידן, און איבער אלעם דאס שרעקליכע בילד ווי אזוי דאס הייליגע בית המקדש ברענט אין פייער.

צווישן אנדערע האבן די אידן געטראגן בילדער ווי אזוי מ'זעהט די הייזער וואס זענען איינגעפאלן, און האבן אונטער זיך באגראבן זייערע איינוואוינער. און ווי אזוי מ'זעהט די פארלוירענע אידן וואס לויפן ארום מיט אויפגעהויבענע הענט אין די הייך, און זיי בעטן זיך פאר רחמים. מ'זעהט ווי טייכן פון ארץ יהודה וואס גיסן זיך אין א פוסטן אויסגעטריקטן לאנד. און די בילדער וואו עס לאזן זיך ארויס די פולע שיפן מיט געפאנגענע אידן אויפן גרויסן ים.

אזוי האבן די רוימיים צוגעשטעלט א לאנגע ריי מיט בילדער פון די מלחמה איבער ירושלים, וואס האט אריינגעברענגט די טויזענטער צושויער אין עקסטאז אז זיי זאלן שפירן ווי זיי לעבן מיט מיט די אייגענע אויגן, און זיי נעמען א טייל אין דעם גרויסן נצחון המלחמה. און דאס האט געדארפט ווידער שטארקן און מחזק זיין זייער אמונה אין די רוימישע אבער-גלויבענוג אז זיי זענען די גרעסטע און די שטארקסטע מושלים איבער די וועלט און עס איז נישטא קיין מציאות אז מען זאל זיי קענען בייקומען.

ביי דעם גרויסן נצחון פייערונג האט מען צוזאמען גענומען די גאנצע רייכקייט און שיינקייט פון די רוימי'שע מלוכה, און אויך פון אנדערע מלוכות וואס זענען געווען אונטער טעניג אונטער רוים. רוים איז אין יענע צייט געווען ווי א פעלד וואס "יכרסמנה חזיר מעיר וזיז שדה ירענה", אזוי איז רוים אריבער געגאנגען צווישן אלע פעלקער און זי האט געביסן און געריסן פון אלעמען.

איבער דעם גאנצן מארש האט מען געזעהן ווי עס שפאנען זיבן הונדערט בחורי חמד וואס זענען געפאנגען געווארן בשבי ירושלים, וואס האבן אלעמען באוואונדערט מיט זייער הויך געשטעל און שיינעם אויסזעהן, טיטוס האט זיי פאראויס געשיקט פון אלכסנדרי' אז זיי זאלן קענען גיין אין שפיץ פונעם מארש, וואס דאס זאל צייגן וואס פארא גוטע קוואליטעט ער האט מיט זיך מיטגעברענגט פון די שבי ירושלים.

צוזאמען מיט זיי איז מיטגעגאנגען דער ריזיגער רויב און רייכקייט וואס די רשעים האבן בארויבט פון ירושלים עיה"ק, צווישן זיי זענען געווען אומצאליגע כלים פון בית המקדש וואס זענען געווען זייער הייליג און געהאלטן געווארן מיט די גרעסטע קדושה ביז היינט.

צווישן די איז געווען דער מכתשת של בית אבטינס, וואס איז נאך געווען פון די צייטן פון משה רבינו וואס מען האט מיט דעם צושטויסן די סממנים פארן קטרת, און דאס איז געווען געמאכט פון נחשת. דער שולחן הטהור, די הייליגע גאלדענע מנורה, און א ריזיגע צאל מיט גאר טייערע כלים פון בית המקדש וואס איז אריינגעפאלן אין זייערע הענט.

"ותפארתו ביד צר" זאגן חכמינו ז"ל אז זיי האבן אויך געלייגט די האנט אויפן הייליגן ציץ של טהור וואס איז געווען אויפן שטערן פונעם כהן גדול. ווי רבי אליעזר ב"ר יוסי האט מעיד געווען "אני ראיתי ברומי והי' כתוב עליו קודש לה' בשיטה אחת".

אויך דער הייליגער פרכת וואס איז געווען פארן קדשי קדשים מעשי חושב, ווי רבי אלעזר ב"ר יוסי איז מעיד דערויף "אני ראיתי את הפרוכת ברומי בבית הקיסר והיו עליה כמה טיפי דמים, ושאלתי ואמרו לי מדם פר ושעיר של יום הכיפורים שהיה כהן עושה (עי' יומא נ"ז ע"א, ועי' רש"י מעילה י"ז ע"ב).

און צום סוף האבן זיי געפירט די הייליגע ספר תורה וואס איז געווען אין בית המקדש און זיי האבן דאס מיטגענומען אינאיינעם מיטן גאנצן רויב וואס זיי האבן געבערענגט.

אונטער די גאנצע תהלוכה זענען געגאנגען א גרויסע צאל מענטשן וואס האבן געהאלטן אין די הענט טמא'נע געטשעקעס וואס האט געדארפט העלפן ארויסברענגען זייער זיג, אלעס איז געווען פון טייערע צאן און גאלד געמאכט.

צום סוף נאך די גאנצע תהלוכה איז געווען דער פראכטפולער רייטוואגן אין וועלכן עס איז געזעסן אספיינוס קיסר, מיט זיין זון טיטוס, וואס זענען געווען אנגעטון מיט בגדי נצחון, און אויף דעם זייערע טייערע צירונגען.

די פאראדע איז אזוי געגאנגען דעם גאנצן וועג ביז ווען זי איז אנגעקומען קעגן איבער דעם גרויסן רוימי'שע היכל 'קאפיטולי'. און דארט האט זיך יעדער אפגעשטעלט לויט ווי עס איז געווען די רוימי'שע מנהגים. עס האט געדארפט יעצט קומען א טראדיציאנאלע הכרזה וואס האט איינגעמאלדן פאר די פארזאמעלטע אז דער הויפט פון דעם מיליטער איז געשטארבן.

יעצט האבן זיי דאך געהאט אונטער זייער האנט איינעם פון די דריי פון די פירער פון די בריונים, שמעון בר גיורא, האט מען אים דא גענומען צו די תליה, די רוימי'שע מיליטער לייט האבן גענומען דעם תליה שטריק און דאס אנגעהויבן ארומצודרייען ארום דעם האלז פון שמעון בר גיורא, וואס ער האט די גאנצע צייט אויך געשפאנט מיט דעם מארש צוזאמען מיט די אנדערע טויזענטער געפאנגענע אידן.

דאן האט מען אים געשלעפט אויף א הויכע בימה, די רוימישע גוים וואס זענען געווען פארזמלט ארום האבן נישט געקענט איינהאלטן זייער שנאה און אויפן גאנצן וועג וואס מען האט אים געשלעפט האבן זיי אים געשטאכן און געריסן פון אים שטיקער פלייש ביז ווען ער איז געשטארבן מיט שווערע יסורים.

זיי האבן געוואלט זיך נוקם זיין אין אים די מאקסימום, דעריבער נאך איידער ער איז אפילו געווען טויט האבן זיי אים שוין אפגעהאקט דעם קאפ ווילנדיג אז זיין טויט זאל זיין מיט די גרעסטע יסורים און מיטן גרעסטן בזיון וואס עס איז נאר שייך.

דאן ווען שמעון איז גע'הרג'עט געווארן האבן די רוימיים אנגעהויבן צו שאלן און יובל'ען, און זייער שמחה איז געווען עד אין לשער וואס מען האט דאס געהערט ביז זייער וויט אוועק. עס איז געווען א מאמענט וואס די אלע אנגעוויטאגטע רומיים, וואס שוין אזויפיל יארן האבן זיי זיך אנגעזעטיגט מיט נישט גוטע שמועות פון די מלחמה אין ארץ ישראל, וואס האט גע'הרג'עט צענדליגער טויזענטער רוימישע סאלדאטן, און אנגעמאכט נישט וויניג ערענסטע בזיונות פאר די גרויסע רוימי'שע מלוכה, יעצט האבן זיי געשפירט דעם זיסן טעם פון נצחון ווען זיי האבן זיך אויסגעגעבן אויף שמעון בר גיורא, דער ראש הבריונים.

זיי האבן אים נישט פארגינען קיין מנוחה אויך נאכן טויט, און נאכדעם וואס זיי האבן געענדיגט שענדן און לעסטערן זיין קערפער האבן זיי געווארפן די שיריים פאר די הונט וואס האבן פון דעם געמאכט זייער מאלצייט.

יוחנן הגלילי, האבן זיי דעמאלטס פאר'משפט צו לעבענס לענגליכע תפיסה.

נאכדעם וואס מען האט געענדיגט מיט דעם טייל פון נקמה, האבן זיך אספיינוס מיט טיטוס מיט די גאנצע פארצעסיע געלאזט גיין ווייטער אין ריכטונג פונעם ארמון המלוכה, ווי עס איז געווען צוגעגרייט א גרויסע סעודה דשינה, וואו עס האבן זיך דארט אויך באטייליגט אסאך פון די הויכע שרי המלוכה און חשוב'ע פערזענליכקייטן. און אויך דער ברייטער המון עם וואס איז נישט געווען געלאדענט צו די סעודה מיטן קעניג, איז אבער יעדער געווען א טייל פון די שמחה, און זיי האבן זיך אלע געזעצט צו געגרייטע טישן אינדערהיים, און אלע האבן געפראוועט דעם גרויסן "חג הנצחון".

די רוימיים האבן זיך מיט דעם אלעם נאכנישט באגענוגענט, זייער תאוה פון נצחון איז געווען העכער אלע גרעניצן, און זיי האבן נאך אריינגעמישט ווי כאילו דא איז נאך דא אלטע חשבונות, אז יהודה בן יעקב האט גע'הרג'עט עשו, און עס ליגט א פליכט אויף די בני אדום נקמה צו נעמען די נקמה פון זייער זיידן. האבן די גוים אלע געזאגט "שישי ושמחי בת אדום".

זיי האבן אויפגעשטעלט אן אייביגער אנדענק אין רום, א "שער הנצחון" וואס שטייט נאך ביזן היינטיגן טאג אין רוימי, וואס איז געווען געמאכט פון גרויסע שטיינער, און אויף דעם איז געווען ארויפגעקריצט א בילד פון די מנורה פון בית המקדש, און א געשטאלט פון די געפאנגענע אידן וואס ווערן פארטריבן און פארפלאגט אין גלות, און זיי שלעפן מיט זיך די כלים די הייליגע כלים פון בית המקדש.

טיטוס האט די זעלבסע שער אויפגעשטעלט סיי אין רוים, און אויך אין די שטאט סלוניקי בשעת ווען ער איז דארט אריבער געגאנגען צוזאמען מיט די פארטריבענע אידן וואס זענען געגאנגען אין גלות.

דער מדרש דערציילט אז די תלמידים האבן געפרעגט רבי יוסי בן קיסמא ווען וועט משיח קומען? האט ער געזאגט איך האב מורא צו זאגן ווייל עטס וועטס פרעגן פון מיר א צייכן דערויף, האבן זיי געזאגט אז ניין, זיי וועלן נישט פרעגן קיין שום צייכן, האט ער זיי געענטפערט "ווען דער טויער פון די שטאט רוימי וועט איינפאלן און עס וועט צוריק אויפגעבויעט ווערן, עס וועט נאכאמאל איינפאלן און עס וועט אויפגעבויעט, ווערן און עס וועט נאכאמאל איינפאלן און מ'וועט נישט האבן קיין צייט דאס צוריק אויפבויען ביז ווען משיח וועט דא זיין.

האבן די תלמידים געפרעגט "רבינו, תן לנו אות, גיב אונז סיי וועלכן צייכן צו די ווערטער וואס דו האסט אונז יעצט געזאגט. האט ער זיי געזאגט "איר האט דאך מיר צוגעזאגט אז איר וועט נישט בעטן פון מיר קיין אות אויף די ווערטער". האבן זיך געבעטן אז דאך זאל ער מסכים זיין זיי צו געבן א אות אויף וואס זיינע ווערטער זענען באזירט, האט ער געזאגט "אויב אזוי זאל איבער געדרייט ווערן די וואסערן פון מערת פמיית", וואס דאס זענען די וואסערן פון וואס דער ירדן שטראמט פון דארט.

אין יענע מינוט זענען יענע וואסערן איבערגעדרייט געווארן אויף בלוט.

יוסף בן גוריון

אלע אידן האבן געליטן די שווערסטע צרות און שווערע פיין, זיי זענען גע'הרג'עט געווארן, און פארשעמט געווארן אויף די ארגסטע אופנים, איין איינציגער איד איז געווען וואס ער איז ארויס מיט רווח פון די גאנצע פרשה, קיינער האט אים נישט געטשעפעט און קיינער האט אים נישט באריהרט מיט קיין האר, נאר אדרבא, ער האט יעצט גענאסן פון א שטארקע כבוד און שעצונג אין רוים, דאס איז געווען יוסף בן גוריון הכהן, וואס ער האט דעפעקטירט צו די רוימיים אין די גאנץ ערשטע שטאפלען פון די מלחמה, און במשך די אלע יארן פון די מלחמה איז ער שוין געווען צוזאמען מיט די רוימיים, און ער האט ערליך אויסגעפאלגט אלעס וואס טיטוס האט אים געהייסן, און כסדר געוואלט העלפן די אידן אז זיי זאלן זיך אונטער געבן פאר די רוימיים.

יעצט האט ער באקומען שכרו משלם, די רוימיים האבן אים שיין באצאלט פאר זיין געטריישאפט און איבערגעגעבנהייט די גאנצע צייט, און דער קיסר אספיינוס אליין האט אים באצאלט פאר אלעם מיט א ברייטע האנט, און ער האט דאן געטוישט זיין נאמען צו א רוימי'שע שם כבוד, און פון דאן האט ער געהייסן "יוסיפון פלוביוס", און ער האט געהאט די געלעגענהייט צו שטיין צוזאמען מיט די רוימיים, און צוקוקן מיט די אויגן ווי אזוי די רוימיים פייערן זייער תהלכות הנצחון איבער די אידן, און ווי אזוי זיינע אידישע ברודער ווערן געפירט מיט די גרעסטע בזיונות, און די שווערע און ביטערע

דערנידערונגען, מיט שרעקליכע בזיונות, און ער האט דאס אפגעשריבן און געשילדערט מיט אלע פארבן לויט ווי ער האט דאס מיטגעלעבט מיט די אייגענע אויגן.

פון די אלע איבערלעבענישן וואס יוסיפון האט מיטגעהאלטן די אלע צייטן וואס ער האט געשפילט אזא אויפפאלענדע ראלע האט ער אפגעשריבן די עלטסטע היסטאריע ספרים פון די אידישע געשיכטע קדמוניות היהודים, מלחמת היהודים, נגד אפיון, און דער באקאנטער ספר "יוסיפון" ביי כלל ישראל.

די אוצרות פון בית המקדש

אספיינוס האט געדארפט קענען מסדר זיין דעם גרויסן רויב וואס מען האט אים געברענגט, האט ער געהייסן אז מ'זאל אויפבויען אין רוים א גרויסן היכל און דארט האט מען אריינגעברענגט די רויב וואס זיי האבן געהאט פון אלע פרעמדע פלעצער, די טייערע און שענסטע חפצים וואס זענען אריינגעקומען אונטער זיין רשות, צווישן די איז אויך געווען די טייערע כלים פון בית המקדש, וואס מען האט דארט אריינגעלייגט.

די ספר תורה מיטן הייליגן פרוכת האט ער אריינגעלייגט אינעם קעניגליכן פאלאץ, ער האט דאס געוואלט האלטן מיט זיך, און ער האט געהייסן אז מ'זאל דערויף אכטונג געבן מיט א זהירות יתירה.

מאז ועד היום הזה איז אנגענומען אז עס זענען געבליבן די אוצרות כלי חמדתינו ליגן אין עיר רוימי, וואו עס איז אנגענומען ליגט דאס באהאלטן בבית גנזיהם אינעם וואטיקאן, און כאטש עס איז שוין במשך די יארן געמאכט געווארן אומצאליגע פרובונגען צו קענען צוקומען צו די אוצרות און לייגן א האנט דערויף, האט מען פארט נישט מצליח געווען.

ווי עס איז משמע פון דברי חז"ל, זענען כלים פון בית המקדש געווען אין רוים לאנג נאכן חורבן בית המקדש. און עס שטייט אין אבות דרבי נתן (מא, יב) אַז די מנורה און דער ציץ "מונחין עדיין ברומי", זיי ליגן נאך אין רוים. דער אבות דרבי נתן איז געשריבן געווארן עטליכע הונדערט יאָר נאָכן חורבן בית שני.

מיר האבן שוין צוגעברענגט די גמרא דערציילט אין מסכת שבת (ס"ג, ע"ב), אז ר' אליעזר ב"ר יוסי האט געזאגט, אז ער האט געזען דעם ציץ, איינע פון די בגדי כהונה פונעם כהן גדול, אין רוים, "וכתוב עליו קודש לה' בשיטה אחת". די חכמים האלטן אַז די ווערטער "קודש לה'" זענען געשריבן אין צוויי שורות, אבער ר' אליעזר טענה'ט אז ער האט אליין געזען דעם ציץ אין רוים און עס שטייט געשריבן "קודש לה'" אין איין שורה.

פון דעם קומט אויס אז אויך היינט געפינען זיך די אוצרות פון דעם צווייטן בית המקדש אין רוים. אזוי איז טאקע אנגענומען אז אויך היינט געפינען זיך נאך די גע'גנב'עטע כלים פון בית-המקדש אוועקגעלייגט אין די באהעלטענישן אונטערן

וואטיקאן אין רוים. במשך די יארן זענען אויסגעוואקסן אסאך לעגענדעס, מעשיות און עפיזאדן ארום די כלומר'שטע באהאלטענע אומשאצבארע אוצרות אין וואטיקאן.

עס איז אבער אויך דא א מיינונג אז די כלים פון בית המקדש ליגן שוין לאנג נישט אין רוים. זיי געפינען זיך שוין צוריק אין ארץ-ישראל. צווישן די חוקרים איז דא א מיינונג אז ביי איינע פון די מהפיכות וואס איז געווען אין רוים מיט איבער 1500 יאר צוריק האט מען אוועק גענומען די אלע כלים פון רוים און זיי צוריק אנגעקומען קיין ארץ ישראל און באהאלטן געוואָרן אין מדבר יהודה, 12 קילאמעטער מזרח-צו פון בית-לחם.

עס איז כדאי צו וויסן וואס עס שרייבט רבינו מנחם המאירי (אין מסכת שבת סג, ב), אַז טראָץ דעם וואָס ר' אליעזר האט עדות געזאגט אַז ער האָט געזען דעם ציץ אין רוים, האבן די חכמים נישט געטוישט זייער מיינונג ווי דער ציץ האט אויסגעזען. איז דאך דערפון געדרונגען לכאורה, אַז די חכמים האָבן געהאַלטן אַז דער ציץ וואס ר' אליעזר האט געזען איז לאו דווקא געווען דער אמתער ציץ מיט וועלכע מ'האט זיך באַנוצט אין דעם בית המקדש.

ווידעראום. די מנורה וואָס איז אויסגעקריצט עד היום הזה אויפן שער טיטוס איז געמאכט געווארן אין אן אופן אז די רערן פון דער מנורה זענען רונדיג, כאטש אז סיי רש"י (תרומה כה, לב) און סיי דער רמב"ם (פירוש המשניות מנחות סוף פרק ג) האלטן אז זי איז געווען באלכסון. זעהן מיר פון דעם אז אונזערע רבי'ס האבן נישט אנגענומען די כלים פון רוימי אלס אזוי קראנט אז מ'זאל זיך אויף דעם סומך זיין אז אזוי האבן טאקע אויסגעזעהן די כלים פון ביהמ"ק.

אתה תקום תרחם ציון כי עת לחננה כי בא מועד

בס"ד

יארצייט

הרה"ק רבי יעקב יצחק ב"ר אברהם אליעזר הלוי זי"ע, (הורוויץ), בעל זאת זכרון, החוזה מלובלין.

תשעה באב – בשנת תקע"ה

לעילו נשמת אבי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה

ולעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר'
משה יהודה ע"ה

צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,
ביטע שיקט א מעסעדטש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער (646) 907-9119

תשעה באב – בשנת תקע"ה

הרה"ק רבי יעקב יצחק
ב"ר אברהם אליעזר הלוי זי"ע,
(הורוויץ)
בעל זאת זכרון, החוזה מלובלין

לזכות להצלחה

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.
חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.
צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.
מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.
לעילו נשמת אבי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה.
לעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח משה יהודה ע"ה.

יארצייט
זונטאג תשעה באב

הרה"ק רבי יעקב יצחק ב"ר אברהם אליעזר הלוי זי"ע, (הורוויץ), בעל זאת זכרון, החוזה מלובלין,

ער איז געבוירן אין שטאט טארניגראד, בשנת תק"ז,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי אברהם אליעזר הלוי הורוויץ מיוזעפאף זי"ע,
נכד הגה"ק בעל השל"ה הקדוש זי"ע,
ווערט דערציילט אז דעם נאמען הורוויץ האט די משפחה געגומען נאך די שטאט ווי זיי האבן געוואוינט אין אירופה מיטן נאמען "Horovic",

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת מאטיל ע"ה,
בת הרה"ק רבי יעקב קאפיל מליקאווע זי"ע, וואס איז געווען פון די גדולי תלמידים און פון די חבריא קדישא פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע,
וואס דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט זיך איינמאל אויסגעדריקט צו א אייניקל, אז אויב וואלט ער געווען א אייניקל פון רבי קאפיל דורך א זוהן, וואלט ער אנגעקומען צו אסאך א העכער מדרגה אין קדושה אין זיין לעבן,

ער איז געווען א איש אלקים קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען א בקי וחריף נפלא בכל התורה כולה, ער איז געווען מפורסם אלס בעל רוח הקודש אמתי, און א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, כל תעלומות וכל רז לא אניס לי', ער האט מיט זיינע הייליגע אויגן געזען מסוף העולם עד סוף העולם, ווען אידן זענען אריין געקומען צום צדיק, האט דער צדיק געקענט זעהן אויפן מענטש, זיין שורש נשמה און מעשים טובים ורעים, אבער ער איז געווען א עניו מאוד, און אייביג געזאגט אז ער איז גאר ווייט פון זיין א אמת'ע עובד השם,

איינמאל האט דער הייליגער חוזה מלובלין געזאגט פאר זיינע תלמידים, אפילו די גאנצע וועלט וועט מיר זאגן אז איך בין א צדיק, וועל איך נישט גלייבן, און אויב דער גרויסער באשעפער וועט מיר זאגן אז איך בין א צדיק, וועל איך גלייבן, אבער נאר אויף יענע רגע, אבער א רגע נאכדעם קען איך שוין זיין א רשע ח"ו,

אויף דעם זיידן רבי קאפיל זי"ע דערציילט מען, אז ער איז געווען א איש האמת און א צדיק וקדוש, ער האט געהאנדעלט מיטן פארקויפן בראנפען, און פון דעם האט ער געהאט פרנסה, און ער איז געווען באקאנט ביי יעדן אלס א מענטש וואס האט געטון מסחר מיט א מוראדיגע ערליכקייט, אויך האט ער גאר אסאך עוסק געווען בצדקה וחסד מיט די אידן אין זיין שטאט, גרויסע סכומים האט ער אוועק געגעבן פאר ארימעלייט און געהאלפן יעדן איד,

איינמאל האבן די גוים פון שטאט, וואס האבן זייער מקנה געווען דעם איד רבי קאפיל, אז ער געט אזוי פיל צדקה, און זיי האבן געהאלטן אז זיכער טוט דער איד עפעס שווינדל אז ער האט אזוי פיל געלט אוועק צו געבן, זענען די גוים אריבער צום פריץ פון שטאט, און אריין געגעבן א מסירה, אז דער איד גנב'ט פון די שטאט, און דערפאר האט ער אזוי פיל געלט,

דער פריץ וואס האט גאר גוט געקענט דעם רבי קאפיל, און געוויסט אז ער איז א ערליכער מענטש, האט אבער אפ געמאכט אז ער וועט אריבער גיין צו ר' קאפיל, און פארלייגן די טענות וואס מען האט אויף אים, און זעהן אויב דער ר' קאפיל קען אים ענטפערן פון ווי ער האט אזוי פיל געלט,

ווען דער פריץ איז אנגעקומען צו רבי קאפיל אינדערהיים, האט ר' קאפיל אים אויף גענומען מיט גרויס כבוד און זייער שיין מכבד געווען, און דער פריץ האט אזוי רעדענדיג מיט אים, געזאגט, די גוים רעדן זיך אפ אויף דיר אז די געסט אזוי פיל געלט פאר צדקה, איז פון ווי קומט צו דיר אזוי פיל געלט,

האט ר' קאפיל געבעטן דעם פריץ, אז ער זאל אריין קומען מיט אים אין זיין קעלער ווי ער האלט די ברוינפען, און ער ווייזט פארן פריץ דעם פאס ברוינפען, און בעט דעם פריץ אז ער זאל אפמעסטן די אלקעהאל אויב עס שטימט, און דער פריץ האט געזען אז עס שטימט,

דאן האט ר' קאפיל ארויס גענומען א האלבע קריגל ברוינפען, און דאס אריין געגאסן אין א אנדערן קריגל ווי עס איז געווען האלב וואסער, און דאן זאגט ער פארן פריץ, מעסט דעם אלקעהאל און זעהט אויב עס שטימט נאך אלץ, און ווי פארוואונדערט איז דער פריץ געווארן, אז אפילו נאכן צוזאמען מישן מיט וואסער, איז די ברוינפען געבליבן די זעלבע שטארק ווי בעפאר,

דאן האט ר' קאפיל געזאגט פארן פריץ, יעצט זעהסטו אז איך גנב'ע נישט פון קיינעם, נאר דער גרויסער באשעפער שיקט אריין א ברכה און מיינע סחורה, כדי איך זאל קענען טיילן צדקה מיט א ברייט האנט, דער פריץ איז ממש נתפעל געווארן פון די ערליכקייט פון ר' קאפיל, און ער האט אים אהין געגעבן דעם געשעפט במתנה.

אויך דערציילט מען, אז דער הייליגער חוזה מלובלין האט זיך אמאל אויסגעדריקט, פארוואס איז מען מקיים אלעס וואס ער הייסט בעולם העליון, ווייל מען האט אויסגערופן בעולם העליון אויפן חוזה מלובלין, "דרך ארץ, הלא הוא נכדו של רבי קאפיל",

דערציילט מען אז איינמאל אלס קינד, האט דער הייליגער חוזה זיך געטראפן מיט הרה"ק רבי ר' זושא

מאניפאלי זי"ע, און ר' זושא האט געזאגט פארן הייליגען חוזה, ביי מיר האסטו באקומען דעם "נפש און רוח", יעצט גיי צו מיין ברידער אלימלך, און ער וועט דיר געבן דעם, "נשמה",

ער איז אויף געוואקסן אינעם שטוב פון זיין הייליגען זיידע רבי קאפיל ליקאווער זי"ע און ער איז געווען א תלמיד פון הגה"ק רבי רבי משה הערש מייזליש אב"ד זאלקאווע זי"ע,

דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע איז געווען א תלמיד מובהק בתורת הנגלה פון הרה"ק רבי שמעלקא מניקלשבורג זי"ע, און דארט איז ער געווען פון די גרעסטע תלמידים ביי זיין רבין, ער איז שוין דאן געווען באוויסט מיט זיין גדלות בתורה, אבער מער איז ער געווען דאן באוויסט מיט זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה, ער האט דארט אין ניקלשבורג געלערנט מיט גדולים און צדיקים בדורו ובתוכם הרה"ק רבי שלמה מקשאנוב זי"ע,

אויך איז מקובל אז זיין הייליגע רבי מניקלשבורג זי"ע האט דעם תלמיד דעם הייליגער חוזה מלובלין געגעבן א תפקיד צו זיין א שומר, אז אויב ער זעהט אז די רבי פאר לערענט זיך און פארגעסט פון דביקות בשם, זאל ער אים דערמאנען, אבער דער הייליגער חוזה האט געזאגט, אז דאס איז קיינמאל נישט געשען, ווייל דער רבי ר' שמעלקא זי"ע האט קיינמאל נישט פארגעסן פונעם בורא עולם,

אויך האט ער געהאט א זכי' יעדן טאג צו זאגן ברכת התורה פארן רבין, און זיין הייליגע רבי האט נאך געזאגט אמן, ווען די תלמידים האבן געפרעגט דעם רבין ר' שמעלקא מניקלשבורג זי"ע, פארוואס נאר דעם תלמיד הערט ער אויס די ברכות יעדן טאג, האט די רבי ר' שמעלקא געזאגט בזה"ל, "על ברכותיו עונים אמן כל הפמליא של מעלה",

אויך האט דער הייליגער חוזה מלובלין געזאגט, אז ווען ער האט געלערנט ביי זיין רבין ר' שמעלקא מניקלשבורג זי"ע, ווען זיין רבי פלעגט לערנען זיין שיעור אין שולחן ערוך אורח חיים, האט ער דער חוזה מרגיש געווען א ריח גן עדן, אבער דער רבי פלעגט אייביג האלטן א פושקע בשמים אויפן טיש, כדי דאס צו באהאלטן פון די אנדערע תלמידים,

עס ווערט געברענגט פון צדיקים וקדושים בדורו, אז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, האט ביי די 12 יאר אלט זיך מקבל געווען, און איז פאר 7 יאר געגאנגען אויף די גאס ארומגעבינדן די אויגן, כדי ער זאל נישט ח"ו נכשל ווערן מיט קיין ראי' אסירה, און דערפאר האט ער זוכה געווען צו זיינע הייליגע אויגן, וואס האט אלעס געזען, און דערפאר האט מען אים א נאמען געגעבן "דער הייליגער חוזה מלובלין" ווייל דער נאמען חוזה מיינט זעהן,

ער איז געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי ר' בער המגיד ממזריטש זי"ע, און ער איז פארעכנט געווארן פון די גרעסטע תלמידים פון זיין רבין, וואס איז געווען דער ממשיך דרכו פון זיין רבין דער בעש"ט הקדוש זי"ע, און ווען ער איז אנגעקומען דאס ערשטע מאל צום מגיד ממזריטש זי"ע, האט אים דער מגיד מקבל פנים געווען און געזאגט "ברוך הבא יוסף הצדיק",

דערציילט מען אז דאס ערשטע שבת וואס ער איז אנגעקומען צום הייליגען מגיד ממזריטש זי"ע, און דער הייליגער חוזה האט געהאט א מנהג יעדן ערב שבת קודש צו זאלצן א שטיק פיש פאר זיך אויף שבת קודש, דערציילט דער הייליגער בעל התניא זי"ע, אז די תלמידים פונעם מגיד האבן געוואלט זעהן ווי אזוי דער שטיקל פיש וועט אנקומען צום חוזה שבת ביים טיש, האבן די תלמידים פונעם מגיד געמאכט א סימן אויפן שטיקל פיש, און געווארט צו זעהן וואס עס גייט געשען,

ביים טיש האבן די תלמידים געזען, אז דאס שטיקל פיש איז אנגעקומען צו איינע פון די אנדערע תלמידים וואס איז געזעצן נעבן דעם חוזה, אבער דאן האט דעם תלמיד אנגעכאפט א געפערליכע בויך ווייטאג, און ער האט נישט געקענט עסן דעם פיש, און דער תלמיד האט דאס געגעבן פארן חוזה, דאן האבן די תלמידים געזען אז דער חוזה איז א אדם גדול מאוד,

אויך איז ער געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, וואס האט אויף דעם תלמיד נאך זייענדיג גאר יונג געזאגט, אז ער וועט אויסוואקסן א גדול בישראל און א קדוש וטהור, אויך דערציילט מען, אז ווען ער איז דאס ערשטע מאל געקומען צום הייליגער רבי אלימלך, האט רבי אלימלך געזאגט פאר זיינע תלמידים, "בואו ונלכה לקראת משיח בן יוסף אשר בא לכאן",

עס איז באקאנט אז בעפאר די פטירה, האט דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע סומך געווען זיינע הייליגע הענט אויף זיינע תלמידים, און פאר די פיר גרויסע תלמידים האט ער איבער געגעבן זיינע כוחות,
הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע, האט באקומען זיינע הייליגע אויגן,
הרה"ק המגיד מקוזניץ זי"ע, האט באקומען זיין הייליגע הארץ,
הרה"ק רבי מענדל מרימנוב זי"ע, האט באקומען זיין כוח הנשמה שבמוחו,
הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע, האט באקומען זיין גרויסע כח פון זיין הייליגע מויל,

אויך איז ער געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי מיכל מזלאטשוב זי"ע, און געווען פון די גרויסע תלמידים פון הרה"ק רבי לוי יצחק מברדיטשוב זי"ע, און דער הייליגער תפארת שלמה מראדומסק זי"ע שרייבט, אז דער הייליגער חוזה מלובלין האט פאר 16 יאר יעדן טאג מקדיש געווען א

שעה, צו לויבן און דאנקען דעם באשעפער, אז ער האט אראפ געברענגט דעם צדיק וקדוש דער קדושת לוי אויף די וועלט.

דער הייליגער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, האט אים משדך געווען מיט הרבנית הצדקת מרת טילא שפרינצא ע"ה, בת הרה"ק רבי הערשעלע מלאנצוט זי"ע, וואס איז געווען א תלמיד מובהק פון רבי ר' אלימלך זי"ע,

יארן שפעטער ווען זיין רעבעצין איז נפטר געווארן האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת בילא ע"ה, בת הגה"ק רבי מאיר אב"ד מאסטע זי"ע, א אייניקל פונעם הייליגען פני יהושע זי"ע,

קודם האט דער חוזה געוואוינט אין שטאט לאנצהוט נעבן זיין שווער, און דארט האט ער עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, שפעטער האט ער זיך אריבער געצויגען צום שטאט ראזוואדוב, אבער צוליב א מחלוקה וואס איז פאר געקומען דארט אין שטאט, און מען האט אים אויך גע'רודפ'ט דערפאר, האט ער זיך צוריק געצויגען קיין לאנצהוט,

דערנאך איז דער הייליגער חוזה אריבער צום שטאט טשעחויב וואס איז געווען בגלילות פון שטאט לובלין, און דארט האט אנגעהויבן נתפרסם ווערן זיין נאמען, ער איז דאן באוויסט געווארן איבעראל מיט זיין גדלות בתורה און זיינע הויכע מדרגות, אויך איז באוויסט געווארן זיינע הייליגע אויגן, וואס ער האט מיט זיי געזען אלעס, און ער איז באוויסט געווארן אלס א בעל רוח הקודש נפלא,

דאס האט געברענגט אז די גדולים פון שטאט לובלין, זענען געקומען בעטן דעם הייליגען חוזה אז ער זאל זיך אריבער ציען צו זייער שטאט לובלין, וואס איז דאן געווען א עיר ואם בישראל פיל מיט גדולים און גאונים בתורה און אויך אידן עובדי השם בקדושה וטהרה,

דער הייליגער חוזה האט אנגענומען זייער פארלאנג און זיך אריבער געצויגן צו זיי אין שטאט, און פון שטאט לובלין איז זיין נאמען ארויס איבער די גאנצע מדינה, און אויך אין אנדערע מדינות, אלס א גאון וקדוש און א גדול בתורה ועבודת השם, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם הייליגען צדיק וקדוש, און טויזענטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט ברכות און ישועות באופן נפלא,

גאר אסאך צדיקים וקדושים האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק און זיך פאריפן אלס תלמידים מובהקים פונעם חוזה ובתוכם,

הרה"ק היהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע,
הרה"ק רבי דוד מלעלוב זי"ע,
הרה"ק רבי ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ זי"ע,
הרה"ק רבי משה טייטלבוים בעל ישמח משה מאוהעל זי"ע,
הרה"ק רבי אהרן משה מבראד זי"ע,
הרה"ק רבי שמואל מקארוב זי"ע,
הרה"ק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע,
הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי"ע,
הרה"ק רבי קלונימוס קלמן בעל מאור ושמש מקראקא זי"ע,
הרה"ק רבי שמחה בונם מפשיסחא זי"ע,
הרה"ק רבי יחזקאל מקוזמיר זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע,
הרה"ק רבי מאיר בעל אור לשמים מאפטא זי"ע,
הרה"ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי משה מסאמבור זי"ע,
הרה"ק רבי סענדר מקאמארנא זי"ע,
הרה"ק רבי ארי' ליבוש בעל ארי' דבי עילאי זי"ע,
הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ זי"ע,
הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע,
הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע,
הרה"ק רבי חיים דוד דאקטאר מפיעטרקוב זי"ע,
הרה"ק רבי אשר ישעי' בעל אור ישע מראפשיץ זי"ע,
הרה"ק רבי חיים בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,
הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל השרף ממאגלניצא זי"ע,
הרה"ק רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק מנעשכיז זי"ע,

נאכן פטירה פון זיין רבין דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע האבן רוב תלמידים מקבל געווען דעם הייליגען חוזה מלובלין אלס דער ממשיך דרכו פון זייער גרויסן רבין מליזענסק זי"ע,

ווי באקאנט האט דער הייליגער חוזה זיין גאנץ לעבן גאר שטארק ארויסגעקוקט אויף די גאולה שלימה, ער האט במסירת נפש פאראורבעט מעשים גבוהים ונוראים צו ברענגען משיח צדקנו,

איינמאל איז דער הייליגער סבא קדישא מראדושיץ זי"ע געווען אין שטאט לובלין, האט מען אים געברענגט א זייגער פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, האט דער ראדעשיצער געזאגט, עטץ הערט נישט וואס דער זייגער זאגט, עס האלט און אייין שרייען, "נאך א מינוט נענטער צו ביאת המשיח",

אויך דערציילט מען, אז ווען א איד איז אריינגעקומען זיך מזכיר זיין ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, האט דער צדיק געזען אויפן שטערן פון דעם איד אדער אונעם קוויטל, אלע עבירות וואס דער מענטש האט געטון, און ער האט טויזענטער אידן דורך דעם מחזיר בתשובה געווען און געברענגט נענטער צום הייליגער באשעפער, ורבים השיב מעון,

דארט אין לובלין האט ער אסאך געליטן פון די מתנגדים קעגן דעם דרך החסידות, וואס ווי באקאנט האט דער

הייליגער חוזה מלובלין שטארק צעשפרייט דעם דרך החסידות אין גאליציה און פולין, בראשם פון די מתנגדים איז געווען הגה"ק רבי עזריאל הורוויץ הנקרא דער אייזערנער קאפ זי"ע, און בשנת תקנ"ד האט מען אויף געשטעלט א נייעם ביהמ"ד פארן חוזה מלובלין, כדי זיך צו צעטיילן פון די מתנגדים, אבער דאס האט נישט אסאך געהאלפן, ווייל זיי האבן ווייטער גע'רודפ'ט דעם הייליגען חוזה, אבער דער חוזה האט זיך פון זיי בכלל נישט וויסענדיג געמאכט און ווייטער פארשפרייט דעם דרך החסידות,

הרה"ק רבי אורי הנקרא השרף מסטרעליסק זי"ע איינע פון די תלמידים פונעם חוזה, האט אמאל געזאגט בזה"ל,
דער שטאט לובלין, איז ארץ ישראל,
דעם חצר פון דעם ביהמ"ד, איז ירושלים,
דער ביהמ"ד, איז דער הר הבית,
די דירה פונעם חוזה, איז דער עזרה און דער היכל,
דער חדר מיוחד פונעם חוזה, איז דער קודש הקדשים,
און די שכינה הקדושה מדברת מתוך גרונו של החוזה מלובלין,

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אין די ספרים,
זאת זכרון,
זכרון זאת,
דברי אמת,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הרה"ק רבי ישראל מלובלין זי"ע,
הרה"ק רבי יוסף מטורטשין זי"ע,
הרה"ק רבי אברהם זי"ע, נפטר בחיי אביו,
הרה"ק רבי צבי זי"ע,
הילד מאיר שלום ע"ה,
בתו הרבנית הצדקת מרת שרה צירל ע"ה, אשת הרה"ק רבי שמואל אנגלסברג מריישא זי"ע,

בשנת תקע"ד ביי די מלחמה פון נפוליאון מיט דעם צאר אלכסנדר, האבן אסאך צדיקים פונעם דור געהאפט אז עס איז אנגעקומען דעם זמן הגאולה און משיח גייט שוין אט אט קומען, אויך דער הייליגער חוזה מלובלין האט פארארבעט גרויסע מעשים צו ברענגען דעם גאולה שלימה, וואס זיין גאנץ לעבן האט ער אזוי געהאפט אז משיח וועט נאך קומען בימיו,

אויך 4 יאר בעפאר דעם איז דער הייליגער צדיק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע נסתלק געווארן, און דער קדושת לוי האט געזאגט, אז ער וועט נישט אריינגיין אין גן עדן, ביז ער פויעלט אויס אז משיח זאל שוין קומען, האט דער הייליגער חוזה מלובלין געהאלטן אז די מלחמה פון נפוליאון איז מלחמת גוג ומגוג, און דאס איז די ארבעט פונעם קדושת לוי צו ברענגען משיח,

האט ער דאן געבעטן זיינע הייליגע תלמידים דער יוד הקדוש זי"ע, דער הייליגער מאור ושמש זי"ע, רבי נפתלי מברזאן זי"ע, און דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע, אז זיי זאלן צוזאמען מיט אים ארבעטן צו מקרב זיין אז די גאולה שלימה זאל קומען דעם יאר,

און דער הייליגער חוזה מלובלין האט אפילו באשטימט א צייט ווען משיח וועט קומען, און דאס איז געווען ליל שמחת תורה בשנת תקע"ה, ווייל דאן האלטן די אידן נאכן תשובה טון אויף די עבירות, און דער באשעפער האט דאך זיכער מוחל געווען פאר זיי, איז דאס א געוואלדיגע טאג פאר די גרויסע שמחה פון די גאולה שלימה,

אויך האט דער חוזה געזאגט אז דער יוד הקדוש זי"ע וואס איז אוועק י"ט תשרי בשנת תקע"ד איז ארויף בעולם העליון כדי ארויס צו העלפן ברענגען משיח, אויך איז דער הייליגער קאזניצער מגיד נסתלק געווארן ערב סוכות, אבער דער הייליגער חוזה האט נישט געוויסט דערפון,

שמחת תורה בשנת תקע"ה האט דער הייליגער חוזה מלובלין געבעטן די תלמידים, אז מען זאל אכטונג געבן אז ער זאל נישט בלייבן אליין ביי זיך אין שטוב, און אויך האט ער דאס אן געזאגט פאר די רעבעצין,

דערציילט מען, אז ביים תלמיד דער הייליגער מאור ושמש זי"ע איז אריינגפאלן א שטיין דורך די פענסטער שמחת תורה, און ער האט גלייך געזאגט, ווער ווייסט וואס גייט פאר ביים רבין אין לובלין, אויך ביים תלמיד דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע איז געשען א גרויסע פייער ביי אים אין שטוב יענעם שמחת תורה, וואס די צדיקים האבן געוויסט אז דא קומט פאר עפעס הויכע זאכן,

אבער מאת השם היתה זאת, און פון הימל האט מען געזען אז דאן איז נאכנישט געווען די עת הגאולה, און דער הייליגער חוזה מלובלין איז אריין אין זיין פריוואטע שטוב, און פלוצלונג האט די רעבעצין געהערט אז עפעס גייט פאר אונעם שטוב פונעם רבין, און ווען זי איז אריין געקומען האט זי געזען, אז דער הייליגער חוזה איז נעלם געווארן פון שטוב,

דאן זענען אלע תלמידים געלאפן זיכן דעם רבין, און צום סוף האט מען געטראפן דעם רבין אינדרויסן ליגן אין גרויסע יסורים, און דער הייליגער חוזה האט דאן געזאגט, אז פון הימל איז ארויס א פסק דין קעגן אים, ווייל ער האט פראבירט צו מקרב זיין די גאולה נישט אין צייט, און די כוחות עליונים האבן אים ארויס געווארפן פון די פענסטער, און דער הייליגער קאזניצער מגיד איז טאקע אראפ געקומען מעולם העליון אין האט פארגרינגערט דאס פאלן,

עס ווערט דערציילט, אז ביי די באקאנטע נפילה פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע שמחת תורה בשנת תקע"ה, ווען

מען האט דאן געטראפן דעם הייליגען חוזה ליגן אויף דער ערד, און מען האט אים געברויכט אויף הייבן און אריין טראגן אין שטוב, האבן די הייליגע תלמידים געמאכט א גורל, ווער עס זאל אויף הייבן דעם קאפ פונעם רבין דער הייליגער חוזה, און די גורל איז געפאלן אויפן תלמיד רבי שמואל מקארוב זי"ע.

בשעת דער תלמיד רבי שמואל האט אויף געהויבן דעם הייליגען חוזה, האט ער געהערט ווי די רבי זאגט עפעס מיט די ליפען, האט ער צו געלייגט א אויער און הערט ווי די רבי זאגט "תיקון חצות", וואס דאן איז טאקע געווען די צייט פאר תיקון חצות, האט דער תלמיד רבי שמואל זיך דאן אויס געדריקט מיט וואונדער, קוקט און הערט דאס גרויס קדושה פון אונזער הייליגע רבין, אז אפילו אין אזא צייט ווען ער איז געווען אין גרויסע יסורים, און האט נישט געהאט קיין זייגער, האט ער אבער גלייך מרגיש געווען אז עס איז צייט פאר תיקון חצות.

אבער לײדער איז דער חוזה פון דעם ארויספאלן פון די פענסטער קראנק געווארן, און זיך נישט געקענט געהעריג באוועגן א חלק פון זיין גוף קדוש, און בערך 10 חדשים שפעטער איז דער צדיק נסתלק געווארן.

דערציילט מען אז ווען ער איז קראנק געווארן, האבן די מתנגדים געטרינקען לחיים און זיך געפרייט, און זיי האבן געזאגט אז זיי גרייטן זיך צו טרינקען א לחיים ווען ער וועט נסתלק ווערן, און ווען דער הייליגער חוזה האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, "זיי וויסן נישט אז ביי מיין פטירה וועלן זיי נישט קענען טרינקען אפילו א טראפ וואסער אויך נישט", און כך הוה, דער חוזה איז נסתלק געווארן אים תשעה באב, און ווי עס שטייט אויפן מצבה, "חשך אור בעדינו ביום שריפת בית אלוקינו"

נסתלק לגנזי מרומים תשעה באב בשנת תקע"ה, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח הישן אין שטאט לובלין.

הרה"ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע האט בשעת די לוי' געזאגט, אז ער האט געזען א עמוד של אש גיין נאך די מטה פונעם הייליגען חוזה, וואס דאס געשעהט נאר צו חד או תרי בדרא.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

מעשיות

הרה"ק רבי יחזקאל מקוזמיר זי"ע האט דערציילט, איינמאל ווען ער איז געקומען צום רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, האט דער רבי געזאגט, אז ער זעהט אויף אים א חטא ביטול תורה, ווייל ער האט מבטל געווען זיין לערנען קומענדיג צום רבין, האט ער געזאגט פארן רבין, אז ער האט דאך עוסק געווען און זיין קליינעם גמרא וואס ער האט ספעציעל מיט געברענגט אויפן וועג,

האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געזאגט, דאס איז נאך אלס גערעכנט ווי ביטול תורה, ווייל מען קען דאך נישט לערנען מיט די זעלבע התמדה אין א קליינעם גמרא ווי אין א גרויסע גמרא, און דערפאר זעה איך א חטא פון ביטול תורה אויף דיר,

הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע האט מעיד געווען, אז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע ווען א מענטש איז צו אים נאר אריין געקומען, האט ער גלייך געזען יענעמס שורש נשמה, און וויפיל מאל דער נשמה איז שוין אראפגעקומען אויף די וועלט, און אויך אויף וועלכע חטא ער איז מגולגל געווארן, און דער שר שלום האט געזאגט, אז ווער עס האט געהאט די זכי' צו קענען דעם חוזה, האט געקענט זעהן ווי ווייט א ילוד אשה קען אנקומען מיט זיין קדושה נפלאה,

הרה"ק רבי שמחה בונם מפשיסחא זי"ע האט געזאגט, אז זיין הייליגער רבי דער חוזה מלובלין זי"ע האט אים אמאל געזאגט, איך האב מער ליב א רשע וואס ווייסט אז ער איז א רשע, ווי א צדיק וואס ווייסט אז ער איז א צדיק, האט דער תלמיד רבי שמחה בונם געפרעגט דעם רבין דעם טעם,

האט דער רבי דער הייליגער חוזה זי"ע געזאגט, א רשע וואס ווייסט אז ער איז א רשע, איז דאך דבוק אונעם מדה פון אמת, אבער דער צדיק וואס ווייסט אז ער איז א צדיק איז נישט אזוי, ווייל דער פסוק זאגט דאך (קהלת ז' כ') כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא, קומט דאך אויס אז דער צדיק איז דאך דבוק אין שקר, און דערפאר האט ער מער ליב דעם רשע ווי דעם צדיק,

הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ זי"ע האט געזאגט, אז ווען א איד איז געקומען צום רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, און איז געבליבן דארט איבער די נאכט, האט דער הייליגער רבי ארויס גענומען יענעמס נשמה ביינאכט, און דאס אויס געוואשן פון יעדן פגם, און דעם נשמה צוריק געגעבן ריין,

הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע האט מעיד געווען, אז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע פון גאר יונג, האט ער אפילו נישט אויף געהויבן זיינע אויגן ברעמען אן קיין יחוד בלתי שמו יתברך, און אויך איז ער געווען א בעל רוח הקודש מפורסם, און ער האט געקענט זעהן נאר ביים קוקען אויפן פנים פון א מענטש אלע זיינע מעשים, און געזען מסוף העולם עד סופו,

הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע האט אמאל געפרעגט זיין טאטן דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע, אויב עס איז אמת וואס מען זאגט אויפן הייליגען לובלינער זי"ע, אז

ווען ער האט געלערנט גמרא, און דערמאנט א נאמען פון א תנא אדער אן אמורא, האט ער געזען דעם תנא אדער אמורא שטיין פארענט פון זיך, האט דער הייליגער שר שלום געזאגט בזה"ל, "אויפן לובלינער זי"ע איז אלץ צום גלייבן".

הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע האט אמאל געזאגט בזה"ל, "ווער עס האט נישט בייגעוואוינט א דאווענען ביים רבין פון לובלין, דער האט קיין גוטס נישט געזען, ווען מען האט אנגעהויבן הודו לד', האבן די ווענט געטאנצן, און טאקע געטאנצן".

הרה"ק רבי משה מסאמבור זי"ע האט דערציילט, אז איין שבת קודש איז ער געווען ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, און ביים טיש נאכן המוציא, האט זיך דער הייליגער חוזה זייער מתמרמר געווען און באקלאגט און מצער געווען, אז ער איז אינגאנצן נישט קיין צדיק, און דער עולם האט אין אים א טעות, און ער איז באמת אן איינפאכער פראסטער איד, און הערענדיג די רייד פונעם רבין, האט רבי משה מסאמבור זי"ע שטילערהייט געזאגט פאר די וואס זענען געשטאנען נעבן אים, "איך קען שווערן אז דער רבי איז א צדיק הדור".

ווען די ווערטער פון רבי משה איז אנגעקומען צו די אויערן פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, האט דער חוזה זיך געוואנדען צו רבי משה און געזאגט, "ר' משה, אפילו הונדערט אידן וואלטן געשוואוירן אז איך בין גוט, אבער אין עולם העליון, וועט מען נישט פרעגן נאר מיך אליין, און איך וועל מוזן זאגן דעם אמת".

האט ר' משה געזאגט פארן הייליגען חוזה, אויף יענער וועלט איז דאך דער עולם האמת, דארט וועט דער רבי מוזן זאגן דעם אמת, אז דער רבי איז א צדיק, דער חוזה האט זיך דאן אביסל פארטראכט, און דאן האט דער חוזה געזאגט, רבי משה ווען מיין משפט וועט פארקומען פאר השי"ת אליין, בין איך אביסל בארואיגט, ווייל השי"ת איז דאך א רחום וחנון, און ער וועט זיך דערבארעמען אויף מיר, אבער ווען מיין משפט וועט פארקומען פארן בית דין של מעלה, דארט וועט מען מיר נישט נאכגעבן קיין האר, און פאר דעם ציטער איך,

עס זענען געווען צוויי גרויסע סוחרים שותפים איינער האט געהייסען ר' יוזעף פון קאזמיר, ער איז געווען א חסיד פון דעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, דער צווייטער האט געהייסען ר' שלמה פון די שטאט "קאנסקעוואל" א חסיד פון הרה"ק ר' שמואל מקארוב זי"ע, און די צוויי חסידים האבן געהאנדעלט מיט האלץ, און בעיקר פלעגן זיי מאכן גרויסע פארדינסטן, ווען זיי פלעגן פירן גרויסע טראנספורטען האלץ קיין דאנציג,

ר' יוזעף דער לובלינער חסיד פלעגט זיך פירען, אז יעדעס מאל פאר'ן ארויס שיקען האלץ קיין דאנציג, איז ער קודם געפארן צו זיין רבי'ן אין לובלין, צו נעמען א ברכה אויף הצלחה, און ר' שלמה פלעגט זיך אויך פירען, אז ער האט נישט געטון קיין מסחר אן די הסכמה און ברכה פון זיין רבין הרה"ק רבי שמואל מקארוב זי"ע, איין טאג ווען עס האט זיך געמאכט א גרויסע טראנספורט האלץ צו שיקען קיין דאנציג, אין וועלכע זיי האבען אריין געשטעקט אסאך געלט, און זיי האבען געדארפט האבען גרויס הצלחה אין דעם טראנספורט האלץ,

האבן זיך ביידע חסידים ארויס געלאזט אין וועג צו פארן צו זייערע רבי'ס, זיך שואל עצה זיין און בעטען א ברכה, ר' יוזעף, אנקומענדיג צו זיין רבי'ן אין לובלין, האט ער באקומען א ברכה אזוי ווי שטענדיג, אז ער זאל מצליח זיין, ר' שלמה אבער ווען ער איז אנגעקומען צו זיין רבי'ן ר' שמואל, האט ער באקומען אן אנדערע תשובה, און רבי שמואל האט נישט מציע געווען פאר זיין חסיד דאס מאל צו פירען די האלץ, ווייל ער זעהט א סכנה אין דעם געשעפט,

שפעטער ווען ביידע שותפים זענען צוריק געקומען פון זייערע רבי'ס, און האבן זיך צוזאמען געטראפן, און איינער דערציילט דעם צווייטען וואס זיין רבי האט איהם געזאגט, ר' יוזעף אבער האט זיך געהאלטען ביי זיינ'ס אז ער גייט יא שיקען די האלץ, זאגענדיג, אז מיין רבי האט מיר געווינטשען הצלחה, איז נישט שייך אז עס זאל זיין א הפסד, און איך בין אין דעם פארזיכערט, אמת טאקע אז דיין רבי רעכענט זיך אלס א תלמיד פון מיין רבי דער חוזה, ממילא איז ער אויך מחויב צו הערן וואס דער רבי זאגט, דערפאר בין איך גרייט צו פארן אן קיין ספק און חשש,

אבער ר' שלמה האט געבעטען, אז ר' יוזעף זאל כאטשיג נאכאמאהל איבער פרעגען זיין רבי'ן דער חוזה, און איהם דערציילען וואס זיין רבי ר' שמואל האט געזאגט, אז ער איז קעגן דעם געשעפט, כדי צו זיין פארזיכערט אז זיי וועלען טאקע מצליח זיין אין דעם געשעפט, האט דער חוזה זיך אנגערופען צו איהם בזה"ל, "און איך זאג דיר דו זאלסט יא פארן קיין דאנציג מיט די האלץ, און מיט דעם אויבערשטענ'ס הילף וועסטו מצליח זיין".

ווען ר' יוזעף איז צוריק געקומען, און האט דערציילט זיין שותף דער תשובה פון זיין רבי'ן, האט דער שותף זיך שוין נישט מעהר געקענט קעגען שטעלען, און נאך מעהר, דער ר' יוזעף וואס איז געווען אזוי פארזיכערט אין זיין רבין'ס ברכה, האט געזאגט פארן שיתוף, אז ער נעמט זיך אונטער דעם פולען אחריות אויף יעדער הפסד, און זיי האבען זיך טאקע ארויס געלאזט אויפ'ן וועג מיט די גאנצע טראנספורט האלץ,

אינמיטן וועג נאנט צו די שטעטל טארין, האט אויס געבראכען א שטורעם ווינט, עס האט געהויבן דאס וואסער וואס איז געגאנגען מיט א ווילדע שטורעם, און האט צוריסן די שטריק וואס האבן צוזאמענגעבינדען די האלץ, און א

גרויסע טייל האלץ האט זיך צושפרייט איבערן וואסער, און עס איז נישט געווען מעגליך זיי צו דערכאפן, עס איז געווארן א גרויסער טומל, און בשעת דעם טומל איז ר' שלמה ארויס פון זיין געדולד און א געשריי געטאן, זעסט ר' יוזעף אז מיין רבי איז גערעכט געווען און האט געזעהן פון פאראויס די סכנה, און דעריבער האט ער געהייסן נישט פארן,

עס איז שוין אבער געווען פארפאלן, מ'איז אנגעקומען קיין דאנציג מיט א פערטל פון די האלץ מיט וואס מ'איז ארויס געפארן, די דריי פערטל האלץ האט דאס וואסער צוטראגן, און עס איז נישט געווען שייך זיי צענויף צונעמען, ר' שלמה איז א צובראכענער אריין אין שוהל און זיך געזעצט לערנען, זייענדיג מיואש פון מאכן עפעס א פארדינסט,

אבער ר' יוזעף דער חסיד פונעם חוזה האט די האפענונג נישט פארלוירן, ווייל אים האט נאך געקלינגען דעם רבי'ן'ס ווערטער, "די ווערסט מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף מצליח זיין", איז ער דעריבער ארויס זוכען קונים אויף דאס ביסעל איבעריגע האלץ וואס ער איז מיט זיי אנגעקומען, און ווען די סוחרים האבען אים שפעטער באגעגענט, האבען זיי איהם געזאגט, אז זיי האבען געהערט אז ער האט געברענגט קיין דאנציג האלץ, ווען יעצט איז טאקע דער צייט ווען זיי דארפען עס האבען, ווייל עס געפינט זיך ביי זיי אין שטאט גאר ווייניג האלץ, און דערפאר האט זיך דער פרייז זייער געהויבען פיר פינף מאהל מעהר ווי נארמאל, און זיי זענען גרייט צו באצאלען א גאר הויכען פרייז, ווייל אן האלץ קען מען נישט עקזיסטירען,

און אזוי האט זיך ר' יוזעף געטראפען מיט פארשידענע סוחרים, און ווער עס איז געווען גרייט צו צאהלען דעם גרעסטען פרייז, האט ער יענעם געגעבען די האלץ, סך הכל איז אויס געקומען, אז מיט דעם ביסעל האלץ וואס ער האט דארט פארקויפט פאר דעם הויכען פרייז, האט ער נאך מער פארדינט, ווי ווען ער פלעגט ברענגען אין א צווייטע יאהר די גאנצע טראנספארט האלץ.

ביידע שותפים זענען צוריק געפארן דורך לובלין, און באלד ווי זיי זענען אריין געקומען צום חוזה, האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע זיך אהנגערופן בזה"ל, "אמת! אונזער ר' שמואל האט געזעהן ביז טארין, אבער מיר האבן ב"ה אויך געזעהן ביז דאנציג".

ווי עס איז באוויסט, האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געהאט אסאך קעגנערס פון די מתנגדים טאקע אין זיין שטאט לובלין, אויך דער לובלינער רב הגה"ק רבי עזריאל הורוויץ זי"ע, וועמען מען האט גערופען "דער אייזערנער קאפ" איז געווען פון די גרויסע מתנגדים קעגן דעם חוזה, כאטש ער האט גאר שטארק מחשיב געווען דעם רבי'ן פון לובלין, און געהאט פאר אים דרך ארץ, איז ער אים דאך געווען א קעגנער אלס מתנגד,

און ווען דער הייליגער חוזה איז נסתלק געווארן, איז געווען א גרויסע מחלוקה צווישן די חסידים פונעם חוזה אין די קהילה מיט די "חברא קדישא" לייט, וואס זענען אויך געווען ביטערע מתנגדים, און מען האט זיך געקריגט ווי מען זאל באערדיגען דעם הייליגען חוזה מלובלין, פארשטייט זיך אז די חסידים האבן געוואלט לייגן זייער רבין אויף א חשובע פלאץ, אבער די מתנגדים האבן בשום אופן נישט מסכים געווען,

איז דארט געווען הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע, פון די גרויסע תלמידים פונ'ם רבי'ן פון לובלין, וואס איז אויך געווען באוויסט אלס א געטליכער חכם, האט ער זיך געמאכט ווי איינע פון די מתנגדים, ער האט אן געהויבען צו רעדן אויף די חסידים, און געזאגט אז זיי זענען עזות פנים'ער, און נאר אלס מורא האט ער געמוזט קומען צו פארן צום רבי'ן פון לובלין,

ער האט זיי אזוי לאנג איין גערעדט אז ער איז אויך א מתנגד, אז זיי האבן זיך געלאזט פארנארן פון אים, און טאקע אים האבן זיי אויס געקליבען אז ער זאל גיין צוזאם מיט'ן לובלינער רב, דער אייזענע קאפ, אויס צו זוכען א פלאץ אינעם ביה"ח, ווי צו לייגען דעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע,

זיי זענען געגאנגען אויפן בית החיים, און דער ראפשיצער רב האט געהאלטן א שאוועל אין זיין האנט, און ביי יעדן חשוב'ן ארט ווי זיי זענען דורך, האט ער געפרעגט, זאל איך דא גראבען, און דער גאון ר' עזריאל האט זיך אלס גערעגט אויף אים, ביז זיי זענען צו געקומען צום פלאץ ווי עס איז געווען דער ציון קדשו פון הגה"ק רבי שכנא מלובלין זי"ע, און דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע מיט זיין גרויס קדושה האט דערשפירט די קדושה פון דעם פלאץ, האט ער געגעבען א פרעג, זאל איך דא גראבען, און געזאגט שוין עס וועט שוין זיין גוט דא אויך,

דער גאון רבי עזריאל האט צוליב די פונסטערקייט און פון תענית שוואכקייט, ווייל עס איז דאך געווען תשעה באב, נישט באמערקט ווער עס ליגט דארט, האט ער מסכים געווען, דער ראפשיצער האט שנעל אנגעהויבן צו גראבן דארט, און געהייסן די תלמידים פונעם חוזה זאלן אים העלפן גראבן דעם קבר,

אבער דערווייל האט מען זיך געכאפט, אז דער פלאץ איז דער שענסטער און חשוב'סטער פלאץ אינעם גאנצן ביה"ח, האט דער גאון ר' עזריאל געוואלט צוריק ציען, דער ראפשיצער רב האט אבער נישט געוואלט אוועק גיין פון דארט, און ער האט געגראבן שנעל מיט אלע כוחות, און ער האט געזאגט, אז דאס וועט ער אויס פירען מיט מסירת נפש, און אוועק געבן זיין לעבן דערויף,

ווייל דער הייליגער לובלינער פלעגט ביי יעדע עת צרה הייסן גיין מתפלל זיין אויפן קבר פון הרה"ק רבי שכנא זי"ע, און דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט געזאגט, אז אלע

גדולים וואס זענען דארט נקבר געווארן, זענען שוין אריבער קיין ארץ ישראל, ווייל די מנהג ביי די חברא קדישא איז געווען, אז ביי די טהרה פון א רב אין שטאט, האט מען דאן אפ געזאגט דעם רב פון זיין פאסטן,

אבער נאר ער אליין הרה"ק רבי שכנא זי"ע איז איבער געבליבן ביי זיין מקום קבורה, וויבאלד מען האט פארגעסן אים צו אפ זאגן פון זיין פאסטן, איז ער דערפאר געבליבן דעם רב אין שטאט לובלין, כדי צו באשיצן די שטאט פון שריפות און אנדערע אומגליקען וואס זאלן נישט געשען, און דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע איז מיט די מסירת נפש פון זיין גרויסן תלמיד דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, באערדיגט געווארן אויפן שענסטן פלאץ אינעם ביה"ח,

הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען זי"ע פלעגט יעדן שמיני עצרת דערציילן די מעשה,

א איד א חסיד פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, איז איינמאל געקומען אויף די ימים נוראים צו זיין רבין דער חוזה, אבער ווען ער איז געקומען נעמען שלום פונעם חוזה, האט אים דער חוזה געהייסן אז ער זאל אהיים פארן, דער איד האט נישט געוויסט וואס צו טון, האט ער אפ געמאכט אריין צו גיין צום רבין נאכאמאל, ווייל אפשר האט די רבי געמאכט א טעות, אבער אזוי ווי ער קומט אריין צום רבין, פרעגט אים דער הייליגער חוזה, דו בוסט נאך דא, איך האב דיר געהייסן אהיים גיין,

דער איד איז געווען זייער צובראכן פון דעם, אבער בלית ברירה האט ער זיך ארויס געלאזט אויפן וועג אהיים, אינמיטן וועג האט זיך דער איד אפגעשטעלט אין א גאסט הויז, און דארט איז געווען א קבוצה פון חסידים וואס זענען געווען אויפן וועג צום הייליגען חוזה מלובלין, און דארט האט דער איד געטרינקען א לחיים מיט די חסידים, און ארויס און א ריקוד של שמחה, שפעטער האבן די חסידים הערענדיג וואס דער איד האט געהאט מיטן חוזה, מייעץ געווען דעם איד אז ער זאל מיט זיי צוריק קומען צום חוזה,

אזוי ווי דער איד קומט אריין צום חוזה מלובלין, האט אים דער הייליגער חוזה אויף גענומען מיט א שמייכל און געזאגט, "וואס חסידים קענען מיט זייער שמחה, קען נישט א פועל ישועות טון", און מסביר געווען פארן חסיד, אז ווען דער חסיד איז געווען פריער ביים חוזה, האט דער הייליגער חוזה געזען, אז עס איז נגזר געווארן אויף דעם איד אז ער זאל ר"ל שטארבן, און דערפאר האט ער דעם איד אהיים געשיקט, כדי ער זאל שטארבן ביי זיך אינדערהיים, און אויך אז ער זאל נישט פארשטערן דעם יום טוב דא ביי די חסידים, אבער די קבוצה חסידים מיט זייער שמחה, האבן זיי מבטל געווען דעם גזר דין פון אויף דעם איד, און ער האט זוכה געווען צו אריכת ימים.

דער הייליגער חוזה מלובלין האט געהאט א מנהג, אז יעדן שבת קודש נאכמיטאג בעפאר מנחה, איז ער ארויף אויפן בוידעם פון זיין הויז, און צו ארויף גיין דארט האט ער געברויכט גיין 13 טרעפ, און יענעם שטוב איז געווען חושך טונקעל און גאר א שמאל שטוב, קיינער פון די חסידים האבן נישט געוויסט וואס דער צדיק טוט דארט יעדן שבת, און דער צדיק דער חוזה מלובלין זי"ע האט קיינעם נישט געלאזט ארויף גיין אין דעם שטוב,

איין וואך האט איינע פון די חסידים געהאט חשק צו זעהן וואס דער רבי טוט דארט, איז ער ארויף צום שטוב בעפאר מען האט געענדיגט מנחה, און ער האט זיך דארט אין שטוב באהאלטן, און ווען דער הייליגער חוזה איז ארויף געקומען, האט דער חסיד געזען, ווי דער חוזה עפענט אויף דעם ספר יד החזקה פונעם הייליגען רמב"ם זי"ע, און עס איז געווארן גאר שטארק לעכטיג אינעם שטוב, אז מען האט ממש געקענט בלינד ווערן, און גלייך נאכדעם האט דער חסיד געשפירט א בלינדקייט, און מיט שוועריקייטן איז ער אנגעקומען צוריק אראפ פון דעם שטוב,

ווען ער איז אראפ געקומען, האט ער געשפירט אז עס איז נאך טאג אינדרויסן, אבער ער קען גארנישט זעהן, דער חסיד האט נישט געוויסט וואס ער זאל דא טון, און מוצאי שבת איז דער חסיד אריין צום חוזה מלובלין, און זיך מזכיר געווען אז עס האט אים פלוצלונג אויף געהערט ארבעטן די אויגן און ער קען נישט זעהן, האט דער הייליגער חוזה געזאגט פאר דער חסיד, איך קען דיר נישט העלפן, גיי צום צדיק רבי ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ זי"ע, וואס ער איז א גרויסע פועל ישועות, און ער וועט דיר אפשר קענען העלפן,

איז דער איד געגאנגען צום הייליגען ראדעשיצער, און זיך מזכיר געווען אז ער איז געווארן בלינד, און דער הייליגער ראדעשיצער האט אים געגעבן א סגולה וואס זאל אים אויסהיילן, און ווען דער איד איז צוריק געקומען און געזאגט אז די סגולה האט נישט געהאלפן, האט אים דער ראדעשיצער געגעבן אן אנדערן סגולה, אבער ווען דער ראדעשיצער האט געזען, אז די אלע סגולות העלפן נישט, האט ער געזאגט פארן איד, די אלע סגולות וואס איך האב דיר געגעבן קען מאכן אפילו א שטיין זעהן, און אויב דאס ארבעט נישט, האט דא געמיזט געשען עפעס אויסער געווענליך,

דאן האט דער איד דערציילט די מעשה ווי אזוי ער איז געווארן בלינד, האט זיך דער צדיק דער סבא קדישא מראדישיץ אנגערופען, "צו זעהן דעם לעכטיקייט פונעם אור הגנוז, איז נאר דער הייליגער חוזה ראוי, און קיינער אנדערש מיט די פליישיגע אויגן קען דאס נישט דורך טראגן, ווייל מען איז נישט ראוי דערצו", און אויף דעם קען איך דיר נישט העלפן, און דער איד איז ל"ע געבליבן בלינד זיין גאנץ לעבן,

דער הייליגער חוזה מלובלין האט געהאט א מנהג יעדן טאג צווישן מנחה מעריב, האט ער זיך געזעצט אויף זיין בענקל, און פאר רייכערט זיין לולקע, און גערעדט מיט די

תלמידים דברי תורה און ספורי צדיקים, און דער גבאי ר' נפתלי האט געווענליך צוגעגרייט דעם לולקע בעפאר מנחה,

אין טאג האט דער גבאי ר' נפתלי פארגעסן צו צוגרייטן דעם לולקע, און גלייך נאך מנחה האט ער זיך געכאפט אז ער האט פארגעסן, איז ער שנעל געלאפן ברענגען דעם לולקע, אבער אזוי ווי דער צדיק האט אריין גענומען דעם לולקע אין מויל, האט ער דאס גלייך ארויס גענומען און געזאגט, "איך בין מרגיש א איסור פון בשר וחלב אין דעם לולקע טאביק", דער גבאי האט געזאגט אז ער ווייסט באמת נישט וואס דאס מיינט, אבער דער צדיק האט נאכאמאל פראבירט אריינצונעמען דעם לולקע, אבער האט דאס גלייך ארויס גענומען און געזאגט, אין דעם איז דא א איסור בשר וחלב,

דאן איז די גבאי אריבער אונעם שטוב, און געפרעגט אין שטוב ווער עס האט צוגעגרייט דעם טאביק פארן רבין, איז ער געוואויר געווארן אז דאס האט צוגערייט דער משרת, און אינדערפרי האט ער דאס געשניטן מיט א מעסער וואס איז געווען פליישיג, און נאכמיטאג האט ער דאס געמאכט מיט א מילכיגע מעסער, דאן האט דער גבאי געזען אז די רבי דער חוזה מלובלין מיט זיין גרויס קדושה און הייליגע אויגן האט דאס גלייך מרגיש געווען.

דערציילט מען אז איינמאל איז דער הייליגער חוזה מלובלין אריין אין אזא גרויסע דביקות דקדושה, אז עס האט ממש אויס געזען ווי ער איז שוין נישט בעולם הזה, איז דארט געווען זיין הייליגע תלמיד דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע, און ער האט געזען אז אט אט איז די רבי שוין נישט מיט אונז,

האט ער געהייסן מען זאל שנעל לאזן רופן א איד אן עם הארץ, האט מען גערופען דעם לעדער האנדלער וואס איז געווען א גרויסע עם הארץ, און דער הייליגער זרע קודש האט געהייסן פאר דעם איד, אז ער זאל ארויף לייגן זיינע הענט אויפן הארץ פונעם הייליגען חוזה מלובלין, און גלייך האט מען געזען אז דער חוזה איז ב"ה צוריק,

ווען מען האט געפרעגט דעם הייליגען זרע קודש, פארוואס ער האט געברויכט רופן דעם עם הארץ צו קענען צוריק בענגען דעם רבין, האט דער זרע קודש געזאגט, דער הייליגער רבי מיט זיין גרויסע דביקות, האט זיך אפגעשיידט אינגאנצן פון דעם עולם הגשמיות, אבער ווען דער איש מגושם וואס האט נישט קיין תורה אין זיך האט אים אנגעכאפט, איז דער דביקות אוועק, און דאן איז ער צוריק געקומען צום עולם הגשמי,

ווי באקאנט האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געהאט גאר אסאך מתנגדים קעגן זיין דרך החסידות, ובתוכם איז געווען דער גאון הגה"ק רבי עזריאל הלוי הורוויץ דער אייזערנער קאפ זי"ע, וואס איז געווען גאר שארף קעגן דעם חוזה, אבער סוף ימיו האט ער מודה געווען אונעם גדלות און קדושה פונעם חוזה,

איינמאל האט דער גאון רבי עזריאל געטראפן דעם חוזה, און ער פרעגט אים, איר זאגט דאך אליין אז איר זענט נישט קיין רבי, דאן פארוואס לויפט אייך דער עולם נאך, און איר זענט זיי מדריך, האט דער הייליגער חוזה אנגערופן, נו אדרבה אפשר האט איר אן עצה אז דער עולם זאל מיך נישט נאכלויפן, האט ער געזאגט פארן חוזה, איך האב פאר אייך אן עצה, שבת ביים טיש זאלט איר מפרסם זיין פארן עולם, אז איר זענט נישט קיין רבי, און דער חוזה האט געזאגט, גוט לובלינער רב איך וועל אייך פאלגן,

דעם קומענדיגן שבת קודש ביים טיש, האט דער חוזה מפרסם געווען פארן עולם, אז ער איז נישט קיין רבי, נאר ער איז דער פחות שבפחותים, און ער בעט זייער דעם עולם, אז זיי זאלן גיין צו די אמת'דיגע צדיקי הדור וואו זיי וועלן לערנען דעם אמת'ע דרך ד', און געזאגט, אז ווי אזוי קען איך אייך לערנען א דרך און עבודת ד', ווען איך אליין דארף נאך לערנען פון אנדערע,

פארשטייט זיך אז די דיבורים פונעם חוזה האט געהאט א געוואלדיגע השפעה אויפן עולם, און אריין געברענגט אין זיינע חסידים דעם מדה פון ענווה און צובראכענקייט ביי זיך, אבער נישט נאר איז דער עולם נישט אוועק געגאנגען צוליב די ווערטער, נאר פארקערט זיי האבן זיך נאך מער מדבק געווען אין זייער רבין,

א צייט שפעטער ווען דער לובלינער רב האט געטראפן דעם חוזה, האט דער חוזה זיך אפגערעדט פארן לובלינער רב, אז די עצה האט גאר נישט געהאלפן, ווייל דער עולם וויל זיך בשום אופן נישט אפטשעפען פון אים, האט זיך דער לובלינער רב אנגערופן, די דרך פון די חסידים איז, אז זיי האבן ליב דעם מדה פון ענווה, און דערפאר האבן זיי אנגענומען דיינע ווערטער,

אבער איך האב א עצה פאר אייך, דעם קומענדיגע שבת זאגט פאר די חסידים, אז איר זענט פון די אמת'ע צדיקי הדור, וועט איר זעהן אז זיי וועלן פון אייך גלייך אוועק גיין, האט דער הייליגער חוזה געזאגט מיט א שמייכל, "דאס קען איך שוין נישט טון, זאגן אויף מיר אז איך בין א צדיק הדור דאס קען איך נישט, ווייל די תורה זאגט דאך, מדבר שקר תרחק, ממילא איז נישט מעגליך צו ניצן דעם עצה",

דער לובלינער רב דער אייזערנער קאפ זי"ע האט אמאל געפרעגט דעם הייליגען חוזה מלובלין, פארוואס מען רופט דעם דריטען סעודה פון שבת קודש "שלש סעודות" עס וואלט דאך לכאורה געברויכט הייסן "סעודה שלישית" די דריטע סעודה,

האט אים דער הייליגער חוזה מלובלין געזאגט, איר ווייסט דאך אז די דריי סעודות פון שב"ק דארף מען עסן לכבוד שבת קודש, אבער די ערשטע צוויי סעודות עסט מען

אין די צייט ווען מען עסט די גאנצע וואך סעודות, איינס ביינאכט, און דאס אנדערע צופרי, איז דאך נישט דא קיין היכר אז מען עסט די סעודות לכבוד שבת קודש,

אבער ווען עס קומט צו שלש סעודות האלט מען דאך נישט לאנג נאכן עסן די סעודה פון צופרי, איבער הויפט ווינטער ווען עס קען אויס קומען, אז מען עסט די דריטע סעודה ממש צוויי שעה נאך די צופרי סעודה, קומט דאך אויס אז די דריטע סעודה איז באמת לכבוד שבת, וועגן דעם הייסט דאס "שלש סעודות", ווייל דאס ווייזט אז באמת זענען אלע דריי סעודות געווען לכבוד שבת קודש,

אמאל איז צום רבין פון לובלין געקומען אויף א באזיך הרה"ק רבי לוי יצחק מברדיטשוב זי"ע, און דער הייליגער חוזה האט אן געזאגט פון גרויס ביז קליין, אז יעדער זאל ארויסגיין מקבל פנים זיין דעם צדיק מברדיטשוב, הרה"ק רבי הערשעלע מזידיטשוב זי"ע האט זייער געוואלט זעהן ווי אזוי דער הייליגער רבי, דער חוזה מלובלין מאכט די הכנה צו מקבל פנים זיין דעם הייליגען בארדיטשובער רב, האט זיך רבי הערשעלע באהאלטן אין א שאפע אונעם שטוב פונעם הייליגען חוזה,

הערט ער ווי דער רבי שפאנט אין דעם צימער ארויף און אראפ מיט גרויס התרגשות, און זאגט צו זיך, רבונו של עולם, וואס וועט דא זיין, מ'האלט מיך פאר א צדיק, אבער דערווייל קומט יעצט א צדיק אמת, און וועט מגלה זיין ברבים און ער וועט אויס זאגן דעם אמת ווער איך בין, אז איך בין בכלל נישט קיין רבי און נישט קיין צדיק גארנישט מיט נישט,

עס האט דעם רבי הערעשלע געכאפט א פחד, און ער האט שוין חרטה געהאט פארן זיך באהאלטן אונעם רבין'ס שטוב, אבער ער האט נישט געקענט ארויס גיין, ווייל ער האט מורא געהאט פון אן הקפדה פונעם הייליגען חוזה מלובלין, מיט אמאל הערט ער ווי דער רבי זאגט, רבונו של עולם, איך שעם זיך אז דער צדיק וועט אויפדעקן מיין פאלשקייט, איי ווערסטו פרעגן פארוואס שעם איך זיך נישט פאר דיר רבונו של עולם, ווייל מיט דיר בין איך שוין געוואוינט,

א גרויסער חסיד פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע איז אמאל געקומען צום רבין, און זיך אויס גערעדט דאס הארץ, אז ער האט א טאכטער אין די יארן און ער דארף א שידוך פאר איר, אבער ליידער האט ער קוים פרנסה אויף צום לעבן, און אוודאי נישט אויף צו חתונה מאכן, און ער האט געבעטן א המלצה בריוו פונעם רבין, וואס מיט דעם וועט ער אפשר קענען צוזאמען שטעלן א שיינע סכום צו קענען חתונה מאכן זיין טאכטער, און דער רבי האט דעם חסיד געגעבן א שיינעם בריוו,

דער איד האט גאר שווער געארבעט פאר א שטיק צייט, און האט ב"ה מיטן בריוו צוזאמען געשטעלט א שיינעם סכום, וואס וועט אים העלפן חתונה מאכן זיין טאכטער גרינגערהייט, און אויפן וועג אהיים האט דער חסיד זיך אפ געשטעלט אין לובלין, זיך צו באדאנקען פארן רבין פאר די בריוו, און דערציילן פארן רבין אז ער האט ב"ה צוזאמען געשטעלט א שיינעם סכום,

אזוי ווי דער איד קומט אריין צום רבין, רופט זיך דער רבי אן צו דעם איד, אז ער דער חוזה נויטיגט זיך אין א סומע געלט פאר א דבר מצוה, און ער בעט אים זייער אז ער זאל אים געבן דעם סכום געלט פאר דעם דבר מצוה, דער חסיד וואס איז געווען דורכגעווייקט מיט אמונת צדיקים, האט נישט קיין סאך געקלערט, נאר גלייך אהין געגעבן דאס גאנצע געלט וואס ער האט אזוי שווער צוזאמען געשטעלט פארן הייליגען חוזה מלובלין זי"ע,

שטייענדיג אזוי פארן חוזה, זאגט אים דער צדיק, דערפאר וואס די האסט מיר אהין געגעבן דאס גאנצע געלט, וועל איך דיר געבן א ברכה, אז ווען די וועסט זיך געפינען אין אן עת צרה ח"ו, זאלסטו זאגן "יעקב יצחק בן מאטיל", און איך זאג דיר צו אז איך וועל דיר ארויס העלפן פון די צרה, סיי אויב איך וועל נאך זיין אויף דעם עולם, אדער מעולם האמת, וועל איך דיר קומען העלפן,

דערווייל איז אריבער א שטיק צייט, און דער הייליגער חוזה מלובלין איז נסתלק געווארן, אבער דער איד האט נישט געהאט קיין געלט צו קענען חתונה מאכן זיין טאכטער, אבער איין זאך יא, דער נאמען פון דעם איד איז ארויס אומעטום אלס א גרויסער גביר, אפילו ער האט באמת נישט געהאט קיין געלט,

איין טאג האבן א באנדע רויבערס באפאלען דעם איד און נאך אפאר אידישע גבירים און זיי פארכאפט, און צוזאמען זיי אוועק געפירט ערגעץ צו אן אינטער ערדישן קעלער, און זיי אלע געבונדען הענט און פיס און געלייגט אויף דער ערד, און דערווייל זענען די רויבערס ארויס פון דארט,

דער איד דערזעענדיג זיין צרה, האט זיך דערמאנט די ברכה וואס זיין רבי דער הייליגער חוזה מלובלין האט אים געגעבן, האט באלד דערמאנט די ווערטער "יעקב יצחק בן מאטיל", און באלד האט ערשינען די געשטאלט פון זיין רבין דער הייליגער חוזה מלובלין פון עולם העליון, און דער חוזה האט אים אויפ געבינדן די קייטן און געזאגט, לויף שוין ארויס פון דא, האט דער איד געפרעגט וואס איז מיט די אנדערע אידן דא, האט דער רבי זיי אויך אויפגעבינדן, דאן האט דער איד געפרעגט דעם רבין, וואס וועט זיין מיט א שידוך פארן טאכטער, זאגט דער הייליגער חוזה, נעמט פון דאנען וויפיל איר קענט, און דער רבי איז נעלם געווארן,

ווען דער איד האט זיך ארום געקוקט, האט ער באמערקט ווי דאס ארט איז פיל מיט גאלד און זילבער וואס די רויבערס האבן דא אין קעלער באהאלטן, דער איד האט

זיך אנגעפילט די קעשענעס מיט אסאך סחורה און אהיים געלאפן, און פארשטייט זיך ער האט געטראפן א פאסיגן שידוך פארן טאכטער און געלעבט א רייך לעבן, אלעס א דאנק זיין גרויסע אמונת צדיקים,

דער געהויבענע תלמיד פונעם הייליגען חוזה מלובלין, הרה"ק רבי שמואל מקארוב זי"ע, האט רוב פון זיין לעבן געלעבט אין א שרעקליכע דחקות, אבער דער צדיק האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין מתנות בשר ודם, איין יאר ווען עס איז געקומען יו"ט פסח און דער צדיק האט גארנישט געהאט אויף יו"ט, נישט קיין מצות נישט קיין וויין, האט ער אבער זיין מנהג פון נישט בעטן פון אנדערע נישט געוואלט אויפגעבן, נאר זיך פארלאזט אויפן גרויסן באשעפער, אז ער וועט שוין שיקן אלעס פאר יו"ט,

בעפאר פסח איז דער גביר הרה"ח המפורסם ר' שלמה מקאנסיוואלי זי"ע, דער איידעם פון הרה"ק רבי נטע מכעלאם זי"ע געפארן קיין לובלין צום הייליגען חוזה זי"ע, ווען דער הייליגער חוזה האט דערזעהן דעם גביר רבי שלמה, האט ער געבעטן אז ער זאל אריבערשיקן פאר דעם צדיק רבי שמואל אלע צרכי פסח, דער גביר האט אויסגעפאלגט וואס זיין רבי האט אים געבעטן, און אריבער געשיקט פאר רבי שמואל מקארוב זי"ע כל טיב וטוב וואס עס האט אים אויס געפעילט פארן יו"ט,

דער צדיק רבי שמואל איז אויף געלאכטן געווארן, און צו געגאנגען צום הייליגען יו"ט מיט א בדיחא דעתיה, ער האט זיך געזעצט צום סדר מיט א מוראדיגע שמחה, און געדאנקט דעם גרויסן באשעפער, אז ער האט נישט געברויכט בעטן פון קיינעם פאר יו"ט, און ער האט געשפירט אז ער האט נאך קיינמאל נישט געפירט א סדר אזוי דערהויבן ווי דעם סדר,

דער צווייטע נאכט פסח, האט ער זיך פארן סדר צו געלייגט זיך צו גרייטן פארן סדר, אבער ווען דער צדיק האט זיך דערוועקט האט ער געזעהן אז עס איז שוין באלד חצות, און דער צדיק האט מקפיד געווען צו עסן דעם אפיקומן בעפאר חצות, האט ער אפגעפירט דעם סדר שנעל, כדי צו קענען עסן דעם אפיקומן פאר חצות, נאכן סדר איז דער צדיק געווען זייער צובראכן ביי זיך, אז ער האט געמיזט אפ כאפען דעם גאנצן סדר אזוי שנעל, און ער האט פון דעם געהאט גרויס צער,

נאך פסח איז דער צדיק געפארן צו זיין רבין דער חוזה מלובלין זי"ע, און תיכף ווען ער איז אריין צום חוזה, האט די רבי אים געגעבן שלום עליכם, און געזאגט, רבי שמואל ניתי ונחזי ווי אזוי דיינע סדרים זענען געווען, און דער חוזה האט געזאגט, דעם ערשטען סדר איז געווען זייער בשפלות הערך, ווייל ביי דיר ביזסטו געווען מיט א מוראדיגע קדושה און געשוועבט אין די הימלען,

אבער דעם צווייטן סדר איז געווען זייער געהויבען און הייליג, און עס איז נישט געווען קיינער וואס האט אפגעראכטן דעם סדר אזוי ווי דיר רבי שמואל, ווייל דעם צווייטן סדר ביסטו געווען און א מצב פון שפל ונבזה און א צובראכן הארץ, און ווי דוד המלך זאגט לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה, און דערפאר איז דער צווייטע נאכט סדר געווען אסאך מער דעהויבען,

הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע איז אמאל געווען ביי זיין הייליגען רבין דער חוזה מלובלין אויף תשעה באב, און דער חוזה האט אים גערופען, און געהייסן עסן און טרינקען אפילו עס איז געווען תשעה באב, דער שר שלום האט זיך אויף דעם זייער געוואונדערט, ווייל ער האט בכלל נישט געשפירט קיין שוואכקייט, אבער מיט זיין אמונה פשוטה אין זיין רבין און אז די רבי הייסט עסן עסט מען,

ווען דער שר שלום איז נאכדעם אנגעקומען אהיים איז ער שווער קראנק געווארן, און ווען עס איז אנגעקומען דעם הייליגען טאג יום הקדוש, האט דער שר שלום געפרעגט דעם דאקטאר פון לעמבערג, אויב ער מעג פאסטן יום הקדוש, האט דער דאקטאר געזאגט, אויב האסטו נישט געפאסט אין די פארגאנגענע צוויי חדשים, קענסטו פאסטן יום הקדוש, דאן האט דער הייליגער שר שלום געזען דעם רוח הקודש פון זיין רבין דער הייליגער חוזה מלובלין, אז ער האט אים געהייסן עסן תשעה באב וואס איז נישט אזוי הארב ווי יום הקדוש, כדי ער זאל קענען פאסטן יום הקדוש,

אין קראקא איז געווען א יונגערמאן א תלמיד חכם הרה"ח ר' אברהם משה פיללער ז"ל, וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, און נאכן לערנען אפאר יאר נאך די חתונה, האט אים זיין שווער געזאגט אז עס איז געקומען די צייט, אז ער זאל זיך אריינלייגן אין מסחר, איז דער יונגערמאן אריבער צו זיין רבין דער הייליגער חוזה מלובלין, און געפרעגט פון זיין רבין מיט וואס ער זאל האנדלען, האט אים זיין רבי דער חוזה געזאגט, זאלסט קויפן דעם ערשטן מסחר וואס וועט דיר אינטער קומען,

פארענדיג אהיים האט ער באגעגענט א סוחר, וועלכער האט אים אן געטראגן צו קויפן א וואגען פיל מיט שיך, רבי אברהם משה האט נישט געטראכט קיין צוויי, און מיט זיין גרויסע אמונת צדיקים האט ער מסכים געווען צו קויפן דעם גאנצן וואגן מיט שיך, און ער האט דאס אפ געקויפט פאר 500 רענדלער,

ווען ער איז אהיים געקומען, און דער שווער האט געזען וואס דער איידעם דער יונגערמאן האט איינגעקויפט, האט ער אים געגעבן א גרויסע פסק, וויבאלד דער שווער איז געווען א גרויסע מתנגד, און ער האט אן געשריגן דעם איידעם פארן פארשווענדן דאס גאנצע געלט אן קיין שכל,

ווייל עס וועט אים נעמען גאר א לאנגע צייט, צו פארקויפן אזא גרויסע סכום שיך,

אבער נאך א קורצע צייט איז אנגעקומען אין שטאט די שטאטישע מיליטער, און זיי האבן געזיכט צו קויפן פארשידענע באדערפענישן, און צווישן די זאכן וואס זיי האבן געברויכט איז געווען שיך, דער חסיד רבי אברהם משה האט פאר די מיליטער אנגעטראגן די שיך פאר א ריזן סכום געלט, און זיי האבן מסכים געווען, און דער אברהם משה איז נתעשר געווארן פון דעם איינעם געשעפט וואס ער האט געטון, אלעס נאר מיט זיין געוואלדיגע אמונה פשוטה אין זיין גרויסן רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע,

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, פלעגט דערציילן בשם זיין רבין הרה"ק רבי אשר ישעי' מראפשיץ זי"ע, אז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, איז געווען פון די וואס האבן זיך געציילט אויפן קרבן פסח פון אליהו הנביא ע"ה יעדעס יאר, און דער דברי חיים האט געזאגט, אז דער ראפשיצער רב האט געזאגט, אז מען האט געקענט זעהן אויף די ליפן פונעם הייליגען חוזה, ווי עס איז דא פעטענס פונעם קרבן פסח,

און דער דברי חיים האט געזאגט, אז בשעת ווען דער ראפשיצער רב האט דאס פארציילט, האט מען אויף זיינע ליפען אויך געזעהן די פעטענס, און אויף דעם האט צו געלייגט הרה"ק רבי אלעזר ריישא זי"ע, אז אויך אויף זיין רבין דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, האט מען געזעהן בשעת ער האט דאס פארציילט האט ער געהאט פעטענס אויף די ליפען פונעם קרבן פסח.

עס ווערט פארציילט, אז איינמאל איז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געווען ביים חוזה מלובלין זי"ע, און ער האט געהאלטן אינמיטן אויפנעמען דעם עולם, און ער האט געהייסן יעדן ארויסגיין פון שטוב, דער צאנזער רב וואס איז נאך דאן געווען יונג האט זייער געוואלט זעהן וואס דער חוזה גייט טון, האט ער זיך באהאלטן,

ווען יעדער איז ארויס, איז דער חוזה צו געגאנגען און געזאגט פארן צאנזער רב, "ס'וועט קומען א צייט ווען דו וועסט נעמען קוויטלעך, וועל איך דיר מסביר זיין וואס איך טו ווען מענטשן קומען צו מיר מיט בקשות און שאלות, פון ווי ווייס איך וואס צו ענטפערן,

נאר איינער וואס לערנט די תורה הקדושה, זעהט דעם שם הוי"ה שיינען פאר די אויגען, און ווען איך קוק אויפן שם הוי"ה ווייס איך וואס צו ענטפערן, אבער ווען די שם הערט אויף שיינען, דאן שפאר איך מיך איין אונעם שטוב, און איך לערן נאך תורה אז דער שם זאל ווייטער שיינען, און דער הייליגער חוזה מלובלין האט זיך געזעצט לערנען משניות מסכת זבחים, און דערנאך האט ער צוריק געפענט דעם טיר ווייטער אויפנעמען דעם עולם.

דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע האט באדינט זיין רבי דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, און זיך ממש נישט אוועק גערירט פונעם חוזה, איז געווען חודש חשון די יאר וואס דער הייליגער חוזה איז נסתלק געווארן, און דער הייליגער חוזה איז געווען גאר שוואך און נישט געקענט גיין אויף די פיס, האט דער תלמיד רבי הערשעלע געטראגן דעם רבין מוצאי שבת נאך הבדלה, און עס איז געווען די לעצטע טאג וואס מען האט געקענט מאכן קידוש לבנה, און דער חוזה האט נאכנישט געהאט געמאכט קידוש לבנה, אבער עס איז געגאנגען א רעגן און מען האט נישט געזען קיין לבנה,

האט דער חוזה געזאגט בזה"ל, "עס וואלט געווען א גאר א חשובע זאך, אז רבי הירשלי זאל אונז געבן א שיינע לבנה צו מאכן קידוש לבנה", גלייך איז דער תלמיד רבי הערשעלע צו געגאנגען צום ערשטען פענסטער פונעם ביהמ"ד, און זאגט פארן רבין, "רבי דא האט איר א שיינע לבנה", און גלייך האבן זיך די וואלקענעס א ריק געגעבן און דער חוזה האט געקענט מאכן קידוש לבנה,

די פלא איז געווען, נישט אז די לבנה איז ארויס געקומען, נאר אז די לבנה האט זיך באוויזן ביים פענסטער, וואס איז בכלל נישט געווען קעגן די זייט ווי די לבנה איז געווענליך, און דער חוזה האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, "מיינט נישט אז דער רבי הירשלי האט איבער גערדרייט דעם וואנט פון די ביהמ"ד, און דאס געשטעלט קעגן די לבנה, נאר ער האט איבער געדרייט די סדר פון די הימל, און געברענגט די לבנה קעגן די פענסטער, און דאס איז אלעס נאר כדי איך זאל מיך נישט דארפן מיטשענען ווייל איך בין דאך שוואך, און ער האט נישט געוואלט מיך מטריח זיין", ווייל דאס איז געווען די כח פונעם הייליגען תלמיד,

איין יאר שמחת תורה איז דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע געווען אויף יו"ט ביי זיין גרויסן רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, יענע יאר איז אויס געקומען, אז הושענא רבה איז געווען מיטוואך, און שמיני עצרת דאנערשטאג, און שמחת תורה פרייטאג, און נאך די גאנצע עבודת הקודש פונעם יו"ט, האט דער הייליגער עטרת צבי געדאוונט מנחה ערב שבת וואס איז געווען מנחה פון שמחת תורה, און כדי צו שעפן פרישע כוחות, האט זיך דער הייליגער עטרת צבי אראפ געלייגט נאך מנחה פאר א קורצע צייט,

אבער די שלאף פונעם עטרת צבי האט זיך פארצויגען, און ווען זיין רבי דער הייליגער חוזה מלובלין האט זיך געוואלט שטעלן דאווענען מעריב, האט ער געפרעגט די נאנטע, ווי איז רבי הערשעלע, האט מען געזאגט פארן חוזה, אז רבי הערשעלע שלאפט, האט דער הייליגער חוזה מלובלין אן געזאגט, "ח"ו נישט אויף וועקן רבי הערשעלע, ער שלאפט גוט",

נאכן דאווענען ווען דער חוזה מלובלין האט געוואלט גיין עסן, האט ער זיך נאכאמאל נאך געפרעגט וואס רבי הערשעלע טוט, האט מען ווייטער געזאגט, אז רבי הערשעלע שלאפט, האט ווייטער דער חוזה געזאגט, אז מען זאל אים נישט אויף וועקן, ווייל ער שלאפט גוט, און אזוי איז דאס געווען אפאר מאל, ביז איינע פון די חסידים זענען אריין אינעם שטוב, ווי דער צדיק רבי הערשעלע דער עטרת צבי איז געשלאפן און האט אים אויף געוועקט,

ווען מען איז געקומען דערציילן די גוטע בשורה פארן הייליגען חוזה, אז רבי הערשעלע איז שוין אויף געשטאנען, האט דער הייליגער חוזה געזאגט מיט גרויס צער, "שוטה אחד מאבד טובות הרבה", ווייל דער צדיק רבי הערשעלע האט שוין געהאלטן אויף אזא הויכע מדרגה בעולם העליון, אז ער האט שוין אנגעכאפט דעם קלאמקע פונעם היכל פון משיח, און ווען מען לאזט אים ווען נאך אביסל שלאפן, וואלט דער צדיק רבי הערשעלע געקענט פויעלען די גאולה שלימה, אבער יעצט אז מען האט אים דערוועקט, האט מען אלעס געשטערט.

דער צדיק רבי שמואל מקארוב זי"ע האט געהאט א מנהג, אז ער האט געפאסט משבת לשבת, איין וואך איז ער געפארן צו זיין רבי דער הייליגער חוזה זי"ע אויף שבת, אינמיטן וועג איז ער דורך געפארן א טייך און עס האט אים געכאפט א שטארקע דארשט ממש סכנת נפשות, איז ער אראפ צו טייך כדי צו כאפן א טרינק,

אבער ער האט גלייך ביי זיך געטראכט, עס איז דאך פרייטאג נאנט צום זמן, פארוואס זאל איך צוברעכן מיין תענית פאר אביסל וואסער און מבטל זיין דעם תענית משבת לשבת, איז ער אוועק פונעם טייך און אנגעהויבן ווייטער פארן קיין לובלין, אבער ער האט גלייך באקומען א מחשבה פון גאווה, אז ער האט זיך געקענט איינהאלטן פון די תאווה פון טרינקען, אפילו ער איז געווען אזוי דארשטיג, און עס האט זיך אריין געכאפט א שטיקל גאווה,

גלייך האט זיך דער צדיק צוריק געדרייט צום טייך און גענומען א טרינק וואסער, ווייל אויב פאסטן קען ברענגען גיאות איז דאס גארנישט ווערט, ווען דער צדיק איז אריין צום רבין דער חוזה מלובלין, האט דער חוזה געזאגט פארן רבין, "דאס איז שוין א קונסטלעכע ארבעט".

ווי עס איז באקאנט האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע מחזר בתשובה געווען הרה"ק רבי חיים דוד דאקטאר זי"ע, און אים ארויף געברענגט צו א גאר הויכע מדריגה, און נאכן פטירה פונעם חוזה האט ער זיך מדבק געווען אין רבי דוד'ל לעלובער זי"ע, און נאכן פטירה פונעם לעלובער האט ער זיך מדבק געווען אינעם הייליגען תפארת שלמה מראדומסק זי"ע,

האבן די חסידים געפרעגט רבי חיים דוד, וויבאלד דער הייליגער תפארת שלמה איז דאך שוין געווען א דור שפעטער, ווי אזוי קענסטו זיך מדבק זיין אינעם תפארת שלמה, נאכן זיין דבוק אינעם חוזה מלובלין און אויך אינעם הייליגע לעלובער זי"ע,

האט רבי חיים דוד דאקטאר זי"ע, געזאגט, מיין רבי דער חוזה מלובלין האט מיך אויס געלערנט, ווי אזוי צו שפירען אויף איינעם וואס איז א צדיק וקדוש און פון די נוטרי ברית, און דער הייליגער תפארת שלמה האט אלע סימנים, ער איז א צדיק וקדוש, און ער האט אין זיך די נשמת התנא רבי עקיבא ע"ה, און חכמת שלמה המלך ע"ה, און ער איז בבחינת יוסף הצדיק ע"ה,

אין א דארף נעבן ריבאטיטש האט געוואוינט א איד, וועלכע עס איז שוין דורך צוואנציג יאר זינט ער האט חתונה געהאט, אבער ער האט ל"ע נישט זוכה געווען געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, דער איד האט געהערט אז אין לובלין וואוינט א גרויסער רבי וואס אסאך ווערן געהאלפן דורך זיינע ברכות, האט ער מחליט געווען אז אויך ער וועט פארן קיין לובלין צום רבי'ן בעטן א ברכה ער זאל האבן זרע של קיימא,

וויבאלד אבער דער איד האט געהערט, אז שרייבן א קוויטל איז אסאך מאל פארבינדן מיט געבן "שכר טירחה" פאר די וואס קענען שרייבן, און ער האט נישט געהאט קיין געלט צו געבן, איז ער געפארן צום דערנעבנדיגען שטאט ריבאטיטש, און איז אריין צום רב פון שטאט, וואס איז געווען דער הייליגער בני יששכר זי"ע, וועלכע איז נאך געווען א יונגערמאן, און אים געבעטן א טובה, אז ער זאל אים אפשרייבן א קוויטל אומזיסט, דער הייליגער בני יששכר זי"ע האט בתשואת חן ערפילט זיין פארלאנג,

דער איד איז באלד אפגעפארן קיין לובלין, און אריין צום הייליגן חוזה זי"ע און איבער געגעבן זיין קוויטל, דער רבי פון לובלין האט באלד מרגיש געווען, אז א גרויסער מענטש האט געשריבן דעם קוויטל, און האט געפרעגט דעם איד, "ווער האט דיר געשריבן דאס קוויטל" האט דער איד געענטפערט, "דער רב פון ריבאטיטש", דאן האט דער חוזה געזאגט, "דו דארפסט שוין נישט אנקומען צו מיין ברכה, דער וואס האט דיר געשריבן דאס קוויטל האט שוין גע'פועל'ט די ישועה, ביז א יאר וועסטו האבן א קינד".

הרה"ק רבי נתן לייב זי"ע דער הייליגער זון פון דעם צדיק רבי מענדעלע מרימנוב זי"ע, איז אמאל געווען אויף שבועות אין לובלין ביים הייליגען חוזה זי"ע, אינמיטן יו"ט האט דער הייליגער חוזה געפרעגט פון רבי נתן לייב בזה"ל, "ווי איז דיין טאטע, איך זעה אים נישט", דער זון רבי נתן לייב האט זיך גאר שטארק דערשראקן הערענדיג די ווערטער, ווייל ער האט געטראכט, אז אפשר איז זיין טאטע נסתלק געווארן, און דאס זעהט דער הייליגער חוזה מלובלין,

אזוי ווי עס איז געווארן מוצאי יו"ט, איז דער רבי נתן לייב גלייך שנעל אהיים געפארן, און אזוי ווי ער קומט אן אין שטאט, פרעגט ער איינעם וואס טוט זיך דא אין שטאט,

אבער יענער זאגט אים אז אלעס איז גוט, איז ער גלייך געלאפן צו זיין טאטן אין שטוב, און זעהט אז דער טאטע איז געזונט און פריש, דערציילט ער פארן טאטן וואס דער הייליגער חוזה מלובלין האט אים געזאגט, ענטפערט דער הייליגער צדיק רבי מענדעלע מרימנוב זי"ע פארן זון בזה"ל, "די רבי האט מיך געזיכט אין הימל, אבער איך בין געווען אין שטאט וויען און איך האב מבטל געווען גזירות".

צדיקים הקודמים האבן דערציילט, אז אינעם שטאט לאנצהוט איז געווען א באנק אינעם ביהמ"ד ווי דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט געדאווענט, און מען האט דערציילט פון הונדערטער אידן וואס זענען ליידער געווען קראנק, און זענען געקומען און זיך געלייגט אויפן באנק און געווארן אויסגעהיילט, אבער ליידער האבן די דייטשן ימ"ש חרוב געמאכט דעם באנק ביים צווייטן וועלט מלחמה.

מען פארציילט אז ווען דער צדיק הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע איז איינמאל זייער נישט געזונט געווען, איז ער אנגעקומען קיין צאנז צו א משפחה שמחה, יענע צייט איז ארויס געקומען די ספר הקדוש "זכרון זאת" פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, איז געקומען הרה"ק מצאנז זי"ע צום בעלזא רבין זי"ע, און זייער משבח געווען דעם ספר זכרון זאת, און די גאנצע צייט בשעת'ן רעדן, האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע אריין גערעדט גלייך אונעם מויל פונעם רבין, און לפלא האט דער בעלזא רב געהאט א רפואה.

דערציילט מען אז איינמאל איז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געווען אויפן וועג, פלוצלונג איז די פערד און וואגן אריין געפאלן אין א בלאטע, האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע מיט זיין גרויס עניוות און מידות האמת געזאגט בזה"ל, "רבוש"ע איך ווייס אז דאס האט פאסירט צוליב מיינע עוונות ופשעים, און איך ווייס אז די ווילסט איך זאל תשובה טון, אבער דא אין בלאטע ווילסטו אז איך זאל תשובה טון, איך בעט דיך נעם מיך ארויס פונעם בלאטע, און איך זאג צו אז איך וועל תשובה טון",

הרה"ק רבי חיים אלעזר בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע האט דערציילט, אז ווי באקאנט האט מען ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע געזעהן ממש אפענע רוח הקדוש כסדר, דערציילט דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע, אז דער מנהג יום הקדוש ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע איז געווען, אז ווען דער חוזה איז ארום געגאנגען דעם באלעמער יום הקדוש און געזאגט דעם פסוק אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה, איז דעם פנים פונעם חוזה געווען איבער געדעקט מיטן טלית, און הונדערטער חסידים זענען געשטאנען ארום און זיך מזכיר געווען מיט בקשות ביים הייליגען חוזה,

איין יאר איז דארט געווען א יונגערמאן א חסיד פונעם הייליגען חוזה זי"ע, וואס האט שוין געהאלטן יארן נאך די חתונה און נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, דער יונגערמאן האט זיך אויך צו געשטיפט צום רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, און ער האט זיך מזכיר געווען אז ער זאל שוין זוכה זיין צו א קינד, לפלא תוך כדי דיבור האט דער הייליגער חוזה זי"ע געזאגט פארן יונגערמאן בזה"ל, "עס איז שוין א תפילת שוא, ווייל דיין פרוי ווארט שוין א קינד א טאכטער", פארשטייט זיך אז נאך יו"ט האט דער יונגערמאן געהערט דעם בשורה טובה, אז עס ווארט אים א שמחה,

האט דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע אויס געפירט, קוקט ווי גרויס דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע איז געווען, אז יום הקדוש ביינאכט ווען דער צדיק איז געווען פארנומען צו פועל'ן א גוט געבענטשט יאר פאר כלל ישראל, האט ער אבער געהערט דעם בקשה פונעם חסיד, און געהאט צייט נאך צו קוקען בגבהי מרומים וואס עס טוט זיך, און אפילו געענטפערט פארן חסיד א תשובה אז ער איז שוין געהאלפן געווארן, און טאקע דערפאר האט מען דעם צדיק וקדוש גערופן מיטן נאמען "חוזה מלובלין".

האט דערציילט דעם צדיק וקדוש רבי מרדכי דוד מדאמבראווא זי"ע, אז איינע פון די טעג פון יו"ט איז ער געווען דער שומר ביים טיר פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע אז קיינער זאל נישט אריין גיין שטערן דעם חוזה פון זיין הייליגע עבודה, אבער פלוצלונג זעהט ער דריי מענטשן ארויס גיין פונעם שטוב פונעם הייליגען חוזה, עס איז געווען א גרויסע וואונדער ווי אזוי די אידן זענען אריין אין שטוב ווען ער איז דאך די גאנצע צייט געזעצן שמירה ביים טיר,

איז ער אריין אין שטוב און געפרעגט דעם הייליגען חוזה, ווער זענען געווען די דריי אידן וואס זענען יעצט ארויס פונעם שטוב, איך האב דאך קיינעם נישט געזען אריין גיין צום רבין, האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געזאגט, די דריי זענען געווען די אבות הקדושים "אברהם, יצחק, יעקב," וואס זענען געקומען מיר וואונטשן א גוט יום טוב, און וויבאלד זיי האבן געזען אז איך בין שוואך און איך האב נישט קיין כח צוליב מיין עבודת הקודש, האבן זיי מיך נישט געוואלט אויפהאלטן און זענען אוועק געגאנגען,

הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע האט דערציילט, אז ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע איז געווען א גרויסע עבודה ביים עסן, מען האט געזעהן דברים נשגבים, דער הייליגער חוזה האט געהאט א טעלער אין וואס ער האט געגעסן די זופ, און מען האט דאס גערופן מיטן נאמען "משיח'ס שיסעלע", און די סיבה איז געווען ווי פאלגאנד,

איין יאר שבת קודש חזון, ווען מען האט אריין געברענגט די זופ פארן הייליגען חוזה, האט ער נאר טועם געווען דערפון און גלייך געבעטן דעם משמש, אז ער זאל דעם גאנצן זופ טראגן צו א איד וואס איז געזעצן ביים עק פונעם טיש, ביים הייליגע חוזה זענען געווען צוויי דרגות פון

חשובע אידן ביים טיש, די גאר חשובע זענען געווען מיט "שטריימלעך", די צווייטע דרגה איז געווען מיט "ספאדיק'ס", און יענער איד האט געטראגן א ספאדיק.

ווען דער משמש האט צוריק געברענגט די ליידיגע טעלער פון די זופ פארן הייליגן חוזה, האט דער הייליגער חוזה זי"ע געזעהן די וואונדער פונעם משמש פארוואס ער האט פאר דעם איד געשיקט די גאנצע זופ.

האט ער געזאגט פארן משמש, דער איד איז געווען משיח צדקנו, און ער איז נאר געקומען צום טיש עסן די זופ, דער משמש איז גלייך צוריק זיכן דעם איד, אבער לפלא האט מען דעם איד שוין מער נישט געטראפן אין ביהמ"ד, און דערפאר האט מען דעם שיסל גערופן מיטן נאמען "משיח'ס שיסעלע".

איינמאל האבן די גרויסע תלמידים פונעם הייליגן חוזה זי"ע גערעדט צווישן זיך משום איזה סיבה שהוא, אויב דער רבי דער חוזה האט גילוי אליהו הנביא ז"ל, אבער קיינער פון זיי האט נישט געוואלט גיין פרעגן די שאלה פין זייער רבי פון גרויס פחד און יראת הכבוד, האבן זיי אפ געמאכט צווישן זיך, אז מען וועט ווארפן גורל ווער עס זאל גיין פרעגן, און דער וואס געווינט און גייט פרעגן די שאלה, וועט באקומען א פלשעל מעד.

מען האט געמאכט דעם גורל און עס איז געפאלן אויפן הייליגן זרע קודש מראפשיץ זי"ע, איז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע געגאנגען מיט גרויסע פחד און מורא צום שטוב פונעם רבין, און מיט גרויס חכמה האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע אריין געשטעקט זיין קאפ אינעם שטוב פונעם רבין און געזאגט בזה"ל, "רבי וואס זאל איך טון איך וויל פארדינען א טאפ מעד", און גלייך איז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע אנטלאפן.

שפעטער האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געפרעגט דעם תלמיד דעם הייליגער ראפשיצער רב זי"ע דעם פשט וואס ער האט געזאגט, האט דער הייליגער ראפשיצער רב דערציילט פארן רבין אז די תלמידים ווילן וויסן אויב די רבי האט גילוי אליהו, האט דער הייליגער חוזה זי"ע געזאגט בזה"ל, "גילוי אליהו צו איך האב צו נישט, וויל איך נישט זאגן, אבער גילוי צדיקים האב איך יא, וואס איז אסאך גרעסער פון גילוי אליהו", ובסוד קדושים מי יעמוד.

צום הייליגן בית אהרן מקרלין זי"ע איז אמאל געקומען א אייניקל פונעם הייליגן חוזה מלובלין זי"ע, וואס האט נאך געהאט א זכי' צו זעהן דעם הייליגן צורה פונעם זיידן דער חוזה מלובלין זי"ע, האט דער הייליגער בית אהרן אריין געקוקט אין די אויגן פונעם אייניקל און געזאגט בזה"ל, "וואויל איז די אויגן, וואס קוקן אריין אין די אויגן, וואס האבן געזעהן דעם הייליגן צדיק דער חוזה מלובלין זי"ע".

ווערט דערציילט, אז איין שבת קודש ביינאכט ביים הייליגן חוזה מלובלין זי"ע, האט דער הייליגער חוזה זי"ע געזאגט, איך וויל זייער זאגן תורה, אבער וואס זאל איך טון אז מען לאזט מיך פין הימל נישט זאגן, דאס זעלבע האט זיך איבער גע'חזר'ט שבת קודש צופרי ביים טיש, אבער ווען עס איז געקומען שלש סעודות האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געזאגט בזה"ל, "וְעָשִׂיתָ מִשְׁבְּצֹת זָהָב, השי"ת יתן לכל יהודי ארגזים מלאים זהב", השי"ת זאל געבן פאר אידישע קינדער גאנצע שענקליך פיל מיט זילבער.

האט איינע פון די צדיקים דאס מסביר געווען לויט וואס דער הייליגער צדיק רבי אברהם מסלונים זי"ע האט געזאגט בשם זיין טאטן הרה"ק רבי שמואל בעל דברי שמואל מסלונים זי"ע, אויפן פסוק מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ, האט דער הייליגער צדיק מסלונים געזאגט, אז די אותיות וואס קומט בעפאר "שבת", איז "אשר", און דאס איז מרמז אויף תוספות שבת, ווייל שבת קודש איז משפיע נאר אויף רוחניות, אבער ווען א איד איז מקיים תוספות שבת, ברענגט ער אראפ השפעות אויך אין גשמיות, און דערפאר האט דער הייליגער חוזה געווארט ביז שלש סעודות מיטן פשט אויפן פסוק, "וְעָשִׂיתָ מִשְׁבְּצֹת זָהָב, השי"ת יתן לכל יהודי ארגזים מלאים זהב", און מיט דעם אראפ געברענגט השפעות פאר אידישע קינדער.

איינמאל מוצאי שמחת תורה איז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געזעצן מיט זיינע געהויבענע תלמידים און גערעדט, און בשעת מעשה ווען עס איז געווען בדיחי דעתי פונעם הייליגן חוזה זי"ע, האט דער הייליגער חוזה געזאגט פאר זיינע תלמידים, אז ער קען זיי אלע זאגן די כוונת וואס זיי האבן געהאט בשעתן דאווענען יו"ט, האט איינע פון די גרויסע תלמידים געזאגט פארן רבין, איך גלייב באמונה שלימה אז די רבי ווייסט וואס איך האב מתפלל געווען, אבער איך בעט די רבי זאל מיר זאגן וואס איך האב אינזין געהאט.

האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געזאגט פארן תלמיד, די האסט מתפלל געווען ביים דאווענען אזוי, רבוש"ע די גיבסט מיך דאך יעדע וואך אויף הוצאות שבת קודש, איז וואס שטערט דיך רבוש"ע אז די זאלסט מיר שוין געבן די הוצאות שבת שוין זונטאג, אזוי וועל איך שוין האבן הרחבת הדעת די גאנצע וואך און קענען לערנען תורה מיט א רואיגקייט אן קיין דאגה, האט דער תלמיד געפרעגט דעם רבין, וואס האט מען געענטפערט אויף דעם בקשה.

האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געזאגט, אין הימל האט מען געזאגט, אז עס איז אסאך מער חשוב ביים גרויסן באשעפער די יסורים וואס די האסט די גאנצע וואך, מער ווי דיין לערנען תורה, ווייל די גאנצע וואך האסטו ריינע אמונה אז דער גרויסער באשעפער וועט דיר שיקן די הוצאות שבת קודש, און ריינע אמונה איז אסאך גרעסער ווי לערנען תורה.

הרה"ק רבי יענקעלע מפשעוואָרסק זי"ע האט דערציילט א מעשה וואס ער האט געהערט, אז אין שטאט לאנצהוט האט געוואוינט א איד וואס מען האט גערופן "רבי יעקעלע תהילים זאגער", דער איד איז נישט געווען קיין גרויסע תלמיד חכם, אבער ער איז געווען א גאר ערליכער און האט גאר אסאך געזאגט תהילים, און דער איד האט זוכה געווען בזכות פון זאגן אזויפיל תהילים, אז עס פלעגט צו אים קומען א מלאך מגיד פון הימל,

איינמאל איז דער איד געקומען צום הייליגען חוזה זי"ע וואס האט נאך דאן געוואוינט אין לאנצהוט, און ער האט געזאגט פארן חוזה, אז דער מלאך המגיד האט אים יעצט מגלה געווען, אז צוליב וואס דער חוזה פירט רבנות בחייו פון זיין גרויסן רבין דער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, איז דאס ח"ו מקצר דאס לעבן פונעם רבין ר' אלימלך זי"ע, און דערפאר צו ראטעווען דעם לעבן פונעם רבין, זאל ער גיין ווי ווייטער פון ליזענסק,

דער הייליגער חוזה נישט טראכטענדיג פון זיך, נאר טראכטענדיג פון זיין גרויסן רבין, האט ער גענומען זעק און פעק, און אנגעהויבן גיין ווי ווייטער פון ליזענסק, איין טאג איז ער אנגעקומען צו א געוויסע שטאט, ער האט דארט אראפ געלייגט זיין משפחה, און זיך אריין געזעצט אין ביהמ"ד אין שטאט, און ער האט זיך איינגעבעטן ביים שמש, אז ער זאל אים לאזן בלייבן זיצן איינגעשפארט אין ביהמ"ד, אבער אזוי זיצענדיג אין ביהמ"ד, זעהט דער הייליגער חוזה פלוצלונג א מענטש מיט א הויכע געשטאלט און מיט א גאר לעכטיגע צורה,

אנפאנג האט זיך דער חוזה גאר שטארק דערשראקן, אבער באלד האט אים יענער געזאגט, איך בין דער וואס דער באשעפער האט געזאגט לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ (אברהם אבינו ע"ה), און וויבאלד די האסט אויך מקיים געווען די זעלבע ווי איך, מיטן איבער לאזן דאס גאנצע רבנות אין לאנצהוט נאר פארן כבוד פון דיין גרויסן רבין, וועסטו שוין דא בלייבן און וועסט שוין האבן מנוחה, און דאס איז געווען א שטאט נעבן לובלין, און טאקע דארט איז דער חוזה מלובלין זי"ע געבליבן ביז צו זיין הסתלקות,

איין יאר ל"ג בעומר האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געפירט א טיש מיט די חסידים לכבודו פון די יומא דהילולא פונעם הייליגע תנא הקדוש רבי שמעון בר יוחאי ע"ה, איז דארט געזיצן ביים טיש א איד פון ארץ ישראל, וואס איז יעדע יאר געפארן צום ציון קדשו פון רשב"י אין מירון, און צוליב וואס דער איד האט דאס יאר נישט געקענט פארן איז ער געווען זייער בעצבות,

דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע וואס מיט זיינע הייליגע אויגן האט אלעס מרגיש געווען, האט דער חוזה גענומען "מייערן מיט צימעס", און ער האט דאס אהין געגעבן פארן ארץ ישראל'דיגע איד און געזאגט בזה"ל, "דא האט איר מירון", ווי צו זאגן מיט די מייערן וועט איר האבן מירון, לפלא האט די ווערטער פונעם רבין געהאט אן השפעה, און עס איז דארט ביים טיש געווארן אזא שמחה, אז דער איד מיט אלע חסידים זענען ארויס אין א ריקוד מיט א געוואלדיגע השפעה אזוי ווי אין מירון ממש,

יומא דהילולא

זונטאג – תשעה באב

הגה"ק רבי יוחנן ב"ר מתתיהו זי"ע,
(טריוויש), אב"ד פאריז, קפ"ט.

הגה"ק רבי יצחק זעקיל ב"ר יששכר בערמאן הלוי זי"ע,
(שפיטץ), בעל ברכת יצחק, אב"ד באניהאד, תקכ"ח.

הרה"ק רבי מאיר ב"ר שלמה זלמן הכהן זי"ע,
(שיף), בעל דרך אניה, אב"ד פרנקפורט, תקס"ז.

הרה"ק רבי יעקב יצחק ב"ר אברהם אליעזר הלוי זי"ע,
(הורוויץ), בעל זאת זכרון, החוזה מלובלין, תקע"ה.

הרה"ק רבי אברהם ב"ר יצחק זי"ע,
(קורלענדער), אב"ד סענט-אנדראש, תקצ"ו.

הרה"ק רבי יעקב יוסף ב"ר ישראל זי"ע,
(רוטנבערג), מוואַרשא, תרי"א.

הרה"ק רבי גבריאל (המלאך) ב"ר דוד זי"ע,
(הורוויץ), ממאגלניצא, תלמיד החוזה זי"ע, תרי"ח.

הגה"ק רבי יעקב מאיר ב"ר אהרן שמואל זי"ע,
(אסאד), דומ"ץ סערדאהעלי, תרס"ה.

זכותם הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.